STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
NO. 07998

UNTERN AYZN

P. Yuditsh

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER

AMHERST, MASSACHUSETTS

413 256-4900 | YIDDISH@BIKHER.ORG

WWW.YIDDISHBOOKCENTER.ORG

•

MAJOR FUNDING FOR THE

STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY

WAS PROVIDED BY:

Lloyd E. Cotsen Trust

Arie & Ida Crown Memorial

The Seymour Grubman Family

David and Barbara B. Hirschhorn Foundation

Max Palevsky

Robert Price

Righteous Persons Foundation

Leif D. Rosenblatt

Sarah and Ben Torchinsky

Harry and Jeanette Weinberg Foundation

AND MEMBERS AND FRIENDS OF THE

National Yiddish Book Center

•

The *goldene pave*, or golden peacock, is a traditional symbol of Yiddish creativity. The inspiration for our colophon comes from a design by the noted artist Yechiel Hadani of Jerusalem, Israel.

The National Yiddish Book Center respects the copyright and intellectual property rights in our books. To the best of our knowledge, this title is either in the public domain or it is an orphan work for which no current copyright holder can be identified. If you hold an active copyright to this work – or if you know who does – please contact us by phone at 413-256-4900 x153, or by email at digitallibrary@bikher.org

פ. יודיטש

אונטערן אייזן

קאַפּיטלען פון אַרבעטער-געשיכטע
און שילדערונגען פון אַרבעטער-לעבן אין אַמעריקע

●

צייכענונגען פון וויליאַם גראַפּער

יודיש בוך-קאָמיטעט

UNTERN EISEN
(UNDER THE MANGLE)

By P. YUDITCH

Copyright, 1954
by the author

Published by the
YUDITCH BOOK COMMITTEE
New York

PRINTED IN THE U.S.A.
209

אינהאַלט:

זייט

קאַפּיטלען פון געשיכטע: 7
די אידישע אַרבעטער־באַוועגונג אַמאָל און איצט 8
די אַמאָליגע ראָל פון די געווערקשאַפטן 11
אַמאָליגער קרומער קוק אין דער א. פ. אָוו ל. 12
מיט וואָס די אידישע יוניאָנס האָבן זיך געענדערט 15
דער איצטיגער באַשטאַנד פון די געווערקשאַפטן 18
ענדערונגען אין גייסט און אין מעטאָדן 21
די ראָל פון די פּראָגרעסיווע אין די אידישע יוניאָנס 26
די ביוראָקראַטיע און די אָפּאָזיציעס פון אַמאָל 27
ווען די שניידער האָבן געבראָכן די שויבן פון „פאָרווערטס" 30
די פינף פעריאָדן אין דער געשיכטע 31
ווער עס זיינען געווען די ברעכער 38
די ראָל פון די פרויען־מיטגלידער 44
דער פּעריאָד פון נייעם וואוקס 48
דער אויפשוואונג פון דער רעאַקציע 55
זייער סאָציאַליזם פון אַמאָל און היינט 57
די ווירקונג פון די לינקע 62

בלעטלעך פון געשיכטע: 65
וואו די נאָדל־אינדוסטריע געפינט זיך 66
אַ לידל, וואָס האָט געוואונען אַ סטרייק 69
סובווערסיווע פון אַמאָל 71
דער אַמאָליגער סטאָליער פּיטער דזש. מעקגוואַיר 74
דער אָנהויב פון קאָמפּאַני־יוניאָניזם 77
אין ערשטן העלפט פון איצטיגן יאָרהונדערט 79

די מכה פון רעקעטירינג: 83
געשיכטע פון רעקעטירינג 84
דער אָפּשטאַם 84
דער צווייטער פּעריאָד 95
די צייטן פון „ביג דזשעק", „דאָפּי בעני" און אַנדערע גענגסטערס 102

סעם פּאַרקס און „סקיני״ מעידען — די ערשטע רעקעטירס אין דער בוי־אינדוסטריע 104
„גראַדואַנטן״ פון דער קאַפּאָנע־געגנג 123
די רעקעטס אין דער טראַנספּאָרט־אינדוסטריע 126
דער געמבלינג־רעקעט אין דער אויטאָ־אינדוסטריע 138
דער לוריע־מאָרד אין דער דרעס־אינדוסטריע 145
די געענדערטע ראָלן פון דער „לעפּקע״ און „גוראַ״־געגנג 155
געגנסטעריזם אונטער שוץ פון אַנטי־קאָמוניזם 159

די יוניאָן־באַוועגונג און די מאַוט: 164

מ׳קאָן לעבן, נאָר מ׳לאָזט ניט: 177
„לאָוו דהעם ענד ליוו דהעם״ 178
די ליבעס פון אַ קרענק 184
„סובווערסיווע״ הינער און בהמות 187
דריי איינלאַדונגען 191

טענות פון מאַטל דעם סטאָליער: 195
הינטישער מזל 196
מיליאָנערסקע פּראָלעטאַריער 200
אַ סאָלדאַטסקע פּראָספּעריטי 204
ניט קיין איידעם אויף קעסט, נאָר אַ סובסידיערי 207
די אורזאַך פון צעריסענע פּלודערן 210
אַ דאַיעטע מיט אַ קרענק 218
אַ לעקציע פאַר קבצנים 222
דער מזל פון אַ קאָרפּאָרעישאָן־פּרעזידענט און פון שפּינען און בינען 227
אַ פּראַגע וועגן גנבה 233
שווער צו זיין אַ קרבן 236
שווער צו זיין אַ פּרעזידענט 241
אַלץ הייסט „סקעבאַטשעס״ 244
די קרוינונג פון „קעניג מאָריס דעם ערשטן״ 247
ואחרי מות האָטשעסאָן 252
„קעניג״ ראַיען און זיינע פריינט 258
„קעניג״ ראַיען און זיין „רעפאָרם סקול״ 261
„קעניג״ ראַיען און זיינע אַדוואָקאַטן 264
„קעניג״ ראַיענ׳ס „בעיבי סיטערס״ 270

אַ וואָרט פון די אַרויסגעבער

מיר, די אַרויסגעבער פון דעם בוך, זיינען ניט קיין פּראָפעסיאָנעלע פאַרלעגער. מיר זיינען שאָפּ־אַרבעטער, יוניאָן־מיטגלידער און טוער פון יוניאָנס.

מיר זיינען אָבער גוט באַקאַנט מיט דער זשורנאַליסטישער אַרבעט פון פּ. יודיטש. אין זיינע אַרטיקלען און אין זיינע קאָלומס, וואָס זיינען אַ סך יאָרן געווען געדרוקט אין דער „מאָרגן־פרייהייט", האָט פּ. יודיטש כסדר אויסגעדריקט אונזערע וואונטשן און פאַרלאַנגען פאַר ריינע, דעמאָקראַטישע טרעיד־יוניאָנס, פאַר אַ געהעריגן לעבנס־סטאַנדאַרט, פאַר אַ לעבן, באַזירט אויף די שיינע און פּאָרגעשריטענע טראַדיציעס פון דער אידישער און אַמעריקאַנער אַרבעטער־באַוועגונג.

מיר גלויבן אויך, אַז פּ. יודיטש האָט נאָך פיל צו זאָגן וועגן דער טרעיד־יוניאָן באַוועגונג ווי וועגן אַרבעטער לעבן בכלל.

דעריבער האָבן מיר זיך געווענדעט צו פּ. יודיטש׳ן מיט אַ פאַרלאַנג, אַז ער זאָל צוגרייטן דעם דאָזיגן בוך און מיר האָבן, לויט אונדזער אייגענער איניציאַטיווע, זיך אָרגאַניזירט אין אַ יודיטש־בוך קאָמיטעט און, אַזוי אַרום, געוואָרן די פאַרלעגער פון דעם דאָזיגן בוך.

אין אונזער קאָמיטעט גייען אַריין אַרבעטער־טוער, וועלכע זיינען מיטגלידער פון דער אינטערנעשאַנאַל לעדיס גאַרמענט וואָרקערס יוניאָן, אַמאַלגאַמעיטעד קלאָדינג וואָרקערס אָוו אַמעריקע, פאַר און לעדער אַרבעטער יוניאָן, פּעינטערס יוניאָן, שיך אַרבעטער יוניאָן, בעקערס יוניאָן, פּאַקעטבוק יוניאָן און פון אַנדערע טרעיד־יוניאָנס.

מיר גלויבן, אַז דער בוך וועט זיין אַ ווערטפולער קולטורעלער ביישטייער און מיר האָפן, אַז דאָס וועט אויך זיין די מיינונג פון די לייענער.

אַ דאַנק צו די אַלע אַרבעטער, וואָס האָבן אונז מיטגעהאָלפן אין דער אַרבעט פון אַרויסגעבן דעם דאָזיגן בוך.

פאַר דעם פּ. יודיטש־בוך קאָמיטעט:

אברהם ווייס, פּאָרזיצער

ס. הייבער, סעקרעטאַר

רובין בודאה, טרעזשורער

וויצע־פּאָרזיצער:

דוד מאַטיס, טשאַרלס נעמעראָף, טשאַרלס סטיין,

רוט סטרים און מאָרים שניידערמאַן

אייניגע כמעט־פּערזענלעכע באַמערקונגען

דער בוך, וואָס ווערט דאָ איבערגעגעבן צום לייענער איז צוגע־גרייט און געדרוקט געוואָרן לויט דער איניציאַטיווע פון אַ גרויסער צאָל יוניאָן־טוער, וואָס זיינען אַליין אויך די אָפיציעלע און פּאַקטישע ארויס־געבער פון דעם בוך.

עס איז געווען זייער גלויבן, אַז דער דאָזיגער בוך וועט האָבן אַ גרויסן ווערט.

צי זייער חשבון איז געווען אַ ריכטיגער בלייבט פאַר דעם לייענער צו אורטיילן.

דער בוך האָט אין זיך עטלעכע אָפּטיילונגען.

איינע פון די גרעסערע טיילן איז „די אידישע אַרבעטער־באַוועגונג אַמאָל און היינט".

דאָס איז ניט קיין פולע געשיכטע. די פולע געשיכטע פון דער אידישער אַרבעטער־באַוועגונג און אירע קאַמפן דאַרף נאָך געשריבן ווערן.

דער דאָזיגער טייל האָט אָבער אין זיך אַ סך וויכטיגע קאַפּיטלען און פאַקטן, וואָס קאָנען פיל דינען פאַר אַלע ערלעכע שרייבער פון אַרבעטער־געשיכטע און פאַר יעדן לייענער.

דאָס זעלביגע איז וועגן טייל „די מכה פון רעקעטירינג".

אַ דאַנק מיין נאָענטן און ליבן פריינט ביל גראָפּער פאַר זיינע קינסטלערישע צייכענונגען, וואָס באַצירן דעם בוך.

אַ דאַנק אַלע גוטע און ליבע פריינט, וואָס זיינען די אַרויסגעבער.

זייערע נעמען זיינען קיין עין הרע אַזוי פיל, אַז עס איז אוממעג־לעך זיי דאָ אויסצורעכענען.

אַ דאַנק די לייענער.

אייער,

פ. יודיטש

קאַפּיטלען פון געשיכטע

די אידישע אַרבעטער־באַוועגונג
אַמאָל און איצט

אין קרייזן פון אידישן עולם רעדט מען און מען שרייבט זייער אָפט וועגן דער אמעריקאנער אידישער ארבעטער־באוועגונג.

אָבער וואָס איז אזוינס די אידישע ארבעטער־באוועגונג? פון וועמען באשטייט זי?

זיינען פאראַן מענטשן, וואָס זיינען געוואוינט צו קוקן אויף דער דאָזיגער באוועגונג איצט מיט די זעלבע ברילן ווי די ערשטע פאָר צענדליג יאָר פון איצטיגן יאָרהונדערט און אפילו ווי אין די לעצטע יאָרן פון דעם פריערדיגן יאָרהונדערט.

פארשטייט זיך, אז זייער אָפט מאכט מען דערפאר ערנסטע טעות'ן ביים שאצן די באדייטונג פון אָט־דער באוועגונג און מען קומט אויך צו פאלשע שלוסן.

וויכטיג איז אָבער צו געדענקען, אז די אידישע ארבעטער־באוועגונג אין אמעריקע, באזונדערס די אזוי־גערופענע אידישע יוניאָן־באוועגונג, איז איצט זייער ווייט ניט דאָס זעלביגע, וואָס זי איז געווען מיט צענדליגער יאָרן צוריק. גרויסע ענדערונגען זיינען אין דער צייט פאָרגעקומען אין דעם באשטאנד פון איר מיטגלידערשאפט און עס האָבן זיך אויך געענדערט איר גייסט און די מעטאָדן פון איר פירערשאפט.

דער אויסזען פון דער באַוועגונג מיט יאָרן צוריק

אָט לאָמיר זען פון וועמען די דאָזיגע באוועגונג איז באשטאנען מיט יאָרן צוריק און פון וועמען זי באשטייט איצט:

אַמאָל, אין אָנהויב פון איצטיגן יאָרהונדערט, איז די אידישע אַר־בעטער־באוועגונג געווען אַן אימיגראנטן־באוועגונג.

גרויסע אידישע מאסן האָבן אהער געשטראָמט פון רוסלאנד, פוילן, גאליציע און רומעניע.

מיט גאָר קליינע אויסנאמען האָבן די דעמאָלטדיגע אימיגראנטן־

אַמאָליגע שוויץ־סיסטעם אין די נאָדל־שעפּער

מאַסן זיך גלייך גענומען צו באַשעפטיגונג אין פאַרשיידענע שעפּער. אַ סך זיינען געקומען פאַרטיגע אַרבעטער פון דער היים, כאָטש די סיסטעם און מעטאָדן פון אַרבעט זיינען געווען אַנדערע, און אַ סך האָבן זיך ערשט דאָ גענומען צו מלאכה.

אין די נאָדל־פאַכן וואו זיי האָבן זיך קאָנצענטרירט זיינען די אידישע אַרבעטער אין יענער צייט געווען אין אַ גרויסער מערהייט.

ווען צוואַנציג טויזנט וועסטמאַכער (אַרבעטער פון פרויען־בלוזקעס) זיינען אין 1909 אין ניו יאָרק אַרויס אין אַ גענעראַל סטרייק איז די מערהייט פון די דאָזיגע אַרבעטער געווען אַ אידישע. אַרום אַכציג פּראָצענט פון די 20 טויזנט סטרייקערס זיינען געווען מיידלעך און די מערהייט פון זיי איז באַשטאַנען פון יונגע אידישע אימיגראַנטישע קינדער.

אין דעם באַרימטן קלאָוקמאַכער סטרייק, וואָס האָט אויסגעבראָכן אין חודש יולי פון 1910 איז צווישן די זעכציג טויזנט סטרייקערס בלויז אַ קליינער טייל, ניט מער ווי איניגע טויזנט, געווען אַ ניט־אידישער. די איבערוועגנדיגע מערהייט איז געווען אַ אידישע.

דער סטרייק, וואָס נאָענט צו פערציג טויזנט שניידער פון מענער־קליידער האָבן אין ניו יאָרק אָנגעפירט אין 1913, האָט אין זיינע רייען געהאַט אַרום אַכציג פּראָצענט אידישע אַרבעטער.

אידישע אַרבעטער האָבן פאַרנומען אַ גרויסן אָנגעזעענעם אָרט אין דער פוטער־אינדוסטריע, קאַפּן־אינדוסטריע, אין דעם בעקער־פאַך און אין פיל אַנדערע קלענערע פאַכן.

די פאַרהאַנדלונגען ביי די פאַרזאַמלונגען פון די אַרבעטער־אָרגאַניזאַציעס אין די אַלע דערמאָנטע אינדוסטריעס זיינען — מיט גאָר קליינע אויסנאַמען — געפירט געוואָרן אויף אידיש.

דעם 12טן, 13טן און 14טן מאַי פון 1911 איז אין פילאַדעלפיע אָפּגעהאַלטן געוואָרן אַ קאָנווענשאָן, וואָס איז געווען דער אָנהויב פון דעם רעוואָלט, וואָס די שניידער פון די מענער־קליידער האָבן נאָכדעם אויפגעהויבן געגן דער רעאַקציאָנערער פירערשאַפט פון דער „יונאַיטעד גאַרמענט וואָירקערס יוניאָן" און וואָס האָט געפירט צום גרויסן ניו־יאָרקער גענעראַל־סטרייק פון די שניידער אין 1913.

ביי דער קאָנווענשאָן זיינען געווען פאַרטראָטן 83 דעלעגאַטן פון 44 שניידער־לאָקאַלן פון אַכט שטעט, וואו די אינדוסטריע פון מענער־קליידער איז אין יענער צייט געווען קאָנצענטרירט.

דערציילט דער פּראָטאָקאָל פון יענער קאָנווענשאָן, אַז איינער פון אירע סאַמע ערשטע באַשלוסן איז געווען, אַז די קאָנווענשאָן־פאַרהאַנד־לונגען „זאָלן געפירט ווערן אין דער אידישער שפּראַך".

מען האָט דערביי נאָר דערקלערט, אַז „דאָס נעמט ניט אַוועק דאָס רעכט צו ריידן אין אַנדערע שפּראַכן אויב מען קאָן זיך נישט אויס־דריקן אין אידיש".

דער פּראָטאָקאָל פון יענער קאָנווענשאָן איז אויך געשריבן אין אידיש.

די ראָל פון די געווערקשאַפטן

די פאַראייניגטע אידישע געווערקשאַפטן האָבן אין יענער צייט אויך געהאַט אַ סך אַרבעט און די דאָזיגע קערפּערשאַפט האָט געשפּילט און געהאַט ביי וואָס צו שפּילן אַ וויכטיגע ראָלע.

אין 1888, ווען די פאַראייניגטע אידישע געווערקשאַפטן האָבן זיך אָרגאַניזירט, זיינען זיי טאַקע באַשטאַנען בלויז פון דריי אָרגאַניזאַ־ציעס. די ערשטע דריי געווערקשאַפטן־יוניאָנס זיינען געווען די אידישע שריפטזעצער יוניאָן, אַ אידישע כאָריסטן יוניאָן און אַ יוניאָן פון אי־דישע שוישפּילער. אָבער אין די שפּעטערדיגע יאָרן איז די צאָל פון די געווערקשאַפטן־יוניאָנס שטאַרק געוואָקסן און זייער קערפּערשאַפט, די געווערקשאַפטן, איז פאַר זיי געווען אַ וויכטיגער אינסטרומענט. אי־דישע אימיגראַנטן, וואָס זיינען אין יענע יאָרן געקומען אין לאַנד, זיינען אריינגעפאַלן אין פאַרשיידענע שוויץ־שעפּער. זייער פיל קליינע באַלע־באַטימלעך און קאָנטראַקטאָרלעך האָבן געזוכט אריינצוכאַפּן אין זייערע הענט אָט־די „גרינע", ניי־אַריבערגעקומענע אַרבעטער און צו עקספּלו־אַטירן זיי אויפ'ן ערגסטן שטייגער. גרויסע באַלעבאַטים האָבן אוודאי אויך געהאַט דעם חשק צו נוצן די אימיגראַנטישע אַרבעטער פאַר שקלאַ־פעריי און דערמיט אָנצוזאַמלען פאַר זיך גרעסערע פּראָפיטן.

די געווערקשאַפטן איז אין יענער צייט געווען די באַשיצערין פון די אידישע אימיגראַנטישע אַרבעטער. זי האָט זיי אָרגאַניזירט, געהאָלפן פירן זייערע קאַמפן געגן שוויץ־שאַפּ באַדינגונגען. זי האָט פאַר זיי אויך געשלאָסן אָפּמאַכן מיט באַלעבאַטים. זי איז געווען די ניאַנקע פון אַ סך אידישע יוניאָנס, באַזונדערס די קלענערע, און זיי האָבן פון איר געהאַט זייער פיל הילף.

ארום און ארום איז אזוי אין יענער צייט געווען א ספּעציפיש־אידישע טרעיד יוניאָן באַוועגונג, וואָס האָט אין זיך געהאַט אַן אייגנאַרטיגן קאַליר. די יוניאָנס זיינען געווען קליין. אָבער זיי זיינען דאָך אין זייער גרויסער מערהייט באַשטאַנען פון אידישע ארבעטער און א טייל פון זייערע אייגנשאַפטן זיינען אויך געווען אידישע. אפילו די פאכן וואו זיי זיינען געווען באַשעפטיגט זיינען אויך באַטראַכט געוואָרן אַלס אידישע.

דער גייסט פון די דאָזיגע יוניאָנס איז אין יענע יאָרן געווען א סאָציאַליסטישער. אמת, די מעטאָדן, וואָס א צאָל פון זייערע פירער האָבן אָנגעהויבן צו באַנוצן אין צוויטן צענדליג פון איצטיגן יאָרהונדערט (ווי מיר וועלן דאָס דאָ אביסל ווייטער אָנווייזן) זיינען ניט געווען קיין זויבערע. אָבער צו די ארבעטער האָבן אפילו אָט־די פירער אויך שטענדיג גערעדט מיט א סאָציאַליסטישן לשון און דאָס וואָרט קלאַסנקאַמף האָבן זיי ניט גענוצט אויף אזא ציניש אופן ווי א צאָל פון זיי האָבן דאָס אָנגעהויבן טאָן שפּעטער.

אין א צעטל פון די אָרגאַניזאַציעס, וואָס זיינען אין 1892 געווען אָנגעשלאָסן אָן די פאראייניגטע אידישע געווערקשאַפטן געפינט איר, אַז אין יענעם יאָר זיינען שוין אין די געווערקשאַפטן געווען אָנגעשלאָסן 28 יוניאָנס און צוזאַמען מיט זיי אויך א אידישע סעקציע פון דער דעמאָלטדיגער סאָציאַליסטישער ארבעטער־פּארטיי (ס. ל. פּ.) און די „ארבעטער צייטונג פּאָבלישינג אַסאָסיעישאָן”, וואָס האָט ארויסגעגעבן די דעמאָלטדיגע וואָכנבלאַט „ארבעטער צייטונג”.

דער אַמאָליגער קרומער קוק אין דער א. פ. אָוו ל.

צווישן די קאָנסערוואַטיווע פירער פון דער אמעריקען פעדערעישאָן אָוו לעיבאָר” (אמעריקאַנער טרעיד־יוניאָן פעדעראַציע) האָט מען דערינבער אין יענע יאָרן (און א היפּשע צייט אויך שפּעטער) געקוקט זייער קרום אויפן אידישן טייל פון דער טרעיד־יוניאָן באַוועגונג.

אמת, סעמועל גאָמפּערס, דער דעמאָלטדיגער פּרעזידענט פון דער פעדערעישאָן, האָט אין זיינע סאַמע ערשטע יאָרן אפילו זיך אַליין אויך געהאַלטן פאר א סאָציאַליסט. אָבער שפּעטער איז זיין קוק אויף די אידישע יוניאָנס געוואָרן ניט בעסער ווי פון א מעטיו וואָל, אָדער א ביל האַטשעסאָן.

די קאָנסערוואַטיווע פירער פון דער א. פ. אָוו ל. זיינען דעריבער, למשל, אין 1917, געווען זייער צופרידן, וואָס זיי האָבן אין זייערע הענט אַריינגעכאַפּט אַ יוריסדיקציע־סכסוך צווישן דער דעמאָלטדיגער באַזונדערער העטמאַכער־יוניאָן און דער קאַפּ און מילינערי אַרבעטער־יוניאָן און דאָס געקאָנט נוצן אַלס אורזאַך אויף אויסצושליסן די יוניאָן פון די קאַפּ און מילינערי־אַרבעטער.

זיי זיינען אויך געווען צופרידן ווען די אַרבעטער פון מענער־קליי־דער האָבן אין 1914 אָרגאַניזירט זייער אַמאַלגאַמעיטעד, ווייל זיי האָבן געמוזט פאַרלאָזן די יונאַיטעד גאַרמענט וואָירקערס יוניאָן און דערמיט אויך די א. פ. אָוו ל.

צווישן די פירער פון דער א. פ. אָוו ל. זיינען געווען אַזעלכע, וואָס האָבן אויף די אידישע יוניאָנס געקוקט קרום ניט נאָר דערפאַר, ווייל זייער גייסט איז געווען אַ סאָציאַליסטישער, נאָר אויך דערפאַר, ווייל די דאָזיגע פירער פון דער א. פ. אָוו ל. זיינען בכלל געווען ניט זייער פאַרליבט אין אידן.

די קנאַפּע ליבע, וואָס אַזוינע פירער ווי מעטיו וואָל, דזשאָן פּ. פריי און ביל האַטשעסאָן האָבן געהאַט צו אידישע אַרבעטער האָט זיך אין אַ געוויסער מאָס ארויסגעוויזן אפילו אויך אַזוי שפּעט ווי אין 1936.

די יוניאָנס פון די קליידער־אַרבעטער (אינטערנעשאָנאַל, אַמאַלגאַ־מעיטעד און קאַפּ און מילינערי יוניאָן) זיינען געווען דריי פון די ערשטע אכט אָרגאַניזאַציעס, וואָס זייערע פּרעזידענטן האָבן אין סוף פון 1935 געהאַלטן אַ קאָנפערענץ און אָרגאַניזירט די קאָמיטע פאַר אינדוסטריע־לער אָרגאַניזאַציע.

זיבן פון די דאָזיגע אכט יוניאָנס און דריי אַנדערע, וואָס זיינען צו זיי נאָך דער קאָנפערענץ צוגעשטאַנען האָט מען דערפאַר סוספּענ־דירט פון דער א. פ. אָוו ל.

געבליבן איז דאָרט בלויז די קאַפּ און מילינערי יוניאָן. מאַקס זאַריצקי, דער דעמאָלטדיגער פּרעזידענט פון דער דאָזיגער אָרגאַניזאַציע, האָט געהאַט דערקלערט, אַז ביי דער גרינדונג פון דער קאָמיטע פאַר אינדוסטריעלער אָרגאַניזאַציע האָט ער פאַרטראָטן בלויז זיך אַליין און ניט זיין יוניאָן. האָט מען דעריבער די קאַפּ און מילינעריי יוניאָן דע־מאָלט ניט סוספּענדירט.

אָבער ביי אַ קאָנווענשאָן, וואָס די א. פ. אָוו ל. האָט אין 1936

אָפּגעהאַלטן אין טאַמפּאַ, פלאָרידאַ, האָט מען די צען סוספּענדירטע יוניאָנס איינגאַנצן אויסגעשלאָסן און אין אַ רעזאָלוציע, וואָס מעטיו וואָל האָט אין נאָמען פון דער רעזאָלוציע־קאָמיטע געלייענט ביי דער קאָנווענשאָן האָט מען דערלאַנגט אַ באַזונדער רייב אין זייט די אידישע אַרבעטער פון די נאָדל־יוניאָנס.

מען האָט אין דער רעזאָלוציע איינגעשלאָסן אַ פּאָר פּאַראַגראַפן, אין וועלכע מען האָט גע'טענה'ט:

„וואָס איז שייך יענע אָרגאַניזאַציעס (פון סי־אַי־אָ), וועלכע באַשטייען אין אַ גרויסן טייל פון אידישע אַרבעטער, איז אויב מיר ווילן האָבן דעם פולן אמת קאָן בלויז געזאָגט ווערן, אַז מיר האָבן זיי גענומען ביי די הענט ווען זייער וויייניג הענט האָבן זיי געוואָלט אויפנעמען. מיר האָבן זיי געפירט און מיט זיי און פאַר זיי געבויט און זיי באַשיצט. מיר האָבן זיי געפירט און באַשיצט אפילו דעמאָלט ווען איייניגע פון זייערע פירער, וואָס האָבן זיך געהאַלטן ביי די אידייען פון דער אַלטער וועלט, פון וואַנען אַזוי פיל פון זיי זיינען אַנטלאָפן מיט טויטלעכער שרעק פאַר זייערע לעבנס, האָבן גענוצט אונזער פּלאַטפאָרמע צו פּריידיגן אַזוינע געדאַנקען, וואָס זיינען פרעמד צו אונזערע אייגענע גלויבנס און איבערצייגונגען.

„זאָלן זיי (אָט די אידן, הייסט עס) וועגן דעם זיך איבערלייגן אין זייערע הערצער און אין זייערע היימען".

פאַראַן אַ ווערטל: „וואָס ביי אַ ניכטערן אויפן לונג איז ביי אַ שיכור'ן אויפן צונג".

מעטיו וואָל און זיינע קאָלעגן זיינען דעמאָלט געווען פאַר'שיכור'ט פון צאָרן געגן דער אָרגאַניזירונג פון סי־אַי־אָ. איז אָט־די „ליבע", וואָס זיי האָבן פאַר די אידישע אַרבעטער אין אַלע פריערדיגע יאָרן געהאַלטן אויפן לונג האָט זיך ביי זיי אפילו נאָך אַזוי שפּעט ווי אין 1936 ארויסגעריסן אויפן צונג.

מאַקס זאַריצקי האָט געגן דעם ביי יענער קאָנווענשאָן אויפגעהויבן אַ שאַרפן פּראָטעסט. האָט מען פון דער רעזאָלוציע די צוויי פּאַראַגראַפן פאָרמעל צוריקגעצויגן. אָבער נאַציס און אָפענע אַנטיסעמיטן האָבן דאָס נאָכדעם גאַנץ פיין אויסגענוצט, ניט געקוקט אויף דעם, וואָס מען האָט עס צוריקגעצויגן.

אין אַ חודש־בלעטל „אַמעריקען ביולעטין“, וואָס ניו־יאָרקער נאַציס האָבן דעמאָלט אַרויסגעגעבן, האָט מען, ווי איר קאָנט דאָ זען פון אַ שטיקל פאָטאָסטאַט זיך געפרייט, אַז „א. פ. אָוו ל. גראָוז דזשו־וואַיז“. די אַמעריקען פעדערעישאָן אָוו לעיבאָר, הייסט עס, „ווערט אין שייכות צו אידן קליגער“.


"THE WHITE MAN'S VIEWPOINT"

American Bulletin

VOL. II NO. 32 — DECEMBER 1, 1936 — 5 CENT

A. F. OF L. GROWS JEW-WISE

A resolution drawn up by the resolutions committee of the A. F. of .. which recommended continued suspension of the C.I.O. unions, strongly pinted the real reason of the split between these two labor factions.

The resolution made direct reference to the pronouncedly Jewish leadership of the Amalgamated Clothing Workers, the International Ladies Garment Workers and the Hatters' Union, headed respectively by Sid-

RED TACTICS

In New York City members of th Communist Party are now goin

מיט וואָס די אידישע יוניאָנס האָבן זיך געענדערט

די אַמאָליגע אידישע יוניאָנס זיינען יעדנפאַלס איצט ווייט ניט די זעלביגע ווי געווען.

אידישע אַרבעטער זיינען איצט אויך פאַראַן אין זייער פיל פאַכן.

און נאָך מער: אידישע אַרבעטער זיינען איצט באַשעפטיגט אפילו אין אַ סך אַזוינע פאַכן וואָס זיינען קיינמאָל ניט באַטראַכט געוואָרן פאַר קיין אידישע און וואו אידישע אַרבעטער האָבן אַמאָל כמעט ווי גאָר קיין צוטריט ניט געהאַט. זיי זיינען באַשעפטיגט אין פאַכן פון דער לייכטער אינדוסטריע און אויך אין אַ טייל פאַכן פון דער אַזוי־גערופענער שווערער אינדוסטריע. פאַראַן איצט אידישע אַרבעטער אין אויטאָ־פאַבריקן, מאַשין־פאַבריקן, עלעקטריקל־פאַבריקן, אפילו אויך אין שטאָל־פאַבריקן. זיי פאַרנעמען אַ גרויסן אָרט אין דער שפּייז־אינדוסטריע און נאָך מער אין די אַזוי־גערופענע סוירוויס (באַדינונגס) פאַכן.

אַ גרויסער טייל פון די אידישע אַרבעטער איז נאָך אַוודאי איצט אויך קאָנצענטרירט דערהויפּט אין די פאַכן פון דער נאָדל־אינדוסטריע.

אָבער די יוניאָנס פון דער נאָדל־אינדוסטריע זיינען שוין ניט מער

קיין אידישע יוניאָנס ווי זיי זיינען דאָס געווען אַמאָל און עס זיינען איצט אויך מער ניטאָ אַט־די קליינע אידישע יוניאָנס פון אַמאָל.

די אידישע אַרבעטער זיינען נאָך אַלץ אין אַן איבערוועגנדיגער מער־הייט אין די שעפּער פון פוטער־מאַנטלען. ניט אין די שעפּער וואו מען פּראָדוצירט די פוטערוואַרג. זיי זיינען נאָך איצט אין אַ מערהייט צווישן די אַרבעטער, וואָס זיינען אין ניו יאָרק באַשעפטיגט אין די שעפּער פון דעם פּאַקעטבוק (בייטלען) פאַך. זיי זיינען אָבער אין אַ קליינער מינדערהייט צווישן די הונדערטער טויזנטער אַרבעטער, וואָס זיינען איצט באַשעפטיגט ביי אַלע סאָרטן פרויען־קליידער (אַחוץ פּאַר־מאַנטלען) און ביי מענער־קליידער.

אין דער אינטערנעשאָנאַל פון די פרויען קליידער אַרבעטער, וואָס האָט אין 1953 דערגרייכט אַ מיטגלידערשאַפט פון איבער 400 טויזנט, איז די צאָל פון די אידישער אַרבעטער שוין געווען ניט מער ווי אַרום 20 פּראָצענט.

ביי דער אַרבעט פון די מענער־קליידער איז די צאָל פון אידישע אַרבעטער אין דעם יאָר 1953 שוין געוואָרן נאָך ווייניגער ווי 20 פּראָצענט.

אין אַלע נאָדל־פאַכן ווערט דער פּראָצענט פון די אידישע אַרבעטער וואָס ווייטער אַלץ מער פאַרקלענערט.

די אורזאַכן

אורזאַכן זיינען דערביי פאַראַן די פאָלגענדע:

1) דער שטראָם פון דער אידישער אימיגראַציע איז שוין פון לאַנג צוריק אָפּגעשטעלט.

2) אַמאָל זיינען די נאָדל־פאַכן געווען קאָנצענטרירט בלויז אין די גרויסע שטעט וואו די אידישע באַפעלקערונג איז גרויס און וואו אַ סך אידן זוכן פּרנסה ניט דווקא דורך האַנדל און וואַנדל, נאָר אויך דורך באַשעפטיגונג אין שעפּער און אין פאַבריקן. אָבער אין די לעצטע יאָרן האָבן זיך די דאָזיגע פאַכן אויסגעשפּרייט און זיי שפּרייטן זיך אַלץ מער און מער איבער אַלע שטעט און שטעטלעך, וואו די אידישע באַפעלקערונג איז בכלל זייער קליין. דאָרט ווערן אין די שעפּער פון די נאָדל־פאַכן אַריינגעצויגן מער און מער אָרטיגע ניט־אידישע אַרבעטער

און דאָס פאַרקלענערט אַלץ מער דעם פּראָצענט און אפילו אויך די אַל־געמיינע צאָל פון די אידישע נאָדל־אַרבעטער.

3) אין די גרעסטע שטעט, אין אַזוינע ערטער ווי ניו יאָרק, שי־קאַגאָ, פילאַדעלפיע און באָסטאָן, געפינען זיך אין אַ גרעסערער צאָל די שעפּער וואו מען מאַכט די בעסערע סאָרטן קליידער און וואו די אַרבעטער דאַרפן זיין אביסל בעסערע באַלמעלאָכעס ווי ביי די ביליגערע קליידער. אין די קלענערע שטעט פּראָדוצירט מען דערהויפּט די ביליגערע קליידער. אין די פרויען־קליידער שעפּער, וואָס זיינען דאָרט פאַראַן, נוצט מען אין אַ גרויסער מאָס די סעקשאָן־סיסטעם. מען טיילט אוים די אַרבעט פון דעם פרויען־מאַנטל אָדער קאָסטיום אויף אַזוי פיל שטיקלעך, אַז קיין קוואַליפיקאַציעס צו דער אַרבעט זיינען ניט נויטיג. מען קען דערביי זייער שנעל ווערן אַ באַלמעלאָכע. איז אין די קלענערע שטעט זייער לייכט אריינצוציען אין דער אַרבעט אַזוינע אַרבעטער, וואָס האָבן דערביי פריער די דאָזיגע אַרבעט אין ערגעץ ניט געלערנט און קיין קענטניש ניט געקראָגן.

4) די הויפּט־אורזאַך פאַר דער פאַרקלענערטער צאָל אידישע נאָדל־אַרבעטער ליגט אין דעם, וואָס די אידישע קלאָוקמאַכער, דרעס־מאַכער און שניידער פון מענער־קליידער ווילן זייערע קינדער נישט אריינברענגען אין דער זעלבער מלאכה וואו זיי אַליין זיינען באַשעפ־טיגט. נאָדל־אַרבעטער פון אַנדערע נאַציאָנאַליטעטן טוען דאָס, אָבער אידישע טוען דאָס זייער זעלטן. אַ אידישער קלאָוקמאַכער, אָדער שניידער וועט שפּאָרן פון זיין לעצטן ביסן, כדי צו מאַכן זיין קינד פאַר אַ „פּראָפעשאָנאַל", אַ דאָקטאָר, אַ דענטיסט, אַ לאָיער אָדער עפּעס אַנ־דערש. ער וועט אפילו לאָזן זיין קינד ווערן אַ קלוירק פאַר נישטיגע שכירות אין אַ דעפּאַרטמענט סטאָר אָדער ערגעץ וואו אין אַ קליינער קראָם, אַבי ניט קיין קלאָוקמאַכער אָדער שניידער.

אביסל אַנדערש איז דאָס ביי די פּאָר־אַרבעטער.

איידער עס איז געקומען דער ביטערער קריזיס, וואָס די פּאָר־אינ־דוסטריע האָט אָנגעהויבן דורכצומאַכן אומגעפער אין 1949, האָבן זיך נאָך געפונען אַ היפּשע צאָל טאַטעס, וואָס האָבן געזוכט צו מאַכן זייערע קינדער פאַר פּאָריער. אָבער ביי קלאָוקמאַכער, דרעסמאַכער און שניי־דער יאָגט מען זיך דערצו שוין לאַנג זייער ווייניג.

דער סך־הכל דערפון איז, אַז די טאַטעס און מאַמעס, די אימיגראַנ־

טישע אידישע נאָדל־ארבעטער פון אמאָל, ווערן אלץ עלטער, פאַלן אלץ מער ארויס פון דער ארבעט, און קיין סך נייע אידישע נאָדל־ארבעטער קומען ניט צו.

ביי די אידישע בעקער־ארבעטער איז דער סך־הכל כמעט דער זעל־בער ווי ביי די קלאָוקמאַכער.

דער פלאַץ פון דעם אידישן בעקער־ארבעטער איז אלע יאָרן געווען מערסטנס אין די קלענערע בעקערייען וואו מען באַקט דאָס אידישע ברויטל, די אידישע חלה, דעם אידישן בייגל און די אנדערע אזוינע געבעקסן, וואָס אידישע פאַמיליעס זיינען געוואוינט צו באַנוצן. אָבער די מאָדערנע טעכניק און די סיסטעם פון מאַסן־פּראָדוקציע, וואָס די גרויסע ברויט קאָרפּאָרעישאָנס האָבן אין די לעצטע יאָרן אנטוויקלט, האָבן די אזוי־גערופענע אידישע ברויט־פּראָדוקטן דערלאַנגט א שטאַרקן שטויס און זייער געברויך ווערט אלץ מער פארקלענערט. די אידישע קליינע בעקערייען ווערן אויך ביסלעכווייז באַזייטיגט. די פאַכמאַנשאַפט וואָס א בעקער־ארבעטער האָט אמאָל געדאַרפט האָבן ווערט אלץ ווייניגער נויטיג. געפינט מען נאָך ביי די אידישע בעקער א געוויסע צאָל פון די אימיגראַנטישע ארבעטער פון אמאָל, אָבער נייע יונגע אידישע בעקער ארבעטער קומען צו זייער ווייניג.

דער באַשטאַנד פון דער ארבעטערשאַפט האָט זיך אזוי שטאַרק גע־ענדערט אויך אין דער בוי־אינדוסטריע.

געווען אמאָל א גרויסע צאָל אידישע ארבעטער צווישן די סטאָ־ליאַרעס.

אין דער יוניאָן פון די סטאָליאַרעס זיינען געווען (באַזונדערס אין די גרעסערע אידישע צענטרען) א היבשע צאָל אזוינע לאָקאַלן, וואָס זיי־נען באַשטאַנען בלויז פון אידישע ארבעטער.

אָבער זינט די אמאָליגע אידישע אימיגראַציע האָט זיך אָפּגעשטעלט ווערט די צאָל פון אידישע סטאָליאַרעס אלץ קלענער און קלענער.

דאָס זעלביגע איז אין א גרויסער מאָס אויך ביי די פּעינטערס, ביי די פּארבערס פון דער בוי־אינדוסטריע.

דער איצטיגער באַשטאַנד פון די געווערקשאַפטן

די ראָלע פון די פאַראייניגטע אידישע געווערקשאַפטן האָט זיך אין די לעצטע יאָרן אויך אינגאַנצן געביטן.

קיין נייע אידישע אימיגראנטן זיינען (מיט דער אויסנאם פון א קליינער צאָל פליכטלינגען) איצט ניטאָ. די אמאָליגע אימיגראנטישע קליינע אידישע יוניאָנס, וואָס די געווערקשאפטן האָט געדארפט ניאַנ־טשען, זיינען אויך ניטאָ.

איינציגע פון אָט־די אמאָליגע אימיגראנטישע קליינע יוניאָנס זיינען באַזייטיגט געוואָרן צוזאַמען מיט די קליינע פאַכן ביי וועלכע זיי זיינען געווען באַשעפטיגט און די אנדערע זיינען אמעריקאניזירט און גרויס געוואָרן.

זיי, אָט־די גרויסע יוניאָנס, ווי, למשל, די אינטערנעשאָנאַל פון די פרויען קליידער־ארבעטער, אָדער די אמאַלגאַמעיטעד פון די מענער־קליידער־ארבעטער, דארפן נישט מער די הילף פון די געווערקשאפטן און זי קען זיי ניט העלפן.

איצט קלאָגט מען אָפט ביי די געווערקשאפטן, הלמאי די אויסגע־וואַקסענע אמעריקאניזירטע יוניאָנס „פאַרגעסן די מאַמע", וואָס האָט זיי געבאָוועט ווען זיי זיינען נאָך געווען „גרין", יונג און קליין.

די „מאַמע", די געווערקשאפטן, איז, הייסט עס, שוין אַלט, שוואַך, אָפּגעלעבט, און מען האָט טענות הלמאי מ'העלפט איר ניט. אָבער זי קען שוין ניט העלפן און די צו וועלכע מ'האָט די טענות דארפן שוין איר הילף ניט האָבן.

אמת איז, אַז טיילן פון אָט־די גרעסערע יוניאָנס צאָלן איר נאָך דעם רעגולערן שטייער, וועלכן מען רופט דיוס. אָבער דאָס טוט מען — ערשטנס, טאַקע כמעט ווי צוליב רחמנות, און צווייטנס, כדי אויפצו־האַלטן די פירמע, דעם נאָמען און דעם שילד פון די געווערקשאפטן.

די צאָל פון די אַזוי גערופענע קליינע אידישע יוניאָנס, וואָס זיינען נאָך איצט אויך אָנגעשלאָסן אָן די געווערקשאפטן, איז אַן אומבאַדיי־טענדע און מערסטנס גאָר ניט אידיש. אידישע ארבעטער זיינען אין אָט־די יוניאָנס אויך זייער ווייניג.

דער פאַקט איז, אַז אפילו דער הויפּט־באַאַמטער פון די געווערק־שאפטן, איר סעקרעטאַר, איז שוין איצט אויך אַזאַ איד, וואָס קאָן זייער ווייניג אידיש.

די גאַנצע ראָל פון די געווערקשאפטן איז איצט געוואָרן אַזעלכע, אַז זי דינט בלויז ווי אַ ראָבער־סטעמפּ, אַ שטיקל פאָרמעלער פּעטשאַט

פאר'ן „פאָרווערטס״ און ווי אַן אגענטור פאר אַצאָל מענטשן, וועלכע דער „פאָרווערטס״ דארף באַזאָרגן מיט באַצאָלטע אַמטן אין די יוניאָנס.

אַ מוסטער פון אַ פּראָטאָקאָל

אַן אָפּשפּיגלונג פון דער איצטיגער רוטינער ארבעט פון די גווערק־שאפטן קען מען זען ווען מען כאפּט אַ קוק אין די אָפיציעלע פּראָטאָ־קאָל־באריכטן פון די געווערקשאפטן־מיטינגען.

ווען מיר נעמען אלס ביישפּיל אַ פּראָטאָקאָל, וואָס איז געווען גע־דרוקט אין „פאָרווערטס״ אפילו נאָך אַזוי ווייט צוריק ווי דעם 10טן פעברואר פון 1947 און וואָס איז בכלל ניט קיין אויסנאַם זעען מיר, אַז ביי אַ געווערקשאפטן־מיטינג פון 13טן יאַנואר אין יענעם יאָר, זיי־נען די פארהאנדלונגען — בקיצור — געווען ווי פאָלגט:

ראובן גוסקין דאנקט אין אַ בריוו פאַר די בלומען, וואָס מ'האָט אים געשיקט ווען ער איז געווען אין שפּיטאָל.

מאָריס גאָלדאָווסקי שיקט אַ גרוס אין אַ בריוו פון שווייצאַריע.

די „פרייע ארבעטער שטימע״ לאַדעט מען זאָל אָנטייל נעמען אין דער פייערונג פון איר יובילייע.

פּעיפּער באקס מאכער יוניאָן לאַדעט דעם געווערקשאפטן־סעקרע־טאר צו אַ דינער (באַנקעט) לכבוד איר מענעדזשער.

לאָקאָל 150 בעקער־קלוירקס לאַדעט אויך דעם סעקרעטאר צו אַן אינסטאָלעישאָן.

דער סענטראַל טרעידס און לעיבאָר קאונסיל לאַדעט צו אַ לינקאָלן דעי דינער.

אָט אַזוי גייט עס דאָרט ווייטער און ווייטער.

ווען מען באטראכט די אַלע זאַכן קען מען זען, אַז אַמעריקע האָט טאַקע אויך איצט אַ גרויסע צאָל אידישע ארבעטער. אויב זייער צאָל איז פארקלענערט אין דער נאָדל־אינדוסטריע און אין די אַנדערע, די קלענערע פאכן וואו זיי זיינען אַמאָל געווען אין אַ מערהייט, זיינען זיי איצט מער צעשפּרייט אין אַ סך אַזוינע פאכן וואו אידישע ארבעטער זיינען פריער זייער ווייניג געווען באשעפטיגט. פאראַן איצט אוודאי אויך אידישע יוניאָן־פירער. עס איז אָבער ניטאָ מער קיין אידישע ארבעטער־באַוועגונג ווי אַמאָל און עס ווערן אַלץ ווייניגער אין צאָל

אַט־די יוניאָנס אויף וועלכע מען זאָל קענען אָנווייזן, אַז זיי זיינען אי־דישע אָדער אַז די מערהייט פון זייער מיטגלידערשאַפט איז אַ אידישע.

די ענדערונגען אין גייסט און אין מעטאָדן

ענדערונגען זיינען אויך פאָרגעקומען אין דעם גייסט און אין די מעטאָדן פון פירערשאַפט, וואָס ווערן באַנוצט אין אַט־די יוניאָנס, וועלכע מען האָט אַמאָל באַטראַכט אַלס אידישע און וואָס ווערן נאָך ביי אַ סך מענטשן איצט אויך פאָרמעל פאַררעכנט פאַר אידישע.

אַמאָל, אין די גאָר ערשטע יאָרן פון די אידישע יוניאָנס, זיינען זייערע מערסטע פירער, מיט גאָר קליינע אויסנאַמען, געווען סאָציאַ־ליסטיש. פון דער לערע פון מאַרקסיזם האָט מען קיין חוזק־שטיק נישט געמאַכט.

איצט זיינען די מאַסן, די טויזנטער אידישע אַרבעטער, וואָס באַ־לאַנגען צו די יוניאָנס זייער פּראָגרעסיוו. אָבער אַ סך פון די אידישע יוניאָן־פירער, באַזונדערס די, וואָס שטאַמען פון דעם „פאָרווערטס"־חדר, זיינען געוואָרן נאָענטע חברים פון אַזוינע פּערזאָנען ווי מעטיו וואָל, ביל האַטשעסאָן און זיי שטיצן אָפט די פּאָליטיק פון די סאַמע ערגסטע כוחות פון דער רעאַקציע.

אַ ליכטיגער אויסנאַם איז אין דעם פּרט די יוניאָן פון די פּאָר־אַרבעטער.

אין דער פּאָר־אינדוסטריע האָבן די אַרבעטער מיט אַ סך יאָרן צוריק אויסגעקעמפט די רעכט און די מעגלעכקייט צו האָבן אַ יוניאָן־פירערשאַפט, וואָס זאָל געטריי דינען די מיטגלידער פון דער יוניאָן, היטן זייער רעכט און באַשיצן אַלע זייערע נאָענטסטע אינטערעסן.

איז דאָ די פירערשאַפט זינט דעמאָלט געבליבן אַזעלכע, וואָס שטייט שטענדיג אין די פאָדערשטע רייען פון אַלע וויכטיגע קאַמפן לטובת דער אַרבעטער־באַוועגונג און געגן די כוחות פון רעאַקציע. אָבער גאַנץ אַנ־דערש איז דאָס מיט די מענטשן, וואָס שטייען נאָך אין דער פירערשאַפט פון די יוניאָנס פון די פרויען־קליידער אַרבעטער, העט און מילינערי אַרבעטער און פון אַ היבשער צאָל אויך אַנדערע אַרבעטער.

אַמאָל, מיט צענדליגער יאָרן צוריק, האָבן „פאָרווערטס"־פירער פון אידישע יוניאָנס זיך געהאַט צוגעוואוינט צו באַנוצן די מעטאָדן פון גענגסטעריזם.

מענטשן אַזעלכע ווי דער פאַרשטאָרבענער איזידאָר קאָהען, אַן אַמאָליגער פירער פון דער פאַריערס יוניאָן, האָט עס אַפילו געפּרואווט באַרעכטיגן אין אָפענע דערקלערונגען. די טענה פון אים און פון אַנדערע פירער פון זיין שניט איז געווען, אַז אַזוי ווי די באָסעס נוצן גענגסטערס מוזן די יוניאָנס דאָס אויך נוצן.

פלעגן טאַקע באָסעס אין צייטן פון סטרייק נוצן גענגסטערס, און פירערס פון יוניאָנס, אַזעלכע ווי דער דערמאָנטער קאָהען, ווי אייב בעקערמאַן און אַנדערע, פלעגן אויך נוצן גענגסטערס.

די „דאָפּי בעני" גענג, די „ליטל אָגי" גענג, די „לעפּקע און גורא" גענג און נאָך אַזעלכע באַנדעס זיינען אַזוי אַריינגעדרונגען אין די יוניאָנס, אַז אין אַ היבשער צאָל פון זיי האָבן זיי שוין געהאַט פאַרנומען דעם גלאַוונעם אויבנאָן און דאָרט געוואָרן די גאַנצע באַלעבאַטים.

זייער אָפּט האָט איינע און די זעלבע גענג געאַרבעט סיי פאַר דער יוניאָן און סיי פאַר די באָסעס קעגן וועלכע די יוניאָן האָט געמוזט פירן אַ קאַמף.

די „פאָרווערטס"־מענטשן, וואָס האָבן די גענגס באַנוצט, האָבן זיך דערצו געהאַט אַזוי צוגעוואוינט, אַז מ'האָט די שלעגער אויך אָנגעהויבן נוצן קעגן ערלעכע און פּראָגרעסיווע מיטגלידער, וואָס האָבן אין די יוניאָנס געוואַגט צו זאָגן אַמאָל אַ וואָרט קעגן די פירער.

פּראָפעסיאָנעלע גענגסטערס זיינען גענוצט געוואָרן צו מאַכן בלוטיגע אָנפאַלן אויף אַרבעטער־פאַרזאַמלונגען, וואָס פלעגן געהאַלטן ווערן קעגן דעם ווילן פון די אַזוי־גערופענע פירער.

איצט איז אָט־דער גענגסטעריזם באַזייטיגט. אַ טייל פון די מענטשן ביי וועלכע דער „בלעק־דזשעק" פון דעם פּראָפעסיאָנעלן גענגסטעריזם איז אַמאָל געווען דער וויכטיגסטער אינסטרומענט, נוצן נאָך איצט אויך מיטלען פון טעראָר, אָבער די „דאָפּי בענים", די „ליטל אָגים" און די „לעפּקעס" און „גוראָס" שפּילן שוין אין די יוניאָנס ניט אָט־די ראָלן, וואָס זיי האָבן געשפּילט מיט יאָרן צוריק. דער גענגסטעריזם איז אין אָט־די יוניאָנס, וואָס רופן זיך נאָך אידישע, כמעט אינגאַנצן באַקעמפט.

פֿאָרערשטנס דעם 30טן אַפּריל 1891 האָט דער ערשטער קלאָוק=
[illegible] פּלאַצן צווישן אַרבעטער און צווישן קאָנטראַקטאָרס אין דעם
שנײַדער טרייד שטאַטגעפונען: אַלס טשערמאַן איז ערװעלט
[illegible] פּראָסער אַלס ערשטער װאָרט האָט גענומען
[illegible] ער [illegible] דאָס איז דעם שנײַדער טרייד
צו [illegible] [illegible] צווישן אַרבעטער פֿאַרזאַמלונגען און צווישן
קאָנטראַקטאָרס און טרייד [illegible] אַרבעט אין די [illegible].
נאָך איז אָרגאַניזירט געוואָרן דאָס װאָרט און שטעלט [illegible]
אין צווישן אַרבעטער: [illegible] [illegible] צוויי נאָך וואָס צווישן קאָנט=
ראַקטאָרס פֿאַרזאַמלונגען, נאָך דעם ווי עס איז באַשלאָסן
געוואָרן פֿון [illegible] דעם 12טן אַפּריל, [illegible] איז אַבער
[illegible] [illegible] פֿון [illegible] צווישן אין. דעם שנײַדער טרייד
[illegible] אַרבעטער פֿון [illegible] [illegible], דער קאָנטראַקט
סיסטעם [illegible] [illegible] [illegible]? [illegible] אָרגאַניזאַציע
דאָס װאָרט און [illegible]: דאָס [illegible] דעם קאָנטראַקט סיסטעם
איז [illegible] באַשלאָסן געוואָרן צווישן [illegible]
ווי עס איז באַשלאָסן געוואָרן דער [illegible] אַרבעטער
[illegible] דעם [illegible] [illegible] סיסטעם [illegible] און [illegible] [illegible]
[illegible] האָט [illegible] ניט [illegible] דעם [illegible] [illegible] ער [illegible]
[illegible] צו דער [illegible]. [illegible]. [illegible]. [illegible] ער [illegible] ניט [illegible]

אַ דערקלערונג צו די צוויי פאָטאָסטאַטן, וואָס געפינען זיך דאָ אויף דער פריערדיגער זייט און אויף אַ זייט ווייטער

דער פאָטאָסטאַט, וואָס געפינט זיך דאָ, אויף דער פריערדיגער זייט איז אַ בלעטל פון אַ פראָטאָקאָל-ביכל, וואו מען האָט פאַרשריבן די פאַרהאַנדלונגען, וואָס אַ שניידער-יוניאָן, די „יונאַיטעד בראָדערהוד אָוו טעילאָרס", האָט אָנגעפירט ביי מיטינגען און קאָנפערענצן אין 1891.

דער יוניאָן-סעקרעטאַר, וואָס האָט די דאָזיגע פראָטאָקאָלן געשריבן איז געווען איזראעל באַרסקי.

דאָס ביכל האָט מען מיט אַ סך יאָרן צוריק איבערגעגעבן צום מחבר פון דעם דאָזיגן בוך און אויף אַ לוידיגן בלעטל פון דעם פראָטאָקאָל-ביכל געפינט זיך באַרסקי׳ס אַ פאַרצייכענונג אין ענגליש וואָס זאָגט:

„דאָס דאָזיגע ביכל האָב איך געפונען צווישן מיינע אַלטע פאַפירן. דאָס ביכל וועט עדות זאָגן וועגן דער צייט ווען אין דער שניידער-יוניאָן זיינען געווען אַ צאָל דייטשישע אידן וואָס האָבן ניט געקאָנט פאַרטראָגן מיין מאַמע-לשון. צוליב דעם האָב איך מיינע פּראָטאָקאָלן געמוזט שרייבן און לייענען אין דייטשמעריש".

ווי מען קאָן דאָ זען אין דעם פאָטאָגראַפירטן זייטל פון דעם פראָטאָקאָל-ביכל האָט מען ביי אַ מיטינג פון דער יוניאָן מיט די קאָנטראַקטאָרס צוזאַמען דעם 30טן אַפּריל 1891, געפירט אַ דיסקוסיע, צי די אַרבעטער מעגן זיך פאַראייניגן מיט די קאָנטראַקטאָרס.

אָבער וואָס איז געווען דער באַשלוס?

דערציילט זיך אין זעלביגן פראָטאָקאָל אויף די ווייטערדיגע בלעטלעך, אַז דער באַשלוס איז געווען:

„די אַרבייטער זאָלן געמיינשאַפטלעך מיט די באָסעס פלענע זוכן אום דעם שניידער-טרעיד אויפצוהאָבן און דאַמיט די דען שניידער צו פאַרבעסערן".

***

דער פאָטאָסטאַט דאָ אויף דער ווייטערדיגער זייט איז פון אַ שניידער-בולעטין, וואָס איז אַרויסגעגעבן געוואָרן פון אַ שניידער-קאונסיל, וועלכן מען האָט באַשטימט ביי אַ קאָנווענשאָן, וואָס אַ צאָל שניידער לאָקאַלן פון דער „יונאַיטעד גאַרמענט וואָרקערס יוניאָן" האָבן געגן דעם ווילן פון אירע הויפּט-באַאַמטע אָפּגעהאַלטן אין פילאַדעלפיע, אין מאַי 1911.

די דאָזיגע קאָנווענשאָן און די אָרגאַניזירונג פון דעם קאונסיל איז געווען דער פאַקטישער אָנהויב פון די אַקציעס, וואָס האָבן געפירט צום גרויסן גענעראַל-סטרייק פון די ניו יאָרקער שניידער אין 1913 און צום רעוואָלט געגן דער דעמאָלטדיגער ריקערט-אַדמיניסטראַציע פון דער „יונאַיטעד גאַרמענט וואָרקערס יוניאָן".

דאָס האָט ווייטער אויך געבראַכט צו דער אָרגאַניזירונג פון דער אַמאַלגאַמעיטעד קלאָדינג וואָרקערס יוניאָן.

שניידער בולעטין

נומ׳ 1.

מיט מוט און מאכט קענען מיר אלעס ערדרייכען.

מיר האבען גאר נישט צו פערלירען און א סך צו געווינען.

ארויסגעגעבען פון שניידער קאונסיל פון אמעריקא און קענעדע, י. ג. וו.

TO ALL TAILORS

The Tailor Council of America, organized on May 14, 1911, in the city of Philadelphia, seeks to arouse in you faith and reliance in your own power and rights. We wish to awaken in you hope for a better future through a united effort to improve your lot.

FRIENDS: The Tailor Council was born in a very critical period. The tailors are now forgotten and forsaken by all. Our employers look upon us with disdain. They know that we are powerless. And our own union leaders sit firmly in the saddle and look with utter indifference upon the masses of disorganized workers without making the smallest attempt to organize them.

The Tailor Council was organized at a convention of 100 delegates, representatives of tailor unions of the East and the West. It was created at a meeting of genuine workers, which was marked by the absence of political scheming and parliamentary humbug. It was an assembly of pale-faced workers who came together to discuss ways and means of organizing the tai...rs of the entire country.

The discussion was serious and sincere. Many of those who rose to speak sobbed as they told of the hard and miserable life the average tailor is forced to lead.

And this convention resolved to rouse the great mass of tailor workers, and to infuse in them new life, fresh aspirations and hopes. It resolved to start amongst them a mighty movement for organization and not let off until they were all united in a powerful army ready to fight and win.

Those present made the beginning by uniting into the Tailor Council. But there, right at the outset a difficulty presented itself. It was feared that the officials of the Garment Workers might view this organization as a rebellion against them. So in order to allay this suspicion, it was decided to name the new body the Tailor Council of the United Garment Workers, thus subordinating the Council to the older body and demonstrating that our intentions were peaceful and constructive.

The convention, furthermore, decided to send a committee to the General Executive Board and appeal that it appoint organizers to work among the tailors. But, alas! the committee was not even given a hearing. The general officers refused to hear our plea in behalf of the forsaken tailors. Council decided to take the complete task upon itself, and to appeal directly to the workingmen for assistance.

Friends! We call upon you as fellow workers, as brothers. If you are a tailor employed in any one of the several tailor departments, come to us, clasp hands with us. Let us unite!

Let us unite in unions, let us unite in heart and soul. Let us prove that we know how to keep ourselves.

We know perfectly well that the road of organization will be paved with many difficulties; but nothing should deter us. Work for organization. Fill your hearts, your souls with it. Talk and agitate for it in your home, in your shop, in the house and in the streets.

The labor world and the labor press of the entire country is with us, ready to encourage and to help. They only wait for you to make the beginning.

Don't look back upon the mistakes and failures of the past. Let the dead bury the dead. The future lies before us fresh and hopeful. We can make of it what we please; if we go at it with firm united hands and stout determined hearts.

Come, all of you, workers in the tailor shops, come and organize for right and justice.

מאניפעסט

צו אלע שניידער פון אמעריקא און קענעדי

גרוס!

ברידער און שוועסטער, דער שניידער־קאנסול פון אמעריקא און קענעדע, וועלכער איז געבארען געווארען אויף דער קאנווענשאן אין פילאדעלפיא דעם 12טען, 13טען און 14טען מאי 1911, ווענדעט זיך צו אייך מיט דיעזען מאניפעסט. מיט דיעזע ווערטער, וועלכע ווינען צו אייך געווענדעט, ווילען מיר אין אייך ערוועקען מוטה, לעבען, גלויבען אין אייערע אייגענע קרעפטען, אין אייערע רעכטע, אין אייערע מענשען־רעכטע. מיר ווילען אין אייך ערוועקען האפנונג אויף א בעסערער צוקונפט, דורך פעראייניגטע קרעפטען אין דער ריכטונג צו פערבעסערען אונזער אלעמענס לאגע. מיר ווילען צושטערען און פערניכטען די שרעקליכע דעמאראליזאציאן, וועלכע האט גענומען צו שאנדע דעם שניידער.

פריינדע! דער שניידער קאנסול איז געבוירען געווארען אין זעהר שלעכטע ציימען, — אין דער צייט, ווען די שניידער־ארבייטער פון גאנצען לאנד ווינען פון אלעמען פערגעסען און פערלאזען געווארען; אין דער צייט, ווען אונזערע באסעס און מאנופעקטשורערס לעבען זיך גאנץ רוהיג און זעהען ניט קיין שטורם פון קיין זייט; אין דער צייט, ווען אונזערע נאציאנאלע בעאמטע זיצען פעסט אין זאטעל און קוקען פון אויבען ארונטער אויף די ניט־ארגאניזירטע שניידער־מאססען און הויבען זיך גאר ניט אן צו קימערען וועגען אונז און מאכען אפילו קיין פערזוך גיט אייגענטליך צו ארגאניזירען די שניידער.

דער שניידער־קאנסול איז געבוירען געווארען אין פילאדעלפיא אויף א קאנווענשאן פון נאהענט פון 100 דעלעגאטען, פערטרעטער פון שניידער יוניאנס פון דער איסט און פון דער וועסט. ער איז געבארען געווארען אויף א קאנווענשאן פון אמת'ע שניידער ארבייטער. דארטען האבען געפעהלט יענע פאליטישע דריידלאך און פארלאמענטארישע שווינדלען, וועלכע רעגירען אויף א סך קאנווענשאנס, וואו די עהרליכע מיינונג ווערט פערשריען, און וואו די גלאטע צינגלאך פיהרען דעם רעדעל. דארטען האבען זיך צונויפגעקליבען אויסגעהארעוועטע, אויסגעמוטשעטע בעלי מלאכות, וועלכע זיינען געקומען בעטראכטען, בעשפרעכען און אויסארבייטען פלענער ווי צו ארגאניזירען די שניידער פון גאנץ אמעריקא.

און ערנסט און אויפריכטיג איז די פראגע בעשפראכען געווארען. אזוי ערנסט, אז פיעלע האבען זיך געשטיקט מיט טרעהרען, ווען זיי האבען דערצעהלט פון דעם לעבען פון דעם שניידער, פון זיין נויט, עלענד און שלעכטע צושטענדע.

און די קאנווענשאן האט בעשלאסען אויפצואוועקען די גרויסע מאסע שניידער־ארבייטער, אנפאנגען א מעכטיגע כוואליע פון ארגאניזאציאן, פון לעבען און אויפצובויען שטארקע שניידער יוניאנס, וועלכע זאלען זיי בעשיצען, אז די שווערע הארעפאסניקעס, די אונטערדריקטע ארבייטער, זאלען קענען לעבען מיט זייערע פרויען און קינדער.

און אום צו ארגאניזירען די שניידער, האבען פריהער די פערטרעטער זייערע אליין געמוזט ארגאניזירען זיך — ווייל אהן ארגאניזאציאן קען מען קיין זאך ניט טהאן — און עס איז בעשאפען געווארען דער שניידער־קאנסול. אזוי אבער ווי מען איז געווען אין שרעק, טאמער וועלען דאס די דזשענעראל בעאמטע פון די גארמענט וואירקערס בעטראכטען פאר א מרידה, פאר א וויעדערשפעניגונג, געגען זיי, האט מען דעם נייגעבוירענעם קאונסיל א נאמען געגעבען: דער שניידער־קאונסיל פון אמעריקא און דהי יונייטעד גארמענט וואירקערס. דערמיט האבען מיר געוואלט בעווייזען, אז מיר ווילען ניט פיין שום קריעג מיט קיינעם, אז אונזער איינציגער צוועק איז צו ארגאניזירען די צוזעעטע און צושפרייטע שניידער.

ביי דער קאנווענשאן אין פילאדעלפיא איז בעשלאסען געווארען צו שיקען א קאמיטע צו דע דזשענעראל עקזעקוטיוו באארד און פערלאנגען פון זיי, אז זיי זאלען אנשטעלען ארגאנייזערס צו ארבייטען פאר די שניידערס. מיר האבען אין דעם קיין זינר ניט געזעהן; מיר האבען גערעכענט, אז אונזערע נאציאנאלע בעאמטע פערשטעהען אזוי גוט ווי מיר, אז זייער ביזנעס דארף זיין גאר אין גאנצען צו ארגאניזירען די שניידערס.

אונזער קאמיטע איז טאקע געגאנגען צו דעם פערטעל יעהרליכען מיטינג פון דער דזשענעראל עקזעקוטיוו קאמיטע, אבער מען האט זיי ניט אריינגעלאזען און ניט אויסגעהערט. דאס האט אונז קלאר בעוויזען, אז אונזערע דזשענעראל בעאמטע קימערען זיך גאנץ וועניג אן די שניידער.

מיר האבען נאכדעם געהאט א מיטינג און מיר האבען בעשלאסען, אז ווען זיי ווילען אונז ניט העלפען, זאלען מיר זיך אליין העלפען, און דארום ווענדען מיר זיך יעצט צו אייך, ברידער שניידער, מיט דיעזען אויפרוף.

פריינדע! מיר ווענדען זיך יעצט צו אייך אלס צו מענשען פון איין טרייד, אלס צו אייגענע ברידער. וואו איהר זאלט זיך ניט געפינען, ביי וואס פאר אן אבטהיילונג פון שניידער־פאך איהר זאלט ניט זיין בעשעפטיגט, דערלאנגט אונז אייערע הענד און לאמיר זיך פעראייניגען.

לאמיר זיך פעראייניגען אין אונזערע יוניאנס, לאמיר זיך פערבינדען מיט אונזערע הערצער און אונזערע געפיהלען. לאמיר ציינען פאר דער גאנצער וועלט, אז שניידער פערשטעהען אויך ווי אזוי צו העלפען זיך.

מיר וויסען, אז אויף דעם וועג צו פעראייניגען זיך וועלען מיר בעגעגענען דערנער און שטערונגען, אבער קיין זאך טאר אונז ניט צוריקהאלטען. זאל בעשאפען ווערען א מעכטיגע אגיטאציאן פאר דער יוניאן. אין אייערע הייזער און שעפער רעדט נאר פון אייער הילפע — פון דער יוניאן.

די קלאוקמאכער האבען אויפגעבויט א מעכטיגע יוניאן אונטער א סך אונגינסטיגערע אומשטענדען, ווי מיר. ווי שעהן און ווי אנגענעהם עס איז יעצט צו זיין א קלאוקמאכער, ווי זייערע פרייזען האבען זיך ניט אין ערך פערבעסערט און ווי מען בעהאנדעלט זיי דאס יעצט ווי מענשען.

אמת, די פיהרער פון די קלאוקמאכער האבען זיך א לאנגע צייט מסיר נפש געווען פאר דער יוניאן, אויף וואס אונזערע דזשענעראל בעאמטע זיינען ניט פעהיג. אבער צו דען זיינען מיר, די וואס זיינען געשיקט געווארען צו דער קאנווענשאן אין פילאדעלפיא, ניט ווילינג צו ברענגען די זעלבע אפפער, אום צו פערבעסערען די לאגע פון דעם שניידער און אום צו דערפרעהען זיין אנגעוועהטאגטע הארץ? ווילען מיר דען ניט טהאן אלעס אין דער וועלט צו האבען עהרליכע און שטארקע יוניאנס?

די גאנצע ארבייטער־וועלט און די ארבייטער־פרעסע זיינען פערטיג אונז צו העלפען; זיי ווארטען נאר, אז מיר זאלען זיך געבען א ריהר, און דאן קומען זיי אונז צו הילף.

דער שניידער־קאונסיל בעצוועקט אפצושאפען די אלטע סיסטעמע פון פיהרען סטרייקס, וואו יעדער האט געמאכט פאר זיך שבת, וואו די סטרייקס האבען בלויז אנגעריהרט די קאנטראקטארען, וועמעס סעטעלמענטס האט קיין ווערדע ניט געהאט. מיר בעצוועקען ארויסצורופען אין א סטרייק אין 1912, אין א סטרייק הגדול, וועלכער זאל אויפרודערען דאס גאנצע לאנד, וועלכער זאל זיין גוט געפלאנט און גוט פארבערייטעט. דערצו אבער מוזען מיר האבען די מאססען אין זייערע יוניאנס; מיר מוזען האבען די מאססען, אז זיי זאלען אונז העלפען פערווירקליכען די ארגאניזאציאנס־ארבייט, כדי מיר זאלען קענען אנשטעלען ארגאנייזערס צו שיקען ווי אין יעדען פלאץ, וואו קליידער ווערען געמאכט. מיט איין ווארט, מיר מוזען האבען די מאססען, אום צו זיין אימשטאנדע צו טהאן דאס, וואס עס איז פאר יאהרען לאנג פערנאכלעסיגט געווארען און וואס האט געבראכט דעם שניידער צו דעם יעצטיגען טרויעריגען צושטאנד.

דארום, שניידער ברידער פון איבעראל, וואכט אויף! נעהמט זיך אן מיט פרישען מוטה און ענערגיע! זאלען די טויטע בעגראבען די טויטע. פאר אונז איז פאראן א גרויסע פעלד פון לעבען און טהעטיגקייט, פון האפנונג און טרייסט, און דאס איז די יוניאן.

אך, ווען מיר וואלטען בלויז געווען אימשטאנדע, מיט אייער אלעמענס הילפע, צו ארגאניזירען כאטש צעהן פראצענט פון שניידער־טרייד איבער'ן גאנצען לאנד! דאס וואלט דאך געווען א גליק פאר אלעמען; דאס וואלט דאך אויפגעלעבט די גאנצע בעוועגונג אונזערע.

דארום, ברידער, זייט מיט אונז! זייט מיט אונז אין דער יוניאן.

אלעס איז מיט אונז: די ארגאניזירטע ארבייטער פון אלע פאכען, די פרעסע, דער גוטער ווילען, דער יושר און גערעכטיגקייט. זייט אויך מיט אונז, שניידער, און סליסט זיך אן אין אייערע יוניאנס.

גענוג געליטען, שניידערס, די צייט פון פעראייניגונג קומט.

פרינציפען ערקלערונג

אנגענומען ביים פילאדעלפיער קאנווענשאן.

ביי דעם יעצטיגען צוזאמענקונפט צו דער קאנווענשאן איז דער ערשטער פערזוך פון די שניידער פון גאנצען לאנד זיך צו ארגאניזירען אויף א פעסטען באדען. פיעלע און שווערע אויפגאבען נעהמט זיך די יעצטיגע קאנווענשאן צו לייזען. די ביטערע ערפאהרונגען וואס מיר געהאט אין דער פערגאנגענהייט, האט אונז געלערנט, אז די מעטהאדען, מיט וועלכע עס זיינען אנגעפיהרט געווארען די קעמפפע געגען אונזערע באסעס, קענען ווייטער ניט אנגעפיהרט ווערען.

די קאנצענטראציאן פון קאפיטאל מיט זייער פעסטע פעראייניגונג צו אונטערדריקען יעדען פערזוך פון די ארבייטער צו פערבעסערען זייער לאגע, האט אונז געלערנט, אז אויך די ארבייטער דארפען קאנצענטרירען זייערע קרעפטען און געמיינשאפטליך קעמפפען געגען זייערע אויסבייטערס.

עס טאר אין דער צוקונפט מעהר ניט פאסירען, ווי אין דער פערגאנגענהייט, דאס וועהרענד איין טהייל פון דער קליידער־אינדוסטריע סטרייקען, זאלען די איבעריגע טהיילען, וועלכע בעלאנגען צום זעלבען פערבאנד, ניט מיטסטרייקען.

דער סארט קאנסערוואטיזמוס, וואס האט געגלויבט אין די היילינקייט פון אויפהאלטען דעם אגרימענט מיט די באסעס (כאטש די באסעס האבען איהם שטענדיג געבראכען, ווען עס האט זיך נאר געלוינט פאר זיי), וואס דאס האט געשטערט די ארבייטער מיטצוהעלפען זייערע ברידער אין צייט פון קאמפף, — מוז אבגעשאפען ווערען און אנשטאט דעם זאל פון יעצט אן און ווייטער איינגעפיהרט ווערען אינדוסטריעלע סטרייקס, וואו אלע ארבייטער וועלען סטרייקען צו דער זעלבער צייט פאר די זעלבע פאדערונגען. עס מוז איינגעפיהרט ווערען א מעהר סאלידארישע און ענגערע פערבינדונג פון איין ארבייטער צום צווייטען.

די ארבייטער מוזען אויך אויפגעקלעהרט ווערען אין די עקאנאמישע פראגען פון זייער טרייד דורך ווארט און שריפט, ווייל נאר דורך אויפקלעהרונג קען דער ארבייטער אנגעציינט ווערען צו זיין א טרייער מיטגליעד אין זיין ארגאניזאציאן.

ד. אשינסקי סעק, 158 בארום סט., ברוקלין, נ. י.

מאקס פיין יוניאן פרינטער, 52 [illegible] סטריט, ניו יארק

די ראָל פון די פּראָגרעסיווע אין די אידישע יוניאָנס אַמאָל און איצט

פאַר דעם פּראָגרעסיוון גייסט, וואָס הערשט צווישן גרויסע טיילן פון די אַזוי־גערופענע אידישע יוניאָנס און פאַר דעם קאַמף קעגן קעגנ־סטעריזם קומט אַ דאַנק די לינקע עלעמענטן פון די יוניאָנס.

אַ גרויסע ראָל האָט אין דעם אַוודאי אויך געשפּילט די צייטונג פון די פּראָגרעסיווע אידישע מאַסן, די „מאָרגן פרייהייט".

אין אַרטיקלען, וואָס ווערן געדרוקט אין די אידישע צייטונגען פון איסט בראָדוועי זעט מען אין לעצטער צייט זייער אָפט דערקלערונגען, אַז די לינקע און פּראָגרעסיווע אין די יוניאָנס זיינען שוין טויט.

די שרייבער פון די דאָזיגע אַרטיקלען האָבן דערביי אינזינען דער־הויפּט די אַזוי־גערופענע אידישע יוניאָנס.

זיי זינגען דאָס לידל, וואָס דער „פאָרווערטס" האָט אויף זיין „אייר־דעלען" שטייגער פּאָפּולאַריזירט נאָך מיט יאָרן צוריק, אַז די לינקע אין די יוניאָנס, אָדער ווי ביים „פאָרווערטס" הייסן זיי — „די קאָמוניסטן", זיינען שוין „טויט, באַגראָבן און פאַרשאָטן".

דער לאָווסטאָניסט וויל הערבערג, האָט אין דעם 1952 יאָרבוך פון דער אַמעריקאַנער אידישע קאָמיטע אָנגעשריבן אַן אָפּשאַצונג, וואו ער האָט אַריינגעבראַכט אַ היבש ביסל פאַלשע חשבונות, און אויך ער האָט דאָרט די לינקע פון די אידישע יוניאָנס אָפּגעזאָגט דאָס לעבן.

די קאַמפּן פאַר פּראָגרעסיווע און ערלעך־געפירטע יוניאָנס ווערן פון די דערמאָנטע מענטשן באַהאַנדלט אויפן זעלביקן שטייגער ווי ספּאָרט־שרייבער באַהאַנדלען דעם קאַמף פון אַ „פּרייז־פייט". זיי נע־מען ניט אין אַכט די סאָציאַלע באַדינגונגען, וואָס זיינען אין די קאַמפּן פאַרוויקלט. זיי גייען ניט אַריין אין קיין חשבונות, פאַרוואָס די פּראָגרע־סיווע זיינען אין איין צייט געווען שטאַרקער און אין אַן אַנדער צייט שוואַכער. ביי זיי איז שוין דערפאַר אויך גאָר ניטאָ קיין פראַגע וועגן דעם, וואָס עס קאָן נאָך זיין מאָרגן. די קאַמפּן פון די לינקע אין די אידישע יוניאָנס הייסן ביי זיי נאָר ווי הערבערג רופט עס: „קאַמף פאַר מאַכט". זיי רעדן וועגן דעם אַקוראַט ווי די דאָזיגע קאַמפּן וואָלטן געפירט געוואָרן בלויז צוליב עמיצנס אַ קאַפּריז.

פארשטייט זיך, אז דער עמיצער מיט די קאפריזן מוז דערביי זיין בלויז א קאמוניסט.

די ביוראקראטיע און די אפאזיציעס פון אמאל

אז אזוינע חשבונות זיינען אינגאנצן פאלש קאן מען זען ווען מען כאפט א קוק אויף דער געשיכטע פון די קאמפן, וואס פארשידענע אפאזיציאנערע גרופן האבן אין די אידישע יוניאנס אנגעפירט נאך איידער עס איז געווען א קאמוניסטישע פארטיי און איידער מען האט געקאנט רעדן וועגן א „קאמוניסטישן קאמף פאר מאכט".

הערבערג אליין, למשל, דערמאנט, אז אין דעם אמאליגן בלוזקעמאכער לאקאל 25, וואס איז איצט דער דרעסמאכער לאקאל 22 פון דער פרויען־קליידער ארבעטער יוניאן איז נאך אזוי פרי ווי אין 1917 געווען אן אפאזיציע־גרופע.

די דאזיגע גרופע, דערמאנט ער, האט זיך גערופן „קוירענט איווענטס קאמיטע" און איר קאמף איז געווען, ווי זי אליין האט עס באצייכנט: „אריינצוברענגען אביסל פרישע לופט אין דעם אומבאוועגלעכן לעבן פון דער יוניאן".

דאס מיינט, אז אפילו אין 1917 איז שוין געווען א קאמף געגן ביוראקראטישע פארשימלטע מעטאדן, וואס מען האט אנגעהאלטן אין דער דאזיגער יוניאן.

קאמפן געגן דער ביוראקראטיע פון דער יוניאן זיינען אין יענער צייט געפירט געווארן אויך פון אזוינע גרופן, וואס האבן זיך גערופן „וועלפעיר און פראפאגאנדע ליג", „שאפ דעלעגאטן ליג".

די קאמפן, וואס פראגרעסיווע קלאוקמאכער האבן געפירט אין די צייטן פון יצחק אייזיק הורוויטש און אב. ביזנא זיינען אויך פארגעקומען נאך איידער ס'איז געווען א קאמוניסטישע פארטיי.

און פארוואס, אדער געגן וואס, האט מען געקעמפט אין יענער צייט?

וועלן מיר דא געבן אייניגע אויסצוגן פון ארטיקלען און עדיטאריעלס, וואס זיינען אין יענע יארן געווען געדרוקט אין דער „פרייע ארבעטער שטימע".

למשל, אין דער „פרייע ארבעטער שטימע" פון דעם 29טן נאוועמבער, 1918, איז געדרוקט אן אפענער בריוו פון יצחק אייזיק הורוויטש „צו

די קלאָוקמאַכער און אַנדערע אַרבעטער״:
זאָגט זיך דאָרט:
„אויב עס איז נאָך געווען ביי עמיצן אַ ספק, אַז די יוניאָן (פון די קלאָוקמאַכער) ווערט געבאָסט פון אַ מאַשין, טאָ באַווייזט עס דער וואוט געגן רעפערענדום גאַנץ קלאָר...
„לאָנדאָן (מאיר) האָט גאַנץ אָפּט דערקלערט, אַז אַ יוניאָן מוז רעגירט ווערן פון אַ מאַשין. די צרה איז נאָר, נאָך זיין מיינונג, וואָס די מאַשין איז צו שוואַך.
„זיין מיינונג (לאָנדאָנ׳ס) איז, אַז די מעמבערס דאַרפן ניט וויסן וואָס עס טוט זיך אין דער יוניאָן, „שטייערן צאָלן און ס׳מויל האַלטן״, לויט דעם פּרינציפּ פון דער פּרייסישער רעגירונג. דאָס הייסט, מען דאַרף צאָלן דיוס און שווייגן״.

אין דער „פרייע אַרבעטער שטימע״ פון 3טן יאַנואַר, 1914, האָט מען אונטער אַ פינף קאָלומדיגן קאָפּ: „פּאַרראַט געגן דער גאַנצער איר־דישער אַרבעטער באַוועגונג״, געזאָגט דאָס פאָלגנדיגע:

„אין די לעצטע עטלעכע וואָכן, וואָס מען האָט אַזוי געשטור־רעמט אין אונזער גאַס מיט דעם קאַמף, וואָס איז אָנגעגאַנגען אין דער קלאָוקמאַכער־יוניאָן וועגן דער אָנשטעלונג פון יצחק אייזיק הורוויטש אויף אַ צווייטן טערמין, אַלס טשיף־קלוירק פון דער יו־ניאָן, האָט די „אינטערנעשאָנאַל״, אָדער ריכטיגער די עטלעכע דזשאָב האָלדערס, וועלכע גייען אונטער דיזער פירמע, געהאַלטן זיך אַזוי שטיל, ווי אַ מויז אונטער׳ן בעזים״...

מען דערציילט אין זעלביגן נומער ווייטער וועגן אַ בריוו פאַר אַ געהיימער קאָנפערענץ און מען זאָגט דאָרט:

„באַמטע, וואָס קריגן באַצאָלט זייערע וועכנטלעכע שכירות פון די אַרבעטער גייען איינרופן אַ קאָנפערענץ בסוד פון די אַר־בעטער. איז עס ניט קלאָר, אַז דאָ האָט זיך געמוזט האַנדלען וועגן אַ פאַרברעכן, וואָס האָט געקאָנט אויסגעפירט ווערן נאָר אין דער פינצטער, בסוד?״

געווען אין יענער צייט קאַמפן ניט נאָר געגן מעטאָדן פון ביוראָ־

קראַטיזם, נאָר אויך געגן אָפּמאַכן, וואָס מען האָט געשלאָסן געגן דעם ווילן פון די אַרבעטער.

מיטגלידער פון דער יוניאָן האָבן אין יענער צייט שוין אויך גע־מוזט קעמפן געגן מעטאָדן פון פּשוט׳ן גענגסטעריזם, וואָס די ביוראָקראַ־טיע האָט געגן זיי גענוצט.

וועגן איינעם פון די אָפּמאַכן, וואָס איז די אַרבעטער געווען זייער ניט צום האַרצן, האָט מען אין דער „פרייע אַרבעטער שטימע" פון 10טן יאַנואַר 1914 געשריבן:

„באָסעס און אינטערנעשאָנאַל־באַאַמטע אין אַ פאַרשווערונג געגן דער קלאָוקמאַכער יוניאָן".

אַזוי איז געווען דער קאָפּ פון דעם נייעס־אַרטיקל, וואָס מען האָט דאָרט געדרוקט.

אונטער דעם קאָפּ האָט מען געשריבן:

„אויב עמיצער האָט נאָך געהאַט אַ ספק, אַז די אינטערנעשאָ־נאַל־באַאַמטע פון די לעידיס־גאַרמענט וואָרקערס האָבן זיך פאַר־אייניגט מיט דער באָסעס־אַסאָסיעישאָן צו פאַרראַטן די קלאָוקמאַ־כער, האָט זייער לעצטע אַרויסטרעטונג אין דער ענגלישער פרעסע צוזאַמען מיט די באָסעס, דאָס קלאָר געמאַכט אפילו פאַר אַ בלינדן.

„די קלאָוקמאַכער טאָרן ניט דערלאָזן, אַז אין דער שפּיץ פון זייער אינטערנעשאָנאַל זאָלן פאַרבלייבן פאַררעטער, וואָס האָבן געמאַכט יד־אחת מיט די באָסעס. עס מוז איינבאַרופן ווערן אַ ספּעציעלע קאָנווענשאָן פון דער אינטערנעשאָנאַל, וואָס זאָל שטעלן די משרתים פון די באָסעס אונטער אַן אָנקלאַגע און אַרויסשליי־דערן זיי מיט שאַנדע פון דער אַרבעטער באַוועגונג אויף אימער".

וועגן אַ קלאָוקמאַכער (רענק און פאַיל) מיטינג, וואָס באַאַמטע פון דער יוניאָן האָבן דעמאָלט צעשטערט מיט דער הילף פון גענגסטערס האָט מען אין דער „פרייע אַרבעטער שטימע" געשריבן:

„די קלאָוקמאַכער, וועלכע זיינען געקומען צום מיטינג האָבן דאָרט געפונען, ווי די איינבאַרופער דערקלערן, אַ באַנדע גענג־סטערס. דער האָל־קיפּער האָט זיי (די איינבאַרופער פון מיטינג) דערקלערט, אַז פּערלשטיין, דער סעקרעטאַר פון דער דזשאָינט באָאַרד, האָט אים פאַרזאָגט, אַז ער זאָל ניט לאָזן דאָרט האַלטן

די פאַרזאַמלונג. און אויב ער וועט עס לאָזן וועט ער באַיקאָטירן דעם האָל".

די זעלבע צייטונג האָט דאָרט געזאָגט ווייטער:

„אַ מיטינג פון מענטשן, וואָס האָבן געוואָלט באַשפּרעכן די אָנגעלעגנהייטן פון זייער יוניאָן איז אויף דעם שענדלעכסטן אופן צעשטערט געוואָרן. אַזוי ווייט האַלט עס שוין. ווייטער, דאַכט זיך, קאָן עס שוין ניט גיין, טאָר עס ניט גיין".

ווען די שניידער האָבן געבראָכן די שויבן פון „פאָרווערטס"

אָפּאָזיציעס און קאַמפן געגן קליקע־הערשאַפט און ביוראָקראַטיזם זיינען אַזוי אין יענער צייט אָנגעפירט געוואָרן אויך אין אַנדערע יוניאָנס.

דער רעוואָלט, וואָס די אַרבעטער פון מענער־קליידער, האָבן אין 1913 און אין 1914 דורכגעפירט געגן דער ריקערט־מאַשין פון דער יו־נאַיטעד גאַרמענט וואָרקערס יוניאָן איז אויך פאָרגעקומען נאָך איידער די קאָמוניסטישע פּאַרטיי איז געבוירן געוואָרן. די קאָמוניסטן האָבן פאַר דעם דאָזיגן רעוואָלט קיין באַפעלן ניט געגעבן.

און ווען די דאָזיגע אַרבעטער האָבן אין צייט פון זייער היסטאָ־רישן גענעראַל סטרייק — אין 1913 — געבראָכן די פענצטער פון דער „פאָרווערטס"־געביידע איז דאָס אויך ניט געווען צוליב אַ באַפעל פון קאָמוניסטן.

זיי האָבן געבראָכן די פענצטער בלויז דערפאַר, ווייל דער „פאָר־ווערטס" און די מאַשין־פירער פון דער גאַרמענט וואָרקערס יוניאָן האָבן אויף זיי געוואָלט אַרויפצווינגען אַ פאַררעטערישן אָפּמאַך.

די דאָזיגע אַרבעטער האָבן נאָכדעם, אָן אַ באַפעל פון קאָמוניסטן, נעסטרייקט נאָך דריי וואָכן און געקראָגן אַן אָפּמאַך ווי זיי האָבן גע־וואָלט און ניט ווי עס האָט זיך געלוינט פאַר די מענטשן פון דער רי־קערט־מאַשין.

קאַמפן פון פּראָגרעסיווע גרופּן געגן קליקע־הערשאַפט און גענג־סטעריזם זיינען אַזוי אין יענער צייט געפירט געוואָרן אויך אין די יו־ניאָנס פון די פּאַריערס, די פּעינטערס, די שיך־אַרבעטער, די בעקער.

אפילו אין דעם אַרבעטער־רינג איז אַ קאַמף געגן קליקע־הערשאַפט אויך געפירט געוואָרן נאָך איידער די קאָמוניסטישע פּאַרטיי איז צום לעבן געקומען.

דאָרטן האָט עס פֿאָרמעל געהייסן אַ קאַמף פֿון די „יונגע" געגן די „אַלטע". אָבער די פּאַקטישע באַדייטונג דערפֿון איז געווען קאַמף פֿון פּראָגרעסיווע דעמאָקראַטישע מענטשן געגן מאַשין־ביוראָקראַטיזם, קאַמף פֿאַר דער אָנפֿירונג פֿון אַ געזונטער קולטור־אַרבעט געגן קולטור־לאַזיגקייט.

פֿינף פּעריאָדן אין דער געשיכטע

אַ ריכטיגער בליק אויף דער געשיכטע פֿון דער אידישער טרעיד־יוניאָן באַוועגונג דאָ אין לאַנד ווייזט, אַז די דאָזיגע באַוועגונג האָט ביז איצט (אין 1953) דורכגעמאַכט פֿינף פֿאַרשידענע פּעריאָדן.

דער ערשטער איז געווען אַ פּעריאָד פֿון אַרבעט מיט זייער שוואַכע רעזולטאַטן.

דער צווייטער האָט מיט זיך פֿאָרגעשטעלט רעוואָלוציאָנערן שוואונג, מאַסן־קאַמפּן און אויפֿבוי.

דער דריטער איז געווען אַ פּעריאָד פֿון ביוראָקראַטיזם, אויסשליסונגען (עקספּאָלשאָנס), הערשאַפֿט דורך מעטאָדן פֿון גענגסטעריזם און קאַמף געגן אָט־די אַלע מעטאָדן און יוניאָן־ברעכעריי.

דער פֿערטער איז געווען אַ פּעריאָד פֿון פֿאַקטישן, כאָטש ניט פֿאָרמעלן פֿאַראייניגטן־פֿראָנט, טיילווייזער פּראָגרעס און באַנייטער און ברייט־פֿאַרצווייגטער וואוקס.

דער פֿינפֿטער פּעריאָד איז דער פּעריאָד ווען די „פּאָרוועטס"־סאָציאַליסטן", וואָס געוועלטיגן נאָך אין די מערסטע יוניאָנס, זיינען אַרויף אויפֿן וואָגן פֿון דער רעאַקציע און זיך גענומען אויף די יוניאָנס צו שלעפּן אין דער זעלביגער ריכטונג.

לאָמיר דאָ איצט אַ קוק טאָן אויף יעדן פּעריאָד באַזונדער.

אין די ערשטע צוויי פּעריאָדן איז די אידישע טרעיד־יוניאָן באַוועגונג דאָ אין לאַנד געווען, ווי שוין פֿריער אָנגעוויזן, אַן אימיגראַנטן־באַוועגונג.

מיט נאָר קליינע אויסנאַמען האָבן דאָ די דעמאָלטדיגע אימיגראַנטן־מאַסן זיך גלייך גענומען צו באַשעפֿטיגונג אין פֿאַרשיידענע שעפּער. די מערסטע פֿון זיי האָבן זיך קאָנצענטרירט אין די פֿאַכן פֿון דער נאָדל־אינדוסטריע, אָבער זייער פֿיל פֿון זיי זיינען אויך אַריין אין די פֿאַר־

שיידענע טיילן פון דער בוי־אינדוסטריע און פון אַנדערע אינדוסטריען.

אָט־די אימיגראַנטן זיינען אין די ערשטע צוויי פּעריאָדן פון דער אידישער אַרבעטער־באַוועגונג געווען די הויפּט־באַזע פון דער דאָזיגער באַוועגונג. אָבער אין יעדן איינעם פון די דאָזיגע צוויי פּעריאָדן איז דער אימיגראַנטישער עלעמענט געווען אַן אַנדערער און דערפאַר האָט די אידישע יוניאָן־באַוועגונג אין יעדן פּעריאָד אויך געהאַט אַ אַנדער אויסזען.

דער אָנהויב פון דער אידישער יוניאָן־באַוועגונג

דער אָנהויב פון דער אידישער טרעיד־יוניאָן באַוועגונג איז פאָר־געקומען אין די לעצטע צוויי צענדליג יאָר פון פריערדיגן יאָרהונדערט און אין די סאַמע ערשטע יאָרן פון איצטיגן יאָרהונדערט, דערהויפּט

דער לופט־מענטש — דער אַמאָליגער אידישער אימיגראַנט

פאַר דער רוסישער רעוואָלוציע פון 1905 און פאַר די צאַרישע פּאָגראָ־מען פון יענע צייטן.

די אידישע אימיגראַנטן פון יענע יאָרן האָבן מיט זיך אין זייער גרויסער מערהייט פאַרגעשטעלט אַן עלעמענט ניט פון אַרבעטער, נאָר פון לופט־מענטשן. אַ סך פון זיי זיינען געוואָרן אַרבעטער ערשט ווען זיי זיינען געקומען קיין אַמעריקע. זיי זיינען דאָ געוואָרן דאָס וואָס מען רופט נאָך אויך איצט: „קאַלאָמבוס׳עם באַלמעלאָכעס״.

דער כאַראַקטער פון דעם דאָזיגן עלעמענט איז געווען אַ קליינ־בירגערלעכער. פון אַרבעטער אידעאַליזם איז ער געווען זייער ווייט. צו קיין יוניאָנס האָט ער זיך ניט געקאָנט צופּאַסן.

די בויער און פירער פון אידישן יוניאָניזם אין יענער צייט זיינען געווען דערהויפּט מענטשן פון דער אַריבערגעקומענער רוסיש־אידישער אינטעליגענץ. די מעטאָדן פון אָרגאַניזאַציע, וואָס זיי האָבן באַנוצט זיי־נען אויך געווען אימפּאָרטירטע. די סאַמע ערשטע יוניאָנס, וואָס זיי האָבן זיך גענומען בויען האָבן מיט זיך געטראָגן דעם כאַראַקטער פון פּאַרטייאישע פּראָפּעסיאָנעלע פאַראיינען. מען האָט זיך נאָר צייטנווייז אַרומגעריסן איבער דער פראַגע וואָס פאַר פּאַרטייאישע פאַראיינען זיי דאַרפן זיין, צי דאַרפן זיי זיין דעליאָניסטישע אָדער קאָהאַניסטישע.

די אָרגאַניזירונג פון אַ אידישער יוניאָן־באַוועגונג איז דערפאַר אין יענער צייט דאָ אין לאַנד געווען זייער שווער.

יעדנפאַלס, קיין סטאַבילע אָרגאַניזאַציעס האָט מען פון דעם דער־מאָנטן עלעמענט און אונטער דער דערמאָנטער פירערשאַפט ניט געקאָנט שאַפן. ווען מען האָט דאָ אָדער דאָרט צוזאַמענגעשטעלט אַ שטיקל אָר־גאַניזאַציע, האָט מען זי היינט אָרגאַניזירט און מאָרגן איז זי צעפאַלן.

דער שוואונג פון אויפבוי

דער אויפבוי פון אַ סטאַבילער אידישער יוניאָן־באַוועגונג האָט זיך פּאַקטיש אָנגעהויבן דורך אַ ריי ריזיגע מאַסן־סטרייקס צו וועלכע אַ נייער אימיגראַנטן עלעמענט האָט זיך גענומען ערשט אין די יאָרן 1909, 1910, 1912 און 1913.

און דאָס האָט מיט זיך פאַרצייכנט דעם צווייטן פּעריאָד אין דער אידישער יוניאָן־באַוועגונג.

די אידישע אימיגראַנטן פון יענער צייט זיינען אין זייער גרויסער מערהייט באַשטאַנען שוין נים פון לופט־מענטשן, נאָר פון ארבעטער. זייער פיל פון זיי זיינען געווען אָנגעזאַפּט מיט רעוואָלוציאָנערן גייסט, מיט א גייסט פון קאַמף געגן עקספּלואַטאַציע און אַלע פאָרמען פון אונטערדריקונג. זיי האָבן מיט זיך אהער מיטגעבראַכט א טראַדיציע פון קאַמף.



אין די פאַכן פון דער נאָדל־אינדוסטריע, וואו די מערהייט פון די דאָזיגע אידישע אימיגראַנטן האָבן זיך קאָנצענטרירט, זיינען די ארבעט־באַדינגונגען אין יענער צייט געווען די ערגסטע. די שוויץ־סיסטעם האָט „געבליט״ אויף איר העכסטן שטייגער.

האָבן אָט־די ארבעטער אין 1909 אָנגעהויבן רעוואָלטירן געגן די באַדינגונגען פון שוויץ־סיסטעם און זיי זיינען געווען די, וואָס האָבן דורך גרויסע מאַסן־סטרייקס אויסגעקעמפט נייע באַדינגונגען און געשאַפן סטאַבילע יוניאָנס.

דער ערשטער גרויסער מאַסן־סטרייק איז דערקלערט געוואָרן פון צוואָנציג טויזנט בלוזקעמאַכער (מערסטנס מיידלעך) אין 1909.

זייער סטרייק האָט געדויערט פון דעם 22טן נאָוועמבער 1909 ביז דעם 10טן פעברואר 1910. דער קאַמף איז געווען א ביטערער, אָבער א בראַווער.

די צוואָנציג טויזנט סטרייקערס זיינען צוריקגעגאַנגען צו דער אַרבעט מיט גרויסע געווינסן.

אָט־דער סטרייק איז געווען אַן אָנזאָג און אַ ביישפּיל, וואָס האָט געוויזן, אַז מען קאָן סטרייקן און מען קאָן געווינען.

נאָך אָט־דעם סטרייק איז געקומען דער גרויסער היסטאָרישער סטרייק פון זעכציג טויזנט קלאָוקמאַכער אין חודש יולי 1910.

די פּאָריערס האָבן זייער ערשטן גרויסן מאַסן־סטרייק דערקלערט אין 1912. די אַרבעטער פון די מענער קליידער האָבן זייער מאַסן־סטרייק און רעוואָלט דורכגעפירט אין אָנהויב פון 1913. די גרויסע סטרייקס אין ניו־יאָרק האָבן דערמוטיגט סטרייקס אויך אין אַ צאָל אַנדערע שטעט.

מען האָט אין יענע יאָרן געסטרייקט אויך אין אַ צאָל פאַכן, אויסער דער נאָדל־אינדוסטריע.

די געווינסן זיינען אין אַלע גרויסע סטרייקס פון יענע יאָרן, אונטער די דעמאָלטדיגע אומשטענדן געווען וואונדערבאַרע. די אַר־בעטער האָבן פאַר זיך געוואונען יוניאָנס און בעסערע אַרבעט־באַ־דינגונגען.

און געווען איז דאָס, כמעט אין אַלע פאַלן, די פּרוכט פון דעם מאַסן־רעוואָלט פון די נייע אידישע אימיגראַנטישע אַרבעטער.

די מענטשן, וואָס האָבן אין זייערע הענט אין יענער צייט געהאַלטן די הויפּט־אַמטן און די פירערשאַפט פון די יוניאָנס, האָבן אין דעם אָנ־הויב פון די מערסטע סטרייקס פון די דערמאָנטע יאָרן געהאַט אַ קנאַפּן חלק.

ווען, למשל, די וועסטמאַכער האָבן אין 1909 באַשלאָסן צו גיין אין סטרייק, האָבן זיי דעם באַשלוס אָנגענומען ביי אַ מיטינג אין קופּער יוניאָן נאָכדעם ווי איינע פון די (רענק און פאַיל) מיטגלידער, קלאַראַ לעמליך (שפּעטערדיגער נאָמען קלאַראַ שייוועלסאָן), האָט דאָרט אין אַ רעדע פאָרגעשלאָגן און גערופן צו שטימען פאַר אַ סטרייק. די אָפיציעלע פירער פון דער דעמאָלטדיגער שוואַכינקער בלוזקעמאַכער יוניאָן זיינען פאַר דעם נים געווען גרייט.

אַ סטרייק, וואָס איז אין 1910 דערקלערט געוואָרן ביי דער גרויסער קליידער־פירמע הארט, שאַפנער און מארקס אין שיקאָגאָ האָט אויסגע־בראָכן אַלס רעוואָלט געגן אַ לוין־שנים, אַן וועלכער עס איז עצה און אָן אַ רוף פון אַ יוניאָן־פירערשאַפט.

און דער סטרייק, וואָס די צענדליגער טויזנטער שניידער האָבן אין 1913 געפירט אין ניו־יאָרק איז דאָך אוודאי געווען אַ רעוואָלט סיי

געגן די קליידער־פאבריקאנטן און סיי געגן דער פירערשאפט פון זייער דעמאלטדיגער יוניאן.

יעדנפאלס, אט־יענע יארן זיינען פאר דער אידישער יוניאן־באוועגונג געווען דער פעריאד פון רעוואלוציאנערן אויפברויז, דערפאלגרייכע מאסן־קאמפן און יוניאן־אויפבוי.

די מגפה פון טעראר און די אינערלעכע קאמפן

די איינשטעלונג פון די סטאבילע ארבעטער־ארגאניזאציעס האט אבער נאכדעם ארייננעפירט אין דעם פעריאד פון טעראר און אינערלעכע קאמפן.

פריער, ווען די ארגאניזאציעס זיינען געווען קליין און שוואך, זיינען די ביוראקראטישע פירער פון יענער צייט אויך געווען שוואך.

אבער ווען די ארגאניזאציעס האבן געקראגן א גרויסן ממשות, האבן זייערע אפיציעלע באאמטע זיך פעסט באזעצט אין זאטל און זיך גענומען צו געוועלטיגן מיט די סאמע ערגסטע מעטאדן פון טעראר.

דער כלל זייערער איז געווען, ווי עס זאגט זיך דא אויבן אין דעם ציטירטן בריוו פון יצחק אייזיק הורוויטש, אז מען מוז הערשן מיט די כוחות פון א מאשין.

ביי די מיטגלידער, אט־די וואס האבן דורך לאנגע שווערע קאמפן געבויט די יוניאנס, האט מען אוועקגענומען יעדע ממשות'דיגע דעה אין פראגן ווי אזוי צו פירן די יוניאן.

אין א לייט־ארטיקל, וואס די „גערעכטיגקייט", ארגאן פון דער אינטערנעשאנאל פון די פרויען־קליידער ארבעטער האט — לכבוד א קאנווענשאן — געדרוקט אין דעם נומער פון צווייטן מאי 1924, באזינגט מען „דעם מוט", וואס איר פירערשאפט האט געהאט „פאר אירע אייגענע איבערציייגונגען" און מען זאגט:

„דעם זעלבן מוט האט זי ארויסגעוויזן אימער אין באצוג צו אירע אייגענע מיטגלידער, ווען זיי זיינען אוועק אויף א פאלשן וועג".

דער מוט צו שטעלן זיך „אימער" געגן דער אייגענער מיטגלידערשאפט איז, הייסט עס, געווען א גדולה.

אט אין יענער צייט האט זיך אין די יוניאנס צעבושעוועט דער גענגסטעריזם.

וואָרט, וואָס איז ניט געווען געפעלן די ביוראָקראַטישע באַאַמטע איז דער דאָזיגער מיטגליד געווען אין אַ געפאַר צו קריגן אַ צעבראָכענעם קאָפּ, אָדער אפילו מיט אַ מעסער אין זייט.

למשל, ביי די פאָריערס האָט מען דעם יוניאָן־טוער סעמועל מענשער ברוטאַל צעשניטן אין אָפּיס פון דער יוניאָן.

דעם קאָפּ פון בען גאָלד האָט מען צעשפּאָלטן ביי אַ יוניאָן־מיטינג אין מאַנהעטן לייסעאום.



אין די יאָרן פון די אויסשליסונגען

מעסער־העלדן האָבן אויף אַזאַ שטייגער געבושעוועט ביי די קלאָוק־מאַכער, פּעינטערס, אַרבעטער פון מענער־קליידער, בעקער.

עס זיינען אין יענעם פעריאָד פון די אידישע יוניאָנס געוואָרן זייער פּאָפּולער די „דאָפּי בעני" גענג, די „קוירלי" גענג, די „ליטל אָגי" גענג, אַ „פּרענטשי" גענג, אַ „סטראָבערי" גענג, אַ „דזשעקי נאָהי" גענג, מער פון אַלעמען — די „לעפּקע און גוראַ" גענג.

אַ סך אַרבעטער זיינען געפאַלן קרבנות פון די דאָזיגע גענגס. איי־ניגע פון זיי האָבן דערביי אינגאַנצן זייערע לעבנס פאַרלאָרן.

אין מערץ 1933 האָט מען מיט אַ באָמבע דערמאָרדעט דעם יו־ניאָן־פירער פון די פאָריערס מאָריס לאַנגער.

אַביסל שפּעטער, אין חודש אַפּריל פון זעלבינגן יאָר, האָבן מיטגלי־דער פון דער לעפּקע און גורא גענג געמאַכט אַן איבערפאַל מיט מעסערס

און רעוואָלווערן אין די העדקוואָרטערס פון דער פּאַריערס יוניאָן.

זייער שיסערייי איז געווען אַזאַ ווילדע, אַז איינער פון די גענגסטערס איז געטראָפן געוואָרן פון זייערער אַן איינענער קויל און ער איז גלייך געפאַלן אַ טויטער.

עס זיינען אָבער באַלד ארויפגעלאָפן אַ סך פּאַריערס, וואָס זיינען געווען אין דרויסן און די מערדער האָבן געקראָגן אַזאַ ווידערשטאַנד, אַז פיר פון זיי זיינען געבליבן ליגן פאַרוואונדעטע און די אַנדערע זיינען אַנטלאָפן.

אָבער איינער פון די פּאַריערס, הערי גאָטפריד, איז נאָך דעם גע־שטאָרבן פון אַ קויל, וואָס די גענגסטערס האָבן אים אַריינגעשאָסן אין מאָגן.

אין אָקטאָבער 1937 האָט מען נאָך אַ מיטינג פון דעם פּעינטערס לאָקאַל 442 דערמאָרדעט דעם פּראָגרעסיוון יוניאָן־טוער סעם גאָפּעל, וואָס איז געווען דער קאַסירער פון דעם לאָקאַל.

אָט אין יענע יאָרן, ווען די מגפה פון טעראָר און גענגסטעריזם האָט זיך אָנגעהויבן, זיינען עס געבוירן געוואָרן די גרופּן, וואָס האָבן זיך גענומען צו קעמפן פאַר פּראָגרעסיווע, דעמאָקראַטישע יוניאָן־מעטאָדן און נעגן די קליקעס מיט זייער גענגסטעריזם.

צוערשט זיינען אַזוינע גרופּן געשאָפן געוואָרן אָן קאָמוניסטן, און נאָכדעם מיט קאָמוניסטן.

ווער עס זיינען געווען די ברעכער

מענטשן מיט לויזע צונגען דערלויבן זיך אָפט צו טענה'ן, אַז קאָ־מוניסטן און זייערע נאָכפאָלגער זיינען געווען די, וואָס האָבן אין יענע יאָרן געבראָכן און אָפּגעשוואַכט די יוניאָנס.

די אמת'ע פאַקטן, און איינינע פון זיי, וואָס זיינען נאָך אפילו קיינמאָל ניט געווען פאַרעפנטלעכט, קאָנען אָבער פעסטשטעלן פונקט דעם היפוך.

באַוואוסט איז, למשל, אַז ווען די פּראָגרעסיווע גרופּן האָבן אָנגע־הויבן קריגן די אויבערהאַנט אין דער אינטערנעשאָנאַל פון די פרויען־קליידער אַרבעטער, האָבן אירע הערשער זיך גענומען צו די מעטאָדן פון מאַסן־אויסשליסונגען, וואָס האָט געמיינט ברעכן די יוניאָן.

ווען אַ מיטגליד האָט ביי אַ יוניאָן־מיטינג געוואָגט צו זאָגן אַזאַ

און דער פאַקט איז, אַז אַט־די יוניאָן איז אין דער גאַנצער יוניאָן־באַוועגונג געווען די ערשטע, וואו די פירערשאַפט האָט זיך גענומען צו פּראַקטיצירן די סיסטעם פון אויסשליסונגען.

פריער האָט מען דאָס געטאָן אויף אַ „ריטעיל" שטייגער, מען האָט אויסגעשלאָסן איינציגוויז. אָבער אין דער נאַכט פון 11טן יוני, 1925, האָט מען דאָס שוין געטאָן אויף אַ „האָלסעיל" מאַסשטאַב.

אין יענער נאַכט האָט זיך ישראל פיינבערג מיט אַ גאַנג אַרויסגעלאָזט איבער די גאַסן און דורך אַ פּשוט'ן פּאַגראָם אויף די דריי גרעסטע לאָקאַלן (דעמאָלט 2, 9 און 22) האָט מען פון דער יוניאָן אָפּגעשניטן די גרעסטע מערהייט פון אירע מיטגלידער.

דער גענג האָט זיך אין יענער נאַכט איינגעגעבן צו פאַרכאַפּן די אָפיסעס פון די לאָקאַלן 2 און 9. איר האָט זיך ניט איינגעגעבן צו פאַרכאַפּן דעם אָפיס און די העדקוואַדערס פון דעם דרעסמאַכער לאָקאַל 22, וואו די מערהייט פון זיין מיטגלידערשאַפט איז באַשטאַנען און באַשטייט נאָך איצט אויך פון פרויען.

ווייסנדיג, אַז די פירער פון דער אינטערנעשאָנאַל, וואָס האָבן (ווי זייער „געוועכטיגקייט" האָט זיי געריטן) „אימער געהאַט דעם מוט צו שטעלן זיך געגן די אייגענע מיטגלידער", קאָנען מאַכן אַ ביינאַכטיגן איבערפאַל, האָט אַ גרויסע צאָל מיידלעך, מיטגלידער פון לאָקאַל, באַוואַכט זיין געביידע און די גענג האָט זיך אַהין ניט געקאָנט אַריינרייסן.

אָבער אין די לאָקאַלן 2 און 9 האָט די גענג אויך איבערגענומען בלויז די אָפיסעס. די מיטגלידער האָט זי דערמיט ניט געוואונען, נאָר פאַרקערט. זייער צאָרן איז דעמאָלט נאָך מער געשטיגן געגן די פירער, וואָס האָבן דורך די ביינאַכטיגע איבערפאַלן געזוכט צו באַפעסטיגן די ערשאַפט איבער זיי אויב ניט צו געווינען זייער ליבע.

יעדנפאַלס, דער איבערפאַל אויף די לאָקאַלן איז געווים ניט געווען די אַרבעט פון קאָמוניסטן.

די בויער און ברעכער אין מילינערי יוניאָן

ווער עס זיינען געווען די בויער און ווער — די ברעכער האָט מען אויך געקאָנט זען אין דער העט און מילינערי יוניאָן.

אין די שעפער פון די פרויען־העטס אין ניו־יאָרק, וואָס באַשעפ־

טינן א גרויסע צאָל פרויען, זיינען די טרימערינס ביז דעם סוף פון צווייטן צענדליג פון איצטיגן יאָרהונדערט כמעט ווי גאָר ניט געווען אָרגאַניזירט. נאָר אדאַנק דער אויסערגעוויינלעכער אַקטיוויטעט פון א היבשער גרופּע מיידלעך האָט מען נאָכדעם איינגעשטעלט א לאָקאַל פון טרימערינס, זיי געגעבן א טשאַרטער נומער 43 און אָט־דער לאָקאַל האָט זייער שנעל באַוויזן צו ווערן א מוסטער־אָרגאַניזאַציע.

די ניט־אָרגאַניזירטע טרימערינס פון די ניו־יאָרקער מילינערי־שעפּער זיינען פון דעם לאָקאַל 43 אָרגאַניזירט געוואָרן און ער האָט פאַר זיי אויסגעקעמפּט בעסערע באַדינגונגען.

דער דאָזיגער לאָקאַל האָט דעריבער זייער שנעל געקראָגן א שם אַלס א לינקער לאָקאַל.

איז עס די פירער (אַזוינע ווי אַלעקס ראָז און מענדעלעוויטש) ניט געפעלן געוואָרן און אין 1931 האָט מען דעם לאָקאַל 43 אויפגעלייזט און די טרימערינס האָט מען געהייסן אריינגיין אין דעם אָפּערעיטאָרס לאָקאַל 24.

אָבער ניט אַלע פון זיי האָט מען דאָרט אריינגענומען. ארום הונדערט פון זיי, די וואָס זיינען געווען מער אַקטיוו אין דער אָרגאַניזירונג פון די טרימערינס, האָט מען אין לאָקאַל 24 געשטעמפּלט אַלס „ניט־כשר׳ע" מיטגלידער.

זיי האָט מען אריינגעשטעלט אין א קאַטעגאָריע פון „טעמפּאָראַרי (ציישוויילִיגע) מיטגלידער". צו זיי האָט מען איינגעטיילט „דאָס רעכט" בלויז צו צאָלן דיוס און אַלערליי שטייערן צו דער יוניאָן. אָבער דאָס רעכט פון קומען צו מיטינגען און צו האָבן וועלכע עס איז דעה אין דער יוניאָן האָט מען זיי פאַרבאָטן צו האָבן.

פּאָר א טייל פון אָט־די מיידלעך האָט מען שפּעטער די „טעמפּאָראַרי־ביכלעך" אויסגעביטן אויף שטענדיגע, אָבער א צאָל פון זיי זיינען פאַרבליבן „טעמפּאָראַרי".

די „דעמאָקראַטיע", וואָס מען האָט איינגעשטעלט אין דער דאָזיגער יוניאָן איז אַזעלכע ווי מען האָט עס איינמאָל אויסגעדריקט אין א ליפלעט, וואָס מיטגלידער פון דעם בלאָקערס לאָקאַל 42, און דווקא „רעכטע", האָבן ארויסגעגעבן.

„אין אונזער יוניאָן", האָט זיך אין ליפלעט געזאָגט, „האָט די אַדמיניסטראַציע איר אייגענעם סאָרט דעמאָקראַטיע. קיין רעגולערע מי־

טינגען ווערן ניט אָפּגעהאַלטן, קיין געדרוקטע פינאַנציעלע באַריכטן זייד נען נישטאָ. וואַלן פירט מען דורך בלויז דעמאָלט ווען די באַאַמטע לוינט זיך צו האָבן וואַלן. דער אופן ווי וואַלן ווערן דורכגעפירט האָט אויף זיך אַפילו ניט קיין שאָטן פון דעמאָקראַטיע. די דיסקרימינאַציעס, וואָס מען נוצט געגן אַזוינע מיטגלידער, וואָס מען וויל האַלטן אויסער אַרבעט זיינען פון די ערגסטע."

די דאָזיגע ווערטער זיינען אין דעם ליפלעט געגוצט געוואָרן וועגן דער אַדמיניסטראַציע פון דעם לאָקאַל 43, אָבער באַוואוסט איז, אַז דאָס זעלביגע האָט מען איינגעפירט אויך אין דעם לאָקאַל 24.

די סיסטעם פון פּריווילעגיעס אויף איין זייט און דיסקרימינאַציעס אויף אַ צווייטער זייט, וואָס די דערמאָנטע פירער פון דעם לאָקאַל 24 האָבן ביי זיך געשאַפן האָט איינמאָל, אין סעפּטעמבער 1936, געקראָגן אַ שטורעמדיגן אויסדריק ביי אַ מיטינג פון דעם לאָקאַל.

אַ יוניאָן־מיטגליד מיטן נאָמען מוסינאָוו האָט זיך ביי יענעם מיטינג אוועקגעשטעלט און מיט ביטערע פאַרצווייפלטע קולות געשריגן:

„ווען דאָ ווי איט? !" (ווען קריגן מיר עפּעס צום עסן?).

ער האָט זיך געקלאָגט, אַז ווען מען קומט אין אָפיס פון דער יוד ניאָן נאָך אַ „שרייבונג" צו קאָנען אַרויף אין אַ שאָפּ און דאָרט קריגן אַרבעט, זאָגט מען, אַז מען דאַרף פריער קריגן דעם דזשאָב און די אַרד בעט און אַז נאָכדעם וועט מען געבן אַ „שרייבונג". אָבער ווען ער און נאָך אַזוינע, האָט ער געזאָגט, באַווייזן שוין צו געפינען די דזשאָבס איז ווען זיי קומען אין יוניאָן־אָפיס נאָך אַ „שרייבונג" איז נאָך איידער וואָס און ווען ענטפערט מען זיי, אַז דער אָדער יענער דזשאָב איז שוין „פאַרנומען פון אַנדערע". אויב דער דזשאָב איז נאָך אין אמת'ן ניט פאַרנומען זעט מען שוין, האָט ער אין זיין קלאָג געזאָגט, אַז ער זאָל באַלד פאַרנומען ווערן.

די האַטשעסאָן־„דעמאָקראַטיע" ביי די סטאָליאַרעס

פרעך און אָפן האָט זיך אַרויסגעוויזן די שווינדל־„דעמאָקראַטיע", וואָס די האַטשעסאָן־אַדמיניסטראַציע האָט שטענדיג פּראַקטיצירט אין דער יוניאָן פון די סטאָליאַרעס.

אַ ביישפּיל פון האַטשעסאָנ'ס פרעכע שווינדלען האָט מען אין 1938

געזען אין אַ דאָקומענט, וואָס איז פאַרעפנטלעכט געוואָרן פון דעם קאָר־פּענטערס (סטאָליאַרעס) לאָקאַל 2090.

געהאַנדלט האָט זיך וועגן צוויי אַמענדמענטס צו דער יוניאָן־קאָנ־סטיטוציע, וואָס די האַטשעסאָן־אַדמיניסטראַציע האָט געבראַכט צו אַ יו־ניאָן־קאָנווענשאָן אין 1936.

איינער פון זיי, אַן אַמענדמענט נומער צען, האָט זיך געלייענט:

„יעדער מיטגליד, וואָס פריידיגט, פאַרטיידיגט אָדער פאַראור־זאַכט דורך עצות אומאָרדנונג, מחלוקת און אומאַכטונג פאַר דער אויטאָריטעט פון באַאַמטע ביי אַ מיטינג פון אַ לאָקאַל־יוניאָן אָדער דיסטריקט־קאַנסיל, זאָל, נאָך דעם ווי ער איז ריכטיג און קאָנס־טיטוציאָנעל אָנגעקלאָגט געוואָרן, דערקלערט ווערן שולדיג אין ברעכן זיין שבועה ביים אַריינטרעטן אַלס מיטגליד, און ער זאָל דערפאַר גלייך קריגן זיין געהעריגע שטראָף”.

אין פשוט'ע ווערטער מיינט עס, אַז אויב איינער וואַגט צו זאָגן אַזאַ וואָרט, וואָס געפעלט ניט אַן אַגענט פון דער האַטשעסאָן־אַדמיני־סטראַציע, זאָל מען אים דערפאַר באַלד באַשטראָפן און אפילו אים אויסשליסן פון דער יוניאָן.

אַ צווייטער פון די אַמענדמענטס, אַן אַמענדמענט נומער צוועלף, איז געווען וועגן דער שבועה, וואָס יעדער קאַרפּענטער דאַרף געבן, בעת ער ווערט אַ יוניאָן־מיטגליד.

וועגן דעם האָט זיך אין'ם אַמענדמענט געזאָגט, אַז ביים אַריינ־נעמען אַ נייעם מיטגליד דאַרף דער פּרעזידענט פון לאָקאַל פאַר אים פאַרלייענען, און דער נייער מיטגליד דאַרף שווערן, אַז ער קומט־נאָך און אַז ער וועט נאָכקומען די פאָלגנדיגע ווערטער:

„אין דער דאָזיגער בראָדערהוד ווערט פון דיר פאַרלאַנגט צו נעמען אויף זיך אַ פאַרזיכערונג, אַז דו ביזט ניט איצט, און אַז אַזוי לאַנג, ווי דו וועסט זיין אַ מיטגליד פון דער בראָדערהוד, וועסטו ניט ווערן קיין מיטגליד פון וועלכער עס איז רעוואָלוציאָ־נערער אָרגאַניזאַציע און ניט געבן קיין הילף פאַר אַזאַ אָרגאַ־ניזאַציע”.

פאַרשטייט זיך, אַז ווען אַזאַ אַמענדמענט ווערט אָנגענומען, מיינט עס, אַז ווען אַ קאָרופּטער חברה־מאַן וויל פּטור ווערן פון אַ געוויסן מיט־

גליד אָדער אַ גרופּע מיטגלידער פון דער יוניאָן, קאָן ער זייער לייכט פּראָדוצירן קלאַגן, אַז זיי שטיצן אַ רעוואָלוציאָנערע אָרגאַניזאַציע, און דעמאָלט דאַרף מען זיי אַרויסוואַרפן פון דער יוניאָן.

און ביי האַטשעסאָנ׳ען האָט דאָך אפילו רוזוועלט געהייסן אַ רעוואָלוציאָנער, און אַז ווען מען שטיצט אַ פּראָגרעסיוון ביל איז מען שוין דערמיט אַליין אויך אַ רעוואָלוציאָנער.

ביידע אַמענדמענטס האָבן אָבער, לויט דער יוניאָן־קאָנסטיטוציע, ניט געקאָנט אַריין אין קראַפט אָן אַ רעפערענדום־אָפּשטימונג, וואו זיי האָבן געדאַרפט קריגן צוויי דריטל פון די אָפּגעגעבענע שטימען, און קיין צוויי דריטל האָבן זיי ניט געקראָגן.

וואָס־זשע האָט געטאָן האָטשעסאָן?

האָט ער די דאָזיגע אָפּשטימונג אָנגענומען ווי אַ געזעץ?

ווייזט דער דערמאָנטער דאָקומענט, אַז ניין, ניט ביי אַזוינע יוניאָן־באַאַמטע ווי די האָטשעסאָנס. ביי זיי איז פאַראַן אַ כּלל, אַז דער עיקר איז ניט, ווי אַזוי איר שטימט, נאָר ווי זיי ווילן, אַז איר זאָלט שטימען. און אויב איר שטימט אַז ניין, אַז איר ווילט ניט די אָדער יענע אַמענדמענטס, פאַר וועלכע זיי האָבן געהייסן שטימען, ציילן זיי די שטימען ווי זיי געפעלט, און מען שעמט זיך ניט צו דערקלערן אייך אָפן, אַז געשטימט האָט איר דוקא נאָר, אַז יאָ, אַז איר ווילט יאָ די אַמענדמענטס.

און דער דאָקומענט וועגן דעם ענין גיט פאַקטן, וואָס רייסן די אויגן. מען גיט אייך דאָרט פאָטאָסטאַטישע קאָפּיעס פון אָפיציעלע בריוו פון לאָקאַלן, וועלכע באַריכטן, אַז זיי האָבן געשטימט געגן די אַמענדמענטס, אָבער אין אַ באַריכט פון האָטשעסאָנ׳ס אַ קאָמיטע האָט מען אָנגעגעבן, אַז אָט די אַלע שטימען זיינען געווען פאַר די אַמענדמענטס.

אינם דאָקומענט איז אויך איינגעשלאָסן אַ טאַבעלע, וואָס ווייזט דעם רעזולטאַט פון די ריכטיגע אָפּשטימונגען אין 185 פון די קאַרפּענטערס לאָקאַלן, וועלכע האָבן געשטימט געגן די אַמענדמענטס.

אָט זיינען איניגע ביישפּילן פון די פעלשונגען, וואָס ווערן אין דעם דאָקומענט אָנגעוויזן:

לאָקאַל 264: צאָל שטימען געגן ביידע אַמענדמענטס איז געווען: 188; פאַר — קיינער ניט. פאַרשריבן און באַריכטעט האָט די האָטשעסאָן־קאָמיטע: 188 פאַר און געגן — קיינער ניט.

לאָקאַל 787: — שטימען געגן ביידע אַמענדמענטס — 501; פאַר

— קיינער נים. באריכטעט פון דער האטשעסאן־קאמיטע: 501 פאר, און געגן — קיינער נים.

לאקאל 1073: שטימען געגן אמענדמענט נומער 10 — 162, און געגן נומער 12 — 179; פאר — קיינער נים. באריכטעט האט מען: 162 און 179 פאר, און געגן — קיינער נים.

לאקאל 1164: שטימען געגן אמענדמענט נומער 10 — 231, און פאר — 2. געגן אמענדמענט נומער 12 — 248, און פאר — 1. באריכטעט האט מען: 231 און 248 פאר, און 2 און 1 — געגן.

האטשעסאנס קאמיטע האט אזוי געענדערט: אין לאקאל 1296 — 7 און 105 שטימען; אין לאקאל 1307 — 275 און 272 שטימען; אין לאקאל 1822 — 109 און 98 שטימען.

אויף אזא שטייגער זיינען די ענדערונגען געמאכט געווארן אויך אין די רעזולטאטן פון די אפשטימונגען אין די אנדערע לאקאלן. איר ווילט נים קיין שעדלעכע אמענדמענטס? האט פאר אייך די האטשעסאן־קאמיטע באשטימט, אז איר ווילט יא.

און נאך מער:

ווען מ'האט צו האטשעסאנ'ען פראטעסטירט און אנגעוויזן, אז דער אפיציעלער באריכט פון זיין קאמיטע איז פונקט דער היפוך פון די באריכטן פון די אין די לאקאלן, האט ער געענטפערט, אז זיין גענעראל־באארד האט די פראטעסטן „דיסמיסט", זיי, הייסט עס, צונישט געמאכט, און ער האפט, האט ער געזאגט, אז די פראטעסטאנטן „זיינען דערמיט צופרידן".

מען מאכט, הייסט עס, אויף אייך א האלד־אפ, און ווען איר פראטעסטירט, דערלאנגט מען אייך א שפיי אין פנים און מען זאגט אייך, אז דאס איז שוין פאר אייך געווים א גרויסע שמחה.

די ראל פון די פרויען־מיטגלידער אין די יוניאנס

אין פארבינדונג מיט די מאסן־סטרייקס און די קאמפן, וואס זיינען פארגעקומען אין די פריער־דערמאנטע יוניאנס פון די נאדל־פאכן, איז כדאי צו דערמאנען די באזונדערע ראל, וואס די פרויען־מיטגלידער האבן געשפילט אין די דאזיגע אויסערלעכע און אינערלעכע קאמפן.

צווישן די פירער זיינען אין אלע ערשטע יארן פון די אידישע יו־

ניאָנס געווען אַזעלכע, וואָס פלעגן זייער שוואַכקייט און זייער לאַנגזאַמען וואוקס מאָטיווירן אין אַ גרויסער מאָס דערמיט, וואָס אין אַ סך פאַכן פון דער פרויען קליידער־אינדוסטריע באַשעפטיגט מען מערסטנס מיידלעך.

די טענה איז געווען, אַז די מיידלעך קומען אַריין אין די שעפּער בלויז אַלס צייטווייליגע אַרבעטער, בלויז ביז מען קריגט חתנים, און אַז אַזעלכע איז דעריבער שווער צו אָרגאַניזירן.

די דאָזיגע מיידלעך, פלעגט מען טענה׳ן, טראַכטן בלויז וועגן חתונה האָבן און זיי ליגט גאָר ניט אין קאָפּ צו באַלאַנגען צו אַ יוניאָן און צו קעמפן פאַר אַ יוניאָן.

די טענות פלעגן זיין ווייטער, אַז ווען אַ צאָל פון די אַרבעטער־

מיידלעך ווערט שוין יאָ אַריינגעצויגן אין דער יוניאָן האַלטן זיי זיך דאָרט אויך בלויז ביז זייערע חתונות און נאָכדעם פאַלן זיי אַרויס.

אין דער ווירקלעכקייט האָט מען אָבער געזען עפּעס אַנדערש.

די מיידלעך פון דעם בלוזקעמאַכער לאָקאַל 25, וואָס זיינען אין 1909 אַרויס אין אַ גענעראַל סטרייק, זיינען געווען די ערשטע אויף אויפצוהויבן דעם מאַסן־רעוואָלט געגן די שוויץ־באַדינגונגען, וואָס מען האָט אָנגעהאַלטן אין די שעפּער פון די נאָדל־פאַכן.

זייער בראַוועד און דערפאָלגרייכער סטרייק פון 1909 האָט געדינט

אלס ביישפיל פאר די מאסן־סטרייקס, וואס זיינען נאכדעם אין 1910, 1912 און 1913 נאכגעפאלגט געווארן פון די קלאוקמאכער, פאריערס און ארבעטער פון מענער־קליידער.

און אין דער נאכט פון 11טן יוני, 1925, ווען מען האט געמאכט דעם פאגראם אויף די לאקאלן 2, 9 און 22 זיינען ווידער די מיידלעך, די פרויען־מיטגלידער פון דעם לאקאל 22 געווען די, וואס האבן די געגנג, די מאכער פון פאגראם צוריקגעשטויסן.

זייער קאמפס־גייסט האט זיך א סך מאל ארויסגעוויזן צו זיין שטארק געגנג אויף באקעמפן שונאים פון דרויסן, אויסער דער יוניאן, און אויף באשיצן זייער דעמאקראטישע רעכט און דעה אינעווייניג, אין דער יוניאן.

און אין דער מילינערי יוניאן זיינען די מיידלעך געווען די, וואס האבן באוויזן צו ארגאניזירן אין ניו־יארק א מעכטיגן לאקאל פון ארום דריי טויזנט טרימערינס און אנצופירן בראווע קאמפן פאר מענטשלעכערע ארבעט־באדינגונגען.

די פינישערינס פון דעם לאקאל 115 (אמאליגער לאקאל 15) פון דער פאריערס יוניאן האבן געשפילט א גרויסע ראל אין אלע וויכטיגע קאמפן פון די פאריערס.

אין די סטרייקס, וואס מען האט מיט יארן צוריק געפירט אין די „ווייטגודס" שעפער וואס פראדוצירן די העמדער און אנדערע הינטערשטע קליידער פאר די פרויען זיינען אודאי אויך די מיידלעך געווען די, וואס האבן אויף זייערע פלייצעס געטראגן די דאזיגע קאמפן.

ווער עס האט ניט געלאזט ברעכן

אבער אומקערנדיג זיך צוריק צו דער פראגע ווער עס זיינען אין יענע צייטן געווען די ברעכער פון די יוניאנס זיינען די אויבן־דערמאנטע פאקטן שוין אן ספק אזעלכע, וואס ווייזן, אז ניט די קאמוניסטן זיינען געווען די ברעכער.

ניט זיי האבן גענוצט די גענגסטער־מעטאדן געגן די מיטגלידער. ניט זיי האבן אנגעפירט די סיסטעם פון אויסשליסונגען. ניט זיי האבן אין דער נאכט פון 11טן יוני, 1925 געמאכט דעם פאגראם אויף די לאקאלן 2, 9 און 22 פון די קלאוק און הרעסמאכער. ניט זיי האבן צע־

שמעטערט דעם פּיינעם לאָקאַל פון די מילינערי־טרימערינס.

דאָס אַלץ איז שוין יעדנפאַלס גוט באַוואוסט.

עס איז אָבער אין דער עפנטלעכקייט אַ סך יאָרן ניט געווען באַוואוסט, אַז ווען די אויסגעשלאָסענע לאָקאַלן האָבן דעמאָלט דורך זייער „דזשאָינט עקשאָן" קאַמף געצוואונגען די גענעראַלן פון דער אינטערנעשאָנאַל צו שליסן אַ שלום מיט די אויסגעשלאָסענע לאָקאַלן, האָבן די קאָמוניסטן געדאַרפט קעמפן מען זאָל דעם שלום אָננעמען. אייניגע פון די פירער, און דוקא אַזוינע וואָס זיינען ניט געווען קיין קאָמוניסטן, האָבן געוואָלט מען זאָל גלייך גרינדן אַ באַזונדערע יוניאָן און ניט אַריין צוריק אין דער אינטערנעשאָנאַל.

יאָ, לואיס היימאַן, דער וואָס איז אין 1940 געוואָרן איינער פון די לאַיעלע חסידים פון דער אינטערנעשאָנאַל־מאַשין איז אין 1925 געווען דער הויפּט־אַדוואָקאַט פאַר דעם שטאַנדפּונקט, אַז מען זאָל בעסער צעשפּאַלטן די אינטערנעשאָנאַל.

עס איז אויך כדאי איבערצוגעבן אַזאַ פאַקט:

אין 1924, ווען אייניגע פון די סאַמע גרעסטע ניו־יאָרקער אידישע און איטאַליענישע לאָקאַלן פון דער אַמאַלגאַמייטעד קלאָדינג וואָרקערס יוניאָן האָבן געהאַט אָרגאַניזירט אַ שטאַרקע אָפּאָזיציע געגן דער הילמאַן־אַדמיניסטראַציע פון דער יוניאָן, האָבן די הויפּט־אָנפירער פון דער אָפּאָזיציע געהאַט אויסגעאַרבעט אין דער שטיל אַזאַ פּלאַן, וואָס האָט פאַקטיש געמיינט צו צעשפּאַלטן די אַמאַלגאַמייטעד.

די דאָזיגע פירער האָבן אין אַ שבת בייטאָג געזאָלט קומען צו אַ קאָנפערענץ פון לאָקאַל־פּאַרטרעטער, וואָס זיי האָבן גערופן אין אַסטאָריאַ האָל, אויף דער פערטער גאַס, און דאָרט האָבן זיי געוואָלט דורכפירן אַזאַ פּלאַן:

אַ דעלעגאַציע זאָל אין נאָמען פון דער קאָנפערענץ גיין צו דער הילמאַן־אַדמיניסטראַציע און שטעלן אַ ריי פאָדערונגען. אויב מען וועט זיי ניט נאָכגעבן, זאָלן די דאָזיגע לאָקאַלן באַלד דרוקן אייגענע מיטגליד־דער־ביכלעך, אייגענע דיוס־סטעמפּס און מען זאָל אויפהערן צאָלן די יוניאָן־דיוס צו דער אַמאַלגאַמייטעד.

די פירער פון דער אָפּאָזיציע האָבן דעם דאָזיגן פּלאַן ביז דעם לעצטן מאָמענט אפילו פון דער „מאָרגן־פרייהייט" (דעמאָלט די „פרייהייט") געהאַלטן אין געהיים. די „פרייהייט" האָט זיך דערפון דערוואוסט ערשט

אן אונט פאר דער קאנפערענץ. זייער רעכענונג איז געווען, אז נאכדעם ווי די קאנפערענץ וועט עס אננעמען, וועט די „פרייהייט" דאס אויך מוזן שטיצן.

זיי האבן אבער דעם דאזיגן פלאן ערשט א פאר שעה פאר דער קאנפערענץ אויפגעגעבן בלויז דערפאר, ווייל מען האט זיי דערקלערט, אז די „פרייהייט" וועט זייער שארף ארויסטרעטן געגן דעם. פון קאמוניסטן, וואס זיינען געווען אין דער פירערשאפט פון דער אפאזיציע האבן זיי אויך געהערט, אז זיי, די קאמוניסטן, וועלן באקעמפן דעם פלאן.

אבער ווער זיינען געווען די, וואס האבן דעם דאזיגן ברעכערישן פלאן אויסגעארבעט און אים זייער שטארק געוואלט דורכפירן?

דזשאו קאטאלאנאטי, דער וואס איז שפעטער געווארן לואיס האלענדער'ס קא־מענעדזשער; דער מאשין־מענטש פון דער אמאלגאמעיטעד, פיליפ ווינער און דזשעק פאלאק, וואס זיינען דוקא ניט געווען קיין קאמוניסטן.

אויב די קאמוניסטן האבן שפעטער, אין 1928, זיך גענומען צו ארגאניזירן די דעמאלטדיגע באזונדערע טרעיד יוניאן קערפערשאפט, „טרעיד יוניאן יוניטי ליג" איז דאס געווען נאר דערפאר, ווייל דעמאלט האבן זיי שוין קיין אנדער ברירה ניט געהאט. די נייע מאסן־אויסשליסונגען, וואס מען האט אין 1927 ווידער דורכגעפירט אין דער אינטערנעשאנאל פון די פרויען קליידער ארבעטער און אין א צאל אנדערע יוניאנס האבן צו דעם געצוואונגען.

דער פעריאד פון נייעם וואוקס

די פאגראמען און די יוניאן־ברעכערישע ארבעט, וואס די מאשין־פירער פון די מערסטע יוניאנס האבן אין יענע יארן דורכגעפירט, האבן געבראכט דערצו, אז א טייל פון די דאזיגע יוניאנס זיינען אינגאנצן איינגעדארט געווארן.

די גרויסע אינטערנעשאנאל פון פרויען־קליידער ארבעטער איז דעמאלט געבליבן מיט א מיטגלידערשאפט פון בלויז צווישן דרייסיג און פערציג טויזנט. אין דער אמאלגאמעיטעד, וואו די פאגראמען זיינען אנגעפירט געווארן פון דער בעקערמאן און ארלאפסקי־מאשין צוזאמען מיט דער לעפקע־גענג, איז די לאגע געווען ניט בעסער. די פאריערס יוניאן איז געווען א צעשפאלטענע.

אָבער נייע אויסערלעכע און אינערלעכע באַדינגונגען האָבן נאָך 1933 און 1934 די לאַגע געענדערט.

די אינערלעכע באַדינגונגען זיינען געווען:

די רוזוועלט־פּראָגראַם פון „נייעם דיל". פאַר אַ סך יוניאָנס איז צום ערשט געווען אַ געוויסע הילף די ען־אַר־עי (נעשאָנאַל אינדוסטריעל ריקאַווערי עקט). אַ גרעסערע הילף איז פאַר זיי נאָכדעם געוואָרן דער וואַגנער לעיבאָר רילעישאָנס געזעץ.

שטאַרקער פון אַלץ האָט געהאָלפן דאָס, וואָס מען האָט אָרגאַניזירט דעם סי־אַי־אָ.

די פירער פון דער אינטערנעשאָנאַל, אַמאַלגאַמעיטעד און פון דער העט און מילינערי יוניאָן זיינען געווען צווישן די פירער, וואָס האָבן אין סוף פון 1935 אָרגאַניזירט די קאָמיטע פאַר אינדוסטריעלער אָרגאַניזאַציע. זיי האָבן אַ סך מיטגעהאָלפן אין דער דערפאָלגרייכער קאַמפּאַניע צו וועלכער די קאָמיטע האָט אין 1936 זיך גענומען, צו אָרגאַניזירן די ניט־אָרגאַניזירטע.

ווען די קאָמיטע פאַר אינדוסטריעלער אָרגאַניזאַציע האָט נאָכדעם פאָרמירט דעם נייעם סי־אַי־אָ, דעם קאָנגרעס פון אינדוסטריעלע אָרגאַניזאַציעס, האָבן זיך דערפון די פירער פון דער אינטערנעשאָנאַל און פון דער העט און מילינערי יוניאָן צוריקגעצויגן. אָבער דער מאַסן־שוואונג פון דעם סי־אַי־אָ האָט זיך געלאָזט שטאַרק פילן אויך אין אַט־די אָרגאַניזאַציעס, וואָס זיינען געשטאַנען אויסער דעם סי־אַי־אָ.

אין איינעם פון די שמועסן, וואָס איז אין יענע צייטן אויסגעקומען צו האָבן מיט דוד דובינסקי'ן, פּרעזידענט פון דער אינטערנעשאָנאַל, האָט ער צוגעגעבן, אַז די אָרגאַניזירונג פון דער קאָמיטע פאַר אינדוסטריעלער אָרגאַניזאַציע און זיין אַקטיווער אָנטייל אין דער אַרבעט פון דער דאָזיגער קאָמיטע האָט אַריינגעטראָגן אַ נייעם גייסט און נייעם לעבן אין דער אינטערנעשאָנאַל.

דובינסקי איז אין יענער צייט אויך געוואָרן אַקטיוו אין דער הילפס־קאַמפּאַניע פאַר דעם קאַמף פון די לאָיאַליסטן קעגן דער מלחמה פון דעם פראַנקאָ־פאַשיזם אין שפּאַניע.

אינערלעך האָט זיך די לאַגע דעמאָלט געענדערט דערמיט, וואָס עס האָט אין די יוניאָנס אָנגעהויבן הערשן אַ שטימונג פון איינינקייט.

אַ פאָרמעלע פאַראייניגונג איז אין 1935 דורכגעפירט געוואָרן צווישן

ווען די יוניאָן באַוועגונג
איז אויסגעוואַקסן

די צעשפאלטענע טיילן פון דער פאריערס יוניאן.

אין דער אינטערנעשאנאל און אין דער אמאלגאמעיטעד האט מען קיין פארמעלע פאראייניגונגען און קיין פאראייניגטע פראנטן ניט גע־שלאסן. עס איז אבער אין זיי דאך אויסגעוואקסן א שטימונג צו איר־ניגקייט. די „טרעיד יוניאן יוניטי ליג", דער באזונדערער פארבאנד, וואס די לינקע האבן געהאט ארגאניזירט אין דער צייט פון די אויס־שליסונגען, איז שוין געווען אויפגעגעבן. די וועלכע מען האט פריער געהאט אויסגעשלאסן זיינען צוריק געווארן אקטיוו אין די רייען פון אמ־די יוניאנס, וואו זיי זיינען פריער אויסגעשטאנען א שוידערלעכן טעראר.

דאס איינציגע ארט וואו מען האט אמ־די איינינקייט ניט געוואלט ליידן איז געווען אין „פארווערטס".

אב. קאהאן, דער דעמאלטדיגער רעדאקטאר פון „פארווערטס", וואס האט שטענדיג געטראגן א ביטער הארץ נעגן דעם אמאלגאמעיטעד־פרעזידענט סידני הילמאן, האט דעמאלט זיין גאנצן צארן אויסגעגאסן אויף הילמאנ׳ען.

זיין כעס אויף הילמאנ׳ען איז שטענדיג געווען דערפאר, ווייל היל־מאן האט קיינמאל ניט געטאנצט לויט קאהאנ׳ס פייפל.

אין יענער צייט איז זיין צארן נעגן הילמאנ׳ען געווען שטארק דער־פאר, ווייל הילמאן האט געשפילט א גרויסע אנפירנדיגע ראלע אין דעם סי־אי־א, ער האט געשפילט אן אנפירנדיגע ראלע אין דער ניו־יארקער אמעריקען לעיבאר פארטי. קאהאן האט הילמאנ׳ען ניט פארגונען די ראל, וואס ער האט אויך געשפילט אין דער רוזוועלט־אדמיניסטראציע. ער האט אים ניט פארגונען דאס וואס איינינע מענטשן האבן דעמאלט אנגעהויבן רעדן, אז עס וואלט ראטזאם געווען, אז הילמאן זאל קריגן א נאמינאציע פאר א מיטגליד אין דעם וואשינגטאנער סענאט.

איז קאהאן אין יענער צייט אייניגע מאל ארויס נעגן הילמאנ׳ען מיט אפענע אטאקעס.

ער האט זיך דערבייי ניט באגוגנט בלויז מיטן „פארווערטס", נאר דעם 29טן יוני פון 1938 איז ער געגן הילמאנ׳ען ארויס מיט א העצע אויך אויף די זייטן פון דער ניו־יארקער „טאימס".

דער דעמאַלטדיגער ענטפער דעם „פאָרווערטס"

דאָס איז שוין אפילו פאַר די אייגענע מענטשן, וואָס דער „פאָר־ווערטס" האָט געהאַט אין דער אמאַלגאַמעיטעד אויך געוואָרן צופיל.

זיינע אייגענע מענטשן זיינען דעריבער דעמאָלט אין נאָמען פון דער ניו־יאָרקער דזשאָינט באָארד פון דער אַמאַלגאַמעיטעד אַרויס מיט אַן אָפענער דערקלערונג, וואָס זיי אַליין האָבן שוין לעצטנס (אין זייער באַנייטער חסידות פאַר דעם „פאָרווערטס") מסתמא פאַרגעסן. עס איז אָבער כדאי דאָ צו דערמאָנען, אַז די דערקלערונג האָט זיך, אין איר גרעסטן טייל, געלייענט אַזוי:

„די מענעדזשערס און אַדמיניסטראַטיווע קאָמיטע פון דער ניו־יאָרקער דזשאָינט באָארד פון דער אַמאַלגאַמעיטעד קלאָדהינג וואָרקערס אָוו אַמעריקע האָבן גרינטלעך באַטראַכט די אַטאַקע, וועלכע אב. קאַהאַן, דער רעדאַקטאָר פון „פאָרווערטס", האָט לעצטנס געמאַכט אויף סידני הילמאַן, גענעראַל פּרעזידענט פון דער אַמאַלגאַמעיטעד קלאָדהינג וואָרקערס.

„די לעצטע פון אַ צאָל דירעקטע און אומדירעקטע אַטאַקעס האָט קאַהאַן פאַרעפנטלעכט אין דער „ניו־יאָרק טאַימס" פון 29טן יוני (1938).

„בעת אין דער דאָזיגער שענדלעכער אַטאַקע אין דער „טאַימס" ווערט ברודער הילמאַן אַנגעגריפן פּערזענלעך, האָט אָבער קאַהאַן געצילט זיין אַטאַקע געגן איינינע אָרגאַניזאַציעס, וואו פּרעזידענט הילמאַן פאַרנעמט אַן אָנפירנדיגע פּאָזיציע. די דאָזיגע אָרגאַני־זאַציעס זיינען: די אַמאַלגאַמעיטעד, דער סי־אַי־אָ, און די אַמערי־קען לעיבאָר פּאַרטיי. מיסטער קאַהאַן שטרעבט צו באַשעדיגן די טרעיד־יוניאָן און פּאָליטישע באַוועגונג וואו פּרעזידענט הילמאַן איז איינער פון די פירער. מיט זיין דערקלערונג אין דער „טאַימס", אַז ,צוזאַמען מיט דער מערהייט אידישע טרעיד יוניאָניסטן פיל איך, אַז הילמאַנ'ס באַציאונג צו דער קאָמוניסטישער באַוועגונג איז אָפּשטויסענד און אומפאַראַנטוואָרטלעך' באַצוועקט קאַהאַן צו באַשעדיגן די דאָזיגע אָרגאַניזאַציעס דורך אַטאַקירן זייערע פירער.

„מיר ווייסן ניט וואו עס געפינט זיך די געהיימניספולע מער־

הייט פון אידישע טרעיד־יוניאָניסטן, וואָס סאָלידאריזירן זיך מיט אב. קאהאן, סיידן זיי געפינען זיך אין זיין פאנטאזיע. פרעזידענט הילמאן האט זיך דערוואָרבן א גלענצענדיגע נאציאָנאַלע רעפּוטאַ־ציע אַלס איינער פון די באגאבסטע, פאראנטוואָרטלעכסטע און פאָרזיכטיגסטע פירער פון דער ארבעטער באוועגונג. דער פרואוו פאַרצושטעלן אים אַלס „אַפּשטויסענד" און „אומפאראנטוואָרטלעך" וועט ארויסרופן אנטריסונג און פאראכטונג ביי אַלע, מיט דער אויסנאַם פון די העינס, גוירדלערס און הוירסטס.

„מיר זיינען דערשטוינט פון דעם, וואָס אב. קאהאן אַלס רעדאַקטאָר פון „פאָרווערטס", מאכט יד אחת און דערשיינט אַלס ארויסהעלפער פון די אָפענע און באהאַלטענע פאשיסטן, אָפּען־שאָפּערס און רעד־בעיטערס.

„אין זיין דערקלערונג, וואָס איז געווען געדרוקט אין דער „טאַימס" זאָגט קאהאן נביאות, אַז אויב די אמעריקען לעיבאָר פּאַרטיי וועט ווירקלעך ארויסשטעלן הילמאן'ס קאנדידאַטור פאַר יונאַיטעד סטייטס סענאַט, וועט דאָס ברענגען דעם צוזאמענבורך פון דער אמעריקען לעיבאָר פּאַרטיי. און דאָס איז דערפאַר, לויט דער דערקלערונג פון דער „טאַימס", וואָס איז געשטיצט אויף דער „אויטאָריטעט" פון אב. קאהאן, וואָס הילמאן, הגם ניט קיין קאָ־מוניסט, איז ער אָבער גרייט צו אינטריגעווען מיט די קאָמוניסטן, אויב ער קאָן דערפון שלאָגן פּאָליטישן קאַפּיטאַל".

„אב. קאהאנ'ס דערקלערונגען וועגן פרעזידענט הילמאן זיי־נען שענדלעכע ליגנס. די אָפען שאָפּ אונטערנעמער אין דער סאוט וואָלטן צופרידן געווען צו באצאָלן קאהאנ'ען אַן אוצר מיט געלט פאַר אַזעלכע סטעיטמענטס. זיי וואָלטן אַזעלכע דערקלערונגען זייער גוט געקאָנט אויסנוצן כדי צו אָפּשרעקן אומוויסנדיגע אַר־בעטער אין די אָפען שאָפּ געגנטן, וואו די יוניאָן פירט אַן אירע אָרגאַניזאַציע־קאַמפּעינס. דאָס וואָס די דערקלערונג קומט נאָך פון אַ סאָציאַליסט, וועלכער פרעטענדירט צו זיין אַ גרויסער פריינט פון דער טרעיד יוניאָן באוועגונג וואָלט נאָך געהאָלפן די סוועט־שאָפּ אייגנטימער. אויך די רעאַקציאָנערן אין דער דעמאָקראַטי־שער און רעפּובליקאַנער פּאַרטייען אין ניו־יאָרק וואָלטן פּאַר דעם גוט באַלוינט אב. קאהאנ'ען. דער אויסרייד פון „רויטער געפאַר"

פון אזא אויטאָריטעט אין דער אָננעלעגנהייט ווי אב. קאהאן איז דאָך פאַר זיי אַ מתנה פון דעם רבונו של עולם. עס מאַכט ניט קיין אונטערשייד דאָס וואָס אב. קאהאן טוט דאָס אַלץ אויס „ליבשאַפט" און ניט פאַר מזומן.

אַלס די פאָרטרעטער פון 50 טויזנט מיטגלידער פון דער אַמאַלגאַמעיטעד קלאָדהינג וואָרקערס פון ניו־יאָרק, אין וועמענס נאָמען מיר רײדן, פאַרדאַמען מיר אַנטשיידן די אַטאַקע, וואָס אב. קאהאן האָט געמאַכט אויף סידני הילמאַן, פּרעזידענט פון דער אַמאַלגאַמעיטעד קלאָדהינג וואָרקערס און איינער פון די פּי־רער פון דער אַמעריקען לעיבאָר פּאַרטיי. אונזער גלויבן אין פּרע־זידענט סידני הילמאַנ'ס גרויסן געפיל פון פאַראַנטוואָרטלעכקייט און פּראַקטישער פירערשאַפט וועט ניט פאַרמינדערט ווערן דורך אב. קאהאנ'ס אַטאַקעס.

אונטערגעשריבן — לואיס האַלענדער, דזש. קאַטאַלאַנאָטי, מענ־עדזשערס; אייב מילער, סעקרעטאַר טרעזשורער; פּיטער מאנאַט, קאָנטראָל דעפּאַרטמענט; מאָרעי ווײנשטיין, מענעדזשער קאָטערס לאָקאַל 4; טרעיד מענעדזשערס: דזשאָזעף גאָלד, פּאָול אַרנאָני, ס. רייך, מ. בלומענרייך, ניו־יאָרק דזשאָינט באָארד אַמאַלגאַמעי־טעד קלאָדינג וואָרקערס אָוו אַמעריקע".

אחוץ דעם „פאָרווערטס" האָט די שטימונג פון איינינקייט אין יע־נער צייט נאָך אויך געפעלט אין דער מילינערי יוניאָן. אָבער בכלל איז די אַטמאָספערע דאָך געווען אַ בעסערע ווי פריער.

אין אָט־דעם פעריאָד זיינען די דערמאָנטע יוניאָנס ריזיג אויסגע־וואָקסן און געקראָגן אַ גרויסע מאַכט. די אינטערנעשאָנאַל פון די פרויען קליידער אַרבעטער איז פון אַן אָרגאַניזאַציע פון צווישן 30 און 40 טויזנט מיטגלידער געוואָרן אַ יוניאָן פון 400 טויזנט.

אַן ענלעכער וואוקס האָט זיך אויך דערזען אין דער אַמאַלגאַמעיטעד.

די פאָריערס יוניאָן האָט אין דער דאָזיגער צייט געהאַט זייער ווײ־ניג פאָריערס צו אָרגאַניזירן. כמעט אַלע זיינען אָרגאַניזירט. האָט זי אָבער אָרגאַניזירט און איינגענומען אין אירע רייען איבער 50 טויזנט לעדער־אַרבעטער.

דער אויפשוואונג פון דער רעאקציע

נאך דער צווייטער וועלט־מלחמה האט זיך אבער די לאגע ווי־דער געביטן.

דער קאמף, וואס איז אין דער דאזיגער מלחמה געפירט געווארן געגן היטלעריזם האט אין א גרויסער מאס פאראייניגט אלע אנטי־פאשיסטישע כוחות סיי אין אמעריקע און סיי אין אויסלאנד.

די אלגעמיינע ארגאניזירטע ארבעטער־מאכט איז געשטיגן ניט נאר אויף א נאציאנאלן מאסשטאב, נאר אויך אויף א וועלטלעכן פארנעם.

זייער פיל האט אין דעם ארויסגעהאלפן די ארגאניזירונג פון דער טרעיד־יוניאן וועלט־פעדעראציע, וואס איז דורכגעפירט געווארן אין 1945.

דער אויפשטייג פון דער דאזיגער ארגאניזירטער מאכט און איר איינינקייט מיט די אלע פראגרעסיווע כוחות, וואס די רוזוועלט־פראגראם פון „נייעם דיל" האט ארום זיך געשאפן, האט אויך אנגעהויבן ברענגען נייע געווינסן פאר די ארבעטער.

האבן די פרא־פאשיסטישע קרייזן און אלע שונאים פון „נייעם דיל" זיך גענומען צו א מאביליזאציע אויף צוריקצושלאגן דעם אויפשטייג פון דער פראגרעסיווער מאכט.

א גרויסער טייל פון די כוחות, וואס האבן פריער געשטיצט דעם „נייעם דיל" האבן זיך אליין אויך דערשראקן פאר דעם דאזיגן פראגרעס און זיי האבן זיך גענומען צו מאכן א „השיבנו נאזאד".

אין לאנד האט זיך אזוי נאך דער צווייטער וועלט־מלחמה אנגע־הויבן א פעריאד, וואס איז אין א סך פרטים געווארן ענלעך צום פעריאד פון נאך דער ערשטער וועלט־מלחמה.

דעמאלט, נאך דער ערשטער וועלט־מלחמה, האט זיך אין לאנד צעבושעוועט א רעאקציע מיט א טעראר, וואס זיין הויך־פונקט איז דערגרייכט געווארן דורך די פאלמער־„רעידס", די איבערפאלן, וואס מען האט דורכגעפירט אין אנהויב פון 1920.

אין יענער צייט זיינען מאסן־ארעסטן פארגעקומען. קאמוניסטן זיינען געשטעלט געווארן אויסער געזעץ. לינקע ארגאניזאציעס האט מען אטאקירט אויף פארשידענע אופנים.

אלע גרויסע אנטי־יוניאן קארפארעישאנס האבן אין יענער צייט

זיך גענומען צו א ברייטער אפענסיווע קעגן דער יוניאן־באוועגונג.

מען האט זיך דעמאלט גענומען צו בויען און אנטוויקלען די סיס־טעם פון קאמפאני־יוניאנס. עס זיינען געשטיגן די באוואפנטע אטאקעס פון קאמפאני־גארדס אויף די ריכטיגע ארגאניזאציעס פון די ארבעטער.

די רעאקציע פון נאך דער צווייטער וועלט־מלחמה האט זיך טיילווייז אנגעהויבן באלד נאך רוזוועלט'ס פלוצלינגן טויט און נאך איידער די מלחמה האט זיך פארענדיגט.

זי האט זיך ברייטער פאנאנדערגעשפילט נאכדעם ווי פרעזידענט טרומאן האט פראקלאמירט די אזוי־גערופענע „טרומאן־דאקטרינע" און נאכדעם ווי מען האט אנגענומען דעם מארשאל־פלאן.

עס איז אוועק א סדר פון רעאקציאנערע געזעצן. מען האט געלאזט אין גאנג דעם טעפט־הארטלי געזעץ, דעם סמיט־געזעץ, דעם מעקארען־וואלטער געזעץ. עס זיינען געווארן אקטיוו די מעקארטי און וועלדע קאמיטעס פון קאנגרעס. מען האט זיך גענומען צו מאכן ארעסטן, אטא־קירן פרעמד־געבוירענע. מען האט געשאפן א טעראר קעגן אלץ און אלעמען אויף וועמען עס איז נאר דא א שטיקל חשד, אז מ'איז פראגרעסיוו.

א שטארקער דרוק איז גענוצט געווארן אויף דער „לעיבאר"־ביוראָ־קראטיע, אז אויך זי זאל ארויף אויפן וואגן פון דער רעאקציע.

האט זי זיך קיין סך נישט געלאזט בעטן און זי איז דעם וואונטש נאכגעקומען.

די פירער פון דעם סי־אי־א, וואס איז אויסגעוואקסן דורך א פאר־אייניגונג פון צענטריסטישע, האלב־צענטריסטישע און לינקע כוחות, האבן זיינע פראגרעסיווע יוניאנס אויסגעשלאסן און די אייניגקייט צע־בראכן. מענטשן, וואס פלעגן פריער אטאקירן די העצעס פון רויט־יע־געריי האבן זיך אליין גענומען צו דער דאזיגער מלאכה.

די „פארווערטס"־סאציאליסטן, וואס זיינען די אנפירער אין די מערסטע אזוי־גערופענע אידישע יוניאנס זיינען אויך אריין אין דעם קאראהאד פון דער רעאקציע. די פאזיציעס פון פראגרעס און אנשטענ־דיקייט, אויף וועלכע זיי האבן זיך אין א געוויסער מאס געהאט געשטעלט אין די יארן פון דעם אומאפיציעלן פאראייניגטן פראנט, האבן זיי צו לאנג ניט געקאנט אנהאלטן.

זייער סאציאליזם פון אמאל און היינט

די גאנצע אידעאלאגיע פון די דאזיגע טרעיד יוניאן פירער איז איצט גאר אן אנדערע.

אמאל, אין די ערשטע יארן פון דער אידישער ארבעטער־באוועגונג, פלעגן זיי אפט רעדן וועגן מארקסיזם, סאציאליזם, די אנפירונג פון קלאסנ־קאמף.

אפילו נאך אין 1924, ווען אין דער אינטערנעשאנאל פון די פרויען קליידער ארבעטער איז שוין געווען אין גאנג א ווילדער טעראר, וואס די דעמאלטדיגע זיגמאן און דובינסקי־אדמיניסטראציע האט אנגעפירט געגן די לינקע האט מען דעם ערשטן מאי אין איר „גערעכטיגקייט" געדרוקט א רוף, וואו מען האט געזאגט:

„דער ערשטער מאי רופט צו אלע ארבעטער פון דער וועלט:
„וואו און ווער איר זאלט ניט זיין, קוים זענט איר אן אר־בעטער, געהערט איר צו דעם גרויסן אלוועלטלעכן ארבעטער־קלאס, און איין און דער זעלבער איז אייער גרויסער לעבנס־אינטערעס, און איין פראבלעם איז די איינציגע און וויכטיגסטע פאר אייך אלע: צו מאכן א סוף צו דער צעטיילונג פון דער געזעלשאפט אין קלאסן; אין ארבעטער און פוילענצער, צו מאכן אוממעגלעך, אז איין מענטש זאל מוזן זיין גאנצן לעבן הארעווען, ליידן, כדי

א צווייטער זאָל קאָנען געניסן פון אלדאָס גוטס אין דער וועלט".
דער רוף האָט דאָרט ווייטער געזאָגט, אַז:
„היינט איז דער טאָג, ווען דער ארבעטער־קלאַס איבער דער גאַנצער וועלט דערלאַנגט זיך די הענט און גיט זיך א שבועה פאַר קיין מאָמענט ניט אָפּצושטעלן דעם גרויסן, הייליגן קאַמף פאַר דער באַפרייאונג פון ארבעטער־קלאַס פון די שרעקלעכע קייטן אין וועלכע ער איז ביז איצט געווען געשמידט".

איצט איז ביי די פירער פון דער דאָזיגער יוניאָן אָנגענומען, אַז אַזוינע רייד זיינען בטלנות. מען מאַכט איצט חוזק פון די וואָס רעדן וועגן קלאַסנקאַמף און „באַפרייאונג פון ארבעטער־קלאַס".
א מוסטער דערפון איז געווען אַן „אני מאמין", וואָס אלעקס ראָז, דער פרעזידענט פון דער העט און מילינערי יוניאָן האָט אלס וואָרט־זאָגער פון די „פּראָגרעסיסטישע" טרעיד יוניאָן פירער דערקלערט אין זיינעם א גאַסט־קאָלום אין דער „וואָירלד־טעלעגראַם" פון דעם 25טן אויגוסט, 1949.
ראָז האָט דאָרט געזאָגט:

„לעיבאָר (מיינענדיג ער און זיינע קאָלעגן) בייט זייער שנעל דעם קוק אויף ווייטער און די טאַקטיק.
„א סך טרעיד־יוניאָנס (ווידער מיינענדיג זיך און זיינע קאָלעגן), וואָס בלויז 25 יאָר צוריק זיינען זיי געווען באַוואוסט אלס שרעקלעכע ראַדיקאַלן און אַזעלכע וואָס העצן צו רעוואָלט זיינען איצט די פעסטונגען פון רעספּעקטאַביליטעט און סטאַביליטעט.
„דער ,קלאַסנקאַמף' איז אין מיין יוניאָן און אין פיל אַנדערע יוניאָנס א זאַך פון דער פאַרגאַנגענהייט.
„די פון אונז, וואָס האָבן זיך אַמאָל געהאַלטן ביים אַלטן מאַרקסיסטישן לאָזונג, אַז ,דער ארבעטער האָט גאָר ניט צו פאַרלירן אחוץ זיינע קייטן' האָבן איינגעזען, אַז דער דאָזיגער לאָזונג האָט קיין זינען ניט אין אונזער אַמעריקאַנער דעמאָקראַטיע און אין דער ליכט פון די לעבנס־באַדינגונגען, וואָס אונזער ארבעטער־געזעלשאַפט האָט דערגרייכט.
„אונזערע יוניאָן־מיטגלידער באַטראַכטן שוין מער ניט די

יוניאָן ווי בלויז אַן אינסטרומענט, וואָס דאַרף גענוצט ווערן געגן די באַלעבאַטים".

מעק גראָס, אַ קאָלעגע פון אַלעקס ראָז, איז שוין דעריבער אין 1946 געוואָרן אַן עקזעקוטיוו־דירעקטאָר פון דער ווימענס העדוועער אַסאָסיאיישאָן (אַן אָרגאַניזאַציע פון די מילינערי־באָסעס) פּאַקטיש נאָך איידער ער האָט געהאַט אויפגעגעבן דעם אַמט פון קאַסירער, וואָס ער האָט אָנגעהאַלטן אין דעם בלאַקערס לאָקאַל 42 פון דער יוניאָן.

און אין אַ רעדע, וואָס דער דאָזיגער גראָס האָט געהאַלטן ביי זיין ערשטן מיטינג פון דער אַסאָסיעישאָן האָט ער פאַרזיכערט, אַז דאָס וואָס ער איז צוועלף יאָר געווען אַ באַאַמטער אין דער יוניאָן „קאָן פאַר אים ניט זיין קיין שטערונג צו דינען זייער גוט דער אָרגאַניזאַציע פון די מילינערי־פאַבריקאַנטן".

אַן אַטאַקע אויף דער טעאָריע פון קלאַסנקאַמף האָט געמאַכט לואיס האָלענדער, דער מענעדזשער פון דער ניו־יאָרקער אַמאַלגאַמעיטעד דזשאָינט באָאַרד, אין אַ לעקציע, וואָס ער האָט געהאַלטן אין אַן אָפּטיילונג פון דעם אוניווערזיטעט אין סיראַקיוז.

ער האָט דאָרט גע'טענה'ט, אַז „די אַמעריקאַנער אַרבעטער באַוועגונג קאָן ניט און וועט ניט אָננעמען די טראַדיציאָנעלע טעאָריע פון קלאַסנקאַמף".

אמאָל איז מען, הייסט עס, טאַקע געווען סאָציאַליסטן און גע־גלויבט אין קלאַסנקאַמף, אָבער איצט זיינען זיי שוין (אַדאַנק דעם טאַטן אין הימל) „קלוגער געוואָרן". איצט זיינען זיי די „פעסטונגען פון רעס־פעקטאַביליטעט".

פאַרשטייט זיך, אַז דאָס מאַכט גרינגער צו שטיין אין דעם קאַ־ראַהאָד פון דער רעאַקציע.

די ענדערונג אין דער מיטגלידערשאַפט

ווי אַזוי אָריענטירט זיך ווענן דעם די מיטגלידערשאַפט פון די דאָ־זיגע יוניאָנס?

דאַרף מען צוערשט פאַרשטיין אַט וואָס:

דער באַשטאַנד פון דער מיטגלידערשאַפט אין די אַזוי־גערופענע אידישע יוניאָנס איז אין די לעצטע יאָרן (ווי אויבן אָנגעוויזן) שוין אויך געוואָרן ווייט ניט דער זעלביגער ווי אַמאָל.

דער אויסזען און כאַראַקטער פון די דאָזיגע יוניאָנס האָט זיך דערמיט אויך אַ סך געביטן.

אין די אַמאָליגע אידישע יוניאָנס פון די קליידער־אַרבעטער זיינען אין די לעצטע 15־20 יאָר אַריין הונדערטער טויזנטער אַרבעטער פון פאַרשידענע אַנדערע נאַציאָנאַליטעטן. זיי, אַט די אַרבעטער, זיינען איצט געוואָרן די באַזע פון די דאָזיגע יוניאָנס.

דער פּראָצענט פון אידישע אַרבעטער האָט זיך אין זיי שטאַרק גע־ביטן. זיי זיינען דאָרט ניט מער די גרויסע מערהייט, נאָר אַ קליינע מינ־דערהייט.

דאָס האָט צייטווייליג אויך געענדערט דעם גייסט, וואָס באַהערשט די זעלביגע יוניאָנס.

די אידישע אידעאַליסטישע אַרבעטער־עלעמענטן, וואָס זיינען פריי־ער געווען דער פונדאַמענט און דער הויפּט־כוח אויף וועלכן מען האָט געבויט די אינטערנעשאַנאַל און די אַמאַלגאַמעיטעד זיינען איצט פּאַק־טיש אַראָפּגעשטופּט פון דער אַרענאַ. די פירערשאַפט, וואָס באַהערשט די דאָזיגע אָרגאַניזאַציעס אָריענטירט זיך איצט אויף די ניי־אַריינגעקו־מענע עלעמענטן.

עקאָנאָמיש האָט מען היבשע עטלעכע יאָר אין די מערסטע פאַכן

פון דער נאָדל־אינדוסטריע דורכגעמאַכט אַ מלחמה־פּראָספּעריטי.

צוליב אַ טיילווייזן מאַנגל אין אַרבעטער־הענט זיינען די אַרבעטער־פאַרדינסטן אין די דאָזיקע פאַכן געווען ניט שלעכט און די פירערשאַפט האָט זיך דערפאַר גענומען דעם קרעדיט.

די יוניאָנס, באַזונדערס די אינטערנעשאָנאַל פון די פרויען קליידער־אַרבעטער און די אַמאַלגאַמעיטעד פון די אַרבעטער פון די מענער־קליידער, האָבן פאַר זיך אין די דאָזיגע יאָרן געשאַפן ריזיגע פאָנדן אויף פאַרשיידענע הילף־צוועקן פאַר די מיטגלידער.

די פאָנדן דאַרפן גענוצט ווערן און זיי ווערן גענוצט אויף הילף צו קראַנקע און אויף פענסיעס צו עלטערע אויסגעדינטע אַרבעטער.

אין דער אינטערנעשאָנאַל פון די פרויען קליידער־אַרבעטער האָט מען געשאַפן אַ ריזיגן פאָנד אויך פון געלדער, וואָס באַלעבאַטים צאָלן איין אויף וואַקאַציעס פאַר די אַרבעטער.

די סיסטעם פון די אויסצאָלונגען צו די אַרבעטער איז דאָרט אַזעלכע, אַז זיי קריגן ניט די פולע סומען, וואָס מען צאָלט פאַר זיי איין. אַ סך מיליאָנען דאָלער האָבן זיך דערפון אָנגעקליבן אין די קאַסעס פון דער פירערשאַפט.

פאַרשטייט זיך, אַז די איינפירונגען פון הילף־מיטלען פאַר די אַר־בעטער זיינען שטענדיק וויכטיג און אַז רייכע יוניאָן־קאַסעס זיינען בע־סער ווי אָרעמע.

אין די דערמאָנטע יוניאָנס האָט מען שוין אָבער צוליב אָט־די פאָנדן אָנגעהויבן קוקן אויף די אָרגאַניזאַציעס ווי אויף „ביג־ביזנעס״, גרויסע געשעפטן, און אויך אויף דעם אָריענטירט זיך די פירערשאַפט שוין מער ווי אויף דער מיטגלידערשאַפט. די גרויסע פאָנדן און די פאַר־שידענע בענעפיטן זיינען ביי אַ צאָל פירער אין אַ געוויסער מאָס געוואָרן אַ מיטל צו האַלטן אין צוים די מיטגלידערשאַפט.

די אַלע נייע באַדינגונגען האָבן פאַר זיי וויינציגסטנס צייטווייליג געשאַפן מער מעגלעכקייטן זיך אויסצולאַכן אפילו פון זייערע איינענע אַמאָליגע טעאָריעס פון קלאַסנקאַמף און צו האַלטן זיך ביים וואָגן פון דער רעאַקציע.

זיינען די מיטגלידער פון אַלץ צופרידן? געוויס ניט.

דאָס האָט מען געקאָנט זען אין די רעוואָלטעס און סטרייקס, וואָס טויזנטער מיטגלידער, און מערסטנס דווקא פון די נייַ־אָריינגעקומענע,

האבן אין יולי 1953 געפירט געגן דער אדמיניסטראציע פון דער אינ־טערנעשאנאל אין פילאדעלפיע און אין די שעפער פון האנדמאכער־פאנעל אין קענטאקי.

דער פראטעסט פון דער מיטגלידערשאפט געגן דער פאקטישער הילף פון דער פירערשאפט צו דער רעאקציע איז אבער דערווייל נאך שוואך. נאר אנצונעמען, אז אזוי וועט עס שוין בלייבן, איז פונקט אזוי זינלאז ווי צו זאגן, אז צו דער רעאקציע אליין וועט שוין אויך קיינמאל גאר קיין סוף ניט נעמען.

די ווירקונג פון די לינקע

דאס וואס די קאמפן פון די לינקע האבן ביז איצט אויפגעטאן אין די יוניאנס קאן מען אוודאי אויך ניט מינימיזירן.

אין אן אפשאצונג וועגן זייער ווירקונג קאן מען זען דעם פאלגנדן קורצן סך־הכל:

די גענגסטער־אטאקעס, וואס מען פלעגט אמאל מאכן אויף מיט־גלידער אין די אידישע יוניאנס זיינען איצט א זאך פון דער פארגאנ־גענהייט.

מען הערט ניט מער ביי א מיטינג קיין אויסגעשריי ווי מ'האט עס געקאנט הערן אמאל: „סיט דאון, אר אי וויל נאק יו דאון!" (זעץ זיך אוועק, אויב ניט וועל איך דיך מיט קלעפ אוועקזעצן).

די לינקע זיינען געווען, די וואס האבן פאפולאריזירט און אנגע־פירט די קאמפן פאר ארבעטלאזיגקייט־אינשורענס.

זיי זיינען געווען די וואס האבן פאפולאריזירט און אנגעפירט די קאמפן פאר דעם אינדוסטריעלן יוניאניזם.

זיי זיינען געווען די, וואס האבן פיל מיטגעהאלפן צו מאכן א סוף צו דער פראקטיק פון „פיור ענד סימפל" (ריין עקאנאמישן) טרעיד־יו־ניאניזם. דער פאקט איז, אז כמעט אלע יוניאנס זיינען שוין איצט אויך אקטיוו (צי גוט צי שלעכט) אויפן פאליטישן געביט און ניט נאר אויפן עקאנאמישן. מ'האט שוין לאנג צוריק אנגעהויבן פארשטיין, אז די עקא־נאמישע קאמפן קאנען ניט אפגעטיילט ווערן פון די פאליטישע.

די לינקע האבן זייער א סך מיטגעהאלפן אויף מאכן א סוף פון א גאנצער ריי פארשימלטע לאזונגען, וואס זיינען אנגעהאלטן געווארן אין דער אלגעמיינער יוניאן־באוועגונג.

למשל, געווען אמאל א לאזונג, וואס האט געהייסן: „עי ליווינג ווערדזש!" ארבעטער האבן, הייסט עס, געדארפט פאדערן און זען אויס־צופירן מען זאל זיי צאלן א לוין, וואס זאל קאנען דעקן זייערע לעבנס־באדערפעניששן.

וואס עס מיינט באמת „עי ליווינג ווערדזש" האט קיינער קיינמאל ניט געפרואווט אנצואווייזן. אלע ווייסן, אז וועגן „עי ליווינג ווערדזש" קאנען זיין פארשידענע מיינונגען. בארבארא האטאן, די יורש'טע פון די וואלוואורט־מיליאנען קאן זאגן, אז א מיליאן דאלער א יאר איז נאך פאר איר אויך ניט גענוג אויף א לעבן צו מאכן. און די פארוואל־טער פון די וואלוואורט סטארס קאנען אין דער זעלביגער צייט „באווייזן", אז פאר א דערוואקסענער מיידל, וואס שקלאפט אין זייערע סטארס, איז אכט דאלער א וואך אויך א גוטער „ליווינג ווערדזש", פון וועלכן מ'קאן מאכן א „שיין לעבן". אבער ניט קוקנדיג אויף דעם פלעגן דאך די אנפירער פון דער א. פ. אוו ל. האלטן אין איין קייען דעם לאזונג, אז מ'דארף פאדערן און קריגן „עי ליווינג ווערדזש".

איצט זיינען נאך אויך פאראן אזוינע יוניאן־פירער, וואס קייען דעם לאזונג „עי ליווינג ווערדזש", אבער אלס כלל ווערט ער שוין איצט ניט גענוצט אין דער זעלביגער מאס ווי פריער.

די לינקע האבן א סך מיטגעהאלפן אויף מאכן א סוף פון דעם אלטן גאמפערסיסטישן לאזונג: „עי פעיר דעיס פעי פאר עי פעיר דעיס וואָרק" (א יושר'דיגער טאג שכירות פאר א יושר'דיגן טאג ארבעט).

איצט פאדערט מען שוין אויך א יערלעכע גאראנטירטע צייט פון באשעפטיגונג און דערהויפט א יערלעכן גאראנטירטן לוין. מ'האט אנגעהויבן צו פארשטיין, אז ס'איז נישט גענוג היינט צו קריגן א טאג לוין פאר א טאג ארבעט און מארגן צו פעכנען פון הונגער. מ'האט אנ־געהויבן צו פארשטיין, אז מען מוז פאדערן און קעמפן פאר אזא לוין, אז מ'זאל א גאנצן יאר האבן פון וואנען און מיט וואס צו לעבן.

די לינקע האבן אודאי מיטגעהאלפן אין דעם וואוקס פון דער יו־ניאן־באוועגונג און אין דער אנפירונג פון אלע אירע קאמפן.

זיי זיינען אקטיוו אין אלע וויכטיגע ארגאניזיר־קאמפאניעס און אין אלע קאמפן פאר מער רעכט, מער פרייהייט און בעסערע לעבנס־באדינגונגען.

זיי זיינען געווען אקטיוו און זיינען אקטיוו אין אלע קאמפן געגן

ראַסן־דיסקרימינאַציעס אין די יוניאָנס און אויסער די יוניאָנס.

ווען דער צוקונפט קאָן מען געווים זאָגן, אז קיין קאַמפן פון די מיטגלידער־מאַסן אין די יוניאָנס וועלן ניט געפירט ווערן אויב דאָס וועט בכלל ניט זיין נויטיג.

אזוינע קאַמפן וועלן אָבער זיין אומפאַרמיידלעך דאָרט וואו די שעדלעכע פּראָנדקעס פון פירערשאַפט וועלן ניט אויפגעגעבן ווערן.

בלעטלעך פֿון געשיכטע

וואו די נאָדל־אינדוסטריע געפינט זיך

א באריכט, וואָס איז אין 1952 פאַרעפנטלעכט געוואָרן פון דעם „נעשאַנאַל קרעדיט אָפיס" דערקלערט, אַז אַן אויספאָרשונג פון זיין „מאַר־קעט פּלענינג סוירוויס" ווייזט, אַז די נאָדל־אינדוסטריע איז איצט די ניינטע גרעסטע אינדוסטריע פון לאַנד.

די פּראָדוקציע פון אַלע טיילן פון דער פרויען־קליידער־אינדוסטריע, אחוץ פוטער־מאַנטלען, העמס און די „סוירקיולער" געשטריקטע גאַר־מענטס, האָט אין 1950 באַטראָפן פיר ביליאָן מיט 216 מיליאָן און 200 טויזנט דאָלאַר. די פּראָדוקציע פון אַלע סאָרטן מענער־קליידער, איינגע־שלאָסן אויך העמדער, רעגן־מאַנטלען און אַלערליי מענערשע ספּאָרטס־מלבושים, האָט אין 1950 באַטראָפן דריי ביליאָן מיט 258 מיליאָן און 800 טויזנט דאָלאַר.

צוזאַמען האָט די פּראָדוקציע פון די אַלע סאָרטן קליידער אין 1950 באַטראָפן זיבן ביליאָן מיט 475 מיליאָן דאָלאַר.

די דריי הויפּט־טיילן פון דער אינדוסטריע, די וואָס פּראָדוצירן די מענערשע מאַנטלען און קאָסטיומען און די קלאָוקס און דרעסעס, זיי־נען לויט דעם דערמאָנטן באַריכט אַזוי אויסגעוואַקסן, אַז בלויז אין משך פון צוועלף יאָר, פון 1939 ביז 1950, איז דער באַטרעף פון זייער פּראָ־דוקציע געשטיגן פון א ביליאָן מיט 515 מיליאָן און 349 טויזנט דאָלאַר אין 1939 ביז פיר ביליאָן מיט 816 מיליאָן און 618 טויזנט דאָלאַר אין 1950.

דאָס מיינט, אַז דער באַטרעף פון אָט־די דריי הויפּט־טיילן פון דער פּראָדוקציע איז אין 1950 געווען מער ווי דריי מאָל אַזוי פיל ווי אין 1939.

פאַרשטייט זיך, אַז ביים שאַצן דעם דאָזיגן וואוקס דאַרף מען נישט פאַרגעסן, אַז דער דאָלאַר פון 1939 איז דורך דער אינפלאַציע ביז 1950 א סך איינגעדאַרט געוואָרן. אָבער די איינדאַרונג פון דעם דאָלאַר איז דאָך געווען אויף וויניגער ווי א העלפט, בעת דער באַטרעף פון דער פּראָדוקציע איז מער ווי פאַרדרייפאַכט געוואָרן.

וואו געפינט זיך לעצטנס די נאָדל־אינדוסטריע? וואו און אין וועלכע צענטרען זיינען אירע וויכטיגערע טיילן קאָנצענטרירט?

ווייזט די אויספאָרשונג, אַז די צאָל פון די פאַבריקאַנטן־פירמעס און די פּראָדוקציע פון מענערשע מאַנטלען און קאָסטיומען (אחוץ אַלע אַנ־דערע מענער־קליידער) איז אין 1950 געווען איינגעטיילט אין פאָלגענדע צענטרען:

מאַרקעטס	פירמעס	באַטרעף פון פּראָדוקציע
ניו יאָרק	596	$ 592,100,000
פילאַדעלפיע	118	147,400,000
שיקאַגאָ	67	121,300,000
באַלטימאָר	84	99,700,000
קליוולאַנד	17	60,600,000
באָסטאָן	95	60,100,000
סינסינעטי	31	49,900,000
ראָטשעסטער	10	46,800,000
סט. לואיס	19	34,300,000
לאָס אַנדזשעלעס	57	28,500,000
אַלע אַנדערע	255	231,500,000
צוזאַמען	1,349	$1,472,200,000

די צאָל פון פירמעס און די פּראָדוקציע פון קלאָוקס (קאָוטס, סוטס און סקוירטס) איז אין 1950 געווען איינגעטיילט אַזוי:

מאַרקעטס	פירמעס	באַטרעף פון פּראָדוקציע
ניו יאָרק	1,095	$ 789,250,000
לאָס אַנדזשעלעס	179	60,005,000
באָסטאָן	83	41,688,000
שיקאַגאָ	73	35,245,000
פילאַדעלפיע	34	24,512,000
סאַן פראַנציסקאָ	38	23,862,000
קענזעס סיטי	15	20,716,000
באַלטימאָר	13	15,076,000
קליוולאַנד	11	13,316,000
אַלע אַנדערע	141	65,116,000
צוזאַמען	1,682	$1,088,786,000

די צאָל פון די פירמעס און די פּראָדוקציע פון דרעסעס און בלוזעס איז לויט דעם דערמאָנטן באריכט געווען איינגעטיילט אזוי:

מאַרקעטס	פירמעס	באַטרעף פון פּראָדוקציע
ניו יאָרק — — — — —	2,434	$1,458,107,000
לאָס אנדזשעלעס — —	346	131,721,000
שיקאגאָ — — — —	178	112,422,000
פילאדעלפיע — — —	163	91,491,000
באָסטאָן — — — —	105	57,711,000
סט. לואיס — — — —	58	50,181,000
קליוולאנד — — — —	20	33,173,000
דאַלאַס — — — — —	50	32,496,000
קענזעס סיטי — — —	25	21,066,000
באַלטימאָר — — — —	20	17,004,000
מילוואָקי — — — —	15	15,697,000
אַלע אנדערע — — —	496	234,563,000
צוזאמען — — —	3,910	$2,255,632,000

אַ לידל, וואָס האָט געוואונען אַ סטרייק

אין אַ סטרייק, וואָס 20 טויזנט שיך־אַרבעטער האָבן אין 1860 אָנגעפירט אין 25 שטעט פון די ניו ענגלאַנדער שטאַטן, האָט אַ לידל געהאָלפן שטאַרקן דעם מוט פון די סטרייקערס און זיי האָבן געוואונען זייער קאַמף. דער געווינס איז געווען אַ העכערונג אויף זייערע שכירות און אין אייניגע שטעט האָבן זיי אויך געוואונען יוניאָן־אָנערקענונג.

דאָס לידל איז פון די סטרייקערס געזונגען געוואָרן מיט דער מעלאָדיע פון „יענקי דאָדל" און די ווערטער אין ענגליש זיינען געווען אַזוי:

Starvation looks us in the face.
We cannot work so low.
Such prices are a sore disgrace,
Our children ragged go.

CHORUS

Up and let us have a strike
Fair prices we'll demand.
Firmly let us all unite,
Unite throughout the land.

The carpenters get up a strike,
The masons do the same.
And we'll take hold with all our might,
And elevate our name.

אין אַ פרייער אידישער איבערזעצונג פון בער גרין לייענט זיך דאָס דאָזיגע סטרייק־לידל אַזוי:

אין פּנים אַריין קוקט אונז דער הונגער־טויט,
נישטיג־קליין איז אונזער אַרבעט־לוין.
אַזאַ לוין איז בלויז אַ ווייטאָג אין אונזער נויט,
אונזערע קינדער — אין שמאַטעס אָנשטאָט אַ קלייד.

כאָר:

טאָ לאָמיר האָבן אַ סטרייק, אַ קאַמף אָנפירן.
אונזער שכר איז דאָך קליין און ווייניג.
לאָמיר אַלע, אַלע שטיין פעסט פאַראייניגט,
און זאָל דאָס גאַנצע לאַנד אונזער רוף דערהערן.

די סטאָליאַרעס רופן אַ סטרייק,
אויך די מוליאַרעס צו אַ סטרייק זיי שטראַמען.
פעסט און אייניג וועלן מיר אַלע זיין,
און דערהויבן אונזער נאָמען.

סובווערסיווע פון אַמאָל

דער „סובווערסיווער" דזשאָן סווינטאָן

געווען אין 1884 אַן ארבעטער־רעדאַקטאָר מיט'ן נאָמען דזשאָן סווינטאָן. די מאַסן פון לאַנד האָבן דעמאָלט געליטן פון אַ דעפּרעסיע און דער תירוץ איז געוויינלעך געווען, אַז דאָס איז דערפאַר, ווייל דאָס לאַנד האָט אַן איבער־פּראָדוקציע פון שפּייזן און סחורות און מען האָט ניט געוואָלט צוגעבן, אַז דאָס איז דערפאַר, ווייל די מאַסן קריגן ניט קיין מעגלעכקייט אויפצוקויפן די פּראָדוקציע.

האָט סווינטאָן וועגן דעם אין זיין ציימונג פון דעם 9טן מערץ, 1884, געשריבן:

„יאָ, די צרה ליגט טאַקע אין דעם, וואָס מיר האָבן אין אַ סך זאַכן אַן איבער־פּראָדוקציע.

פאַראַן אַן איבער־פּראָדוקציע פון פּוסט און פּאַסניקעס, וואָס פרעסן פרעמדן ברויט.

„פאַראַן אַן איבער־פּראָדוקציע פון צוואַנציג דאָלאַר אַ חודש אַר־בעטער און פון אַ מיליאָן דאָלאַר אַ חודש קאַפּיטאַליסטן.

„פאַראַן אַן איבער־פּראָדוקציע פון שמייכלענדיגע פּאָליטישנס, וואָס זייער פּאָליטיק מיינט גנבה און גזלה.

„פאַראַן אַן איבער־פּראָדוקציע פון העסלעכער געזעצגעבונג אין יע־דער סטעיט־לעגיסלאַטור פון לאַנד.

„פאַראַן אַן איבער־פּראָדוקציע פון קאָרפּאָרעישאָן־דינער איןביידע הייזער פון קאָנגרעס און אין יעדער געזעצגעבנדיגער הויז פון יעדן סטעיט.

„פאַראַן אַן איבער־פּראָדוקציע פון שאַיסטערס, הארצלאָזע און מארכלאָזע לאָיערס און פון קאָרופּטע ריכטער.

„פאַראַן אַן איבער־פּראָדוקציע פון שווינדלערישע ציימונגען און פון אַזוינע שרייבער־פּאַטשקונעס, וואָס זיינען גרייט צו פאַרקויפן זייערע נשמות פאַר אַ דזשאָב אין די דאָזיגע ציימונגען.

„פאַראַן אַן איבער־פּראָדוקציע פון קלעריקאַלע שאַרלאַטאַנעס, וואָס פּריידיגן פאַר געלט ליגנס.

„פאַראַן אַן איבער־פּראָדוקציע פון מיליאָנערן און שקלאַפּן, מאָנאָ־

פּאַליסטן און טרעמפּס, זולל וסובא׳ניקעס און אויסגעהונגערטע, ספּעקו־לאַנטן און בעטלער, פרויען און קינדער־שקלאַפן אין פאַבריקן און אויס־געפּוצטע דזשעזשעבעלס מיט געפאַרבטע פּנימ׳ער פון אומריינער סאָ־סייטע".

***

די געשיכטע דערציילט ניט צי דער דערמאָנטער דזשאָן סווינטאָן איז פאַר זיינע אויבן־ציטירטע ווערטער אין 1884 באַטראַכט געוואָרן ווי אַן „אומלאָיאַלער" און „סובווערסיווער".

אָבער פאַר אַ קאַמפּעין, וואָס מען האָט אין 1904 אָנגעפירט פאַר אַן אַכט־שעה׳דיגן אַרבעטס־טאָג האָט מען שוין יאָ געהייסן „אומלאָיאַל" און „סובווערסיוו".

אין אַן אָרגאַן פון דער נעשאַנאַל אַסאָסיעישאָן אָוו מאַנופעקטשו־רערס האָט מען וועגן דעם דערמאָלט געשריבן:

„נישטאָ קיין אונטערשייד פון אַ קירצערן אַרבעטס־טאָג און דעם פּלאַן, אַז אַלע פאַרמעגנס זאָלן איצט גלייך צעטיילט ווערן צווישן אַלע־מען און אַז אַלע זאָל זיך אָנהויבן פון דאָס ניי.

„צי די וואָס קעמפן פאַר אַ קירצערן אַרבעטס־טאָג מיינען עס אָדער ניט בלייבט דאָך דער פאַקט, אַז מיט אַזוינע קאַמפן יאָגן זיי דעם האַרי־זאָנט פון קאָמוניזם אויפן רעכענונג פון דעם אינדיווידועלן מענטשן".

***

דער „סובווערסיווער" פרענקלין דעלענאָ רוזוועלט

דעם 14טן אויגוסט, 1936, האָט דער דעמאָלטדיגער פּרעזידענט פרענקלין ד. רוזוועלט גערעדט וועגן מלחמה און געזאָגט אַזוי:

„איך האָב געזען מלחמה. איך האָב געזען מלחמה אויף לאַנד און אויפן ים. איך האָב געזען בלוט, וואָס האָט זיך געגאָסן פון פאַרוואונ־דעטע. איך האָב געזען מענטשן, וואָס האָבן אַרויסגעהוסט זייערע פאַר־געזטע לונגען. איך האָב געזען די טויטע אין די בלאָטעס. איך האָב געזען די אַנגסטן פון מאַמעס און פרויען פון אומגעקומענע. איך האָס מלחמה. איך ווינטש איך זאָל קאָנען פאַרהיטן אַלע פעלקער פון מלחמה; נאָר דאָס איז אויסער מיין מאַכט. איך קאָן אָבער וויניגסטנס מאַכן זי־

כער, אז די פאראייניגטע שטאטן זאלן ניט באגיין קיין אקט, וואס זאל העלפן שאפן מלחמה".

וועגן פאשיזם האט רוזוועלט דעם 17טן סעפטעמבער, 1943, אין צייט פון דער מלחמה, געזאגט:

„מיר וועלן קיין אויסגאנג פון דער מלחמה ניט קאנען באטראכטן פאר קיין פולשטענדיגן זיג אויב מיר וועלן נאר דערלויבן, אז אין וועלכן עס איז טייל פון דער וועלט זאל בלייבן וועלכע עס איז פארם פון פאשיזם".

⁂

דער „סובווערסיווער" מארק טווען

אין זיין „קאנעטיקוט יענקי" האט מארק טוועין גערעדט וועגן לאי־אליטעט און געזאגט:

„מיין לאיאליטעט איז פון דעם סארט, וואס מיינט, אז מען דארף זיין לאיאל צום לאנד. דאס מיינט נאך אבער ניט, אז דערפאר דארף איך אויך זיין לאיאל צו אירע אינסטיטוציעס און צו די, וואס האלטן־אן די אמטן פון לאנד. דאס לאנד איז די הויפט־זאך, דאס איז דער עיקר. פאר דעם לאנד דארף מען זארגן און זיין לאיאל. אינסטיטוציעס זיינען אויסערלעכע זאכן. זיי זיינען בלויז די קליידער פון לאנד. און קליידער קאנען זיך אפנוצן, ווערן שמאטעס. זיי קאנען ווערן אומבאקוועם, זיי קאנען אויפהערן באשיצן דעם קערפער פון ווינטער, קראנקהייטן און טויט. צו זיין לאיאל צו שמאטעס, צו שרייען הורא פאר שמאטעס, צו מאכן א געטשקע פון שמאטעס, צו שטארבן פאר שמאטעס — דאס איז א לאיאליטעט פון זינלאזיגקייט, עס איז ריינע חיה'שקייט. דאס באַ־לאנגט צו מאנארכיזם, עס איז די דערפינדונג פון מאנארכיזם, זאל דער מאנארכיזם זיך האלטן דערמיט. דער בירגער, וואס זיין בליק איז, אז די פאליטישע קליידער פון לאנד זיינען אפגענוצט, און ער האלט דאך אן זיין פרידן און אגיטירט ניט פאר א נייעם אנצוג, איז אומלאיאל. אזא בירגער איז א פאררעטער".

דער אַמאָליגער סטאָליער מעקגוואַיר

דעם 9טן אויגוסט, 1952, איז געוואָרן הונדערט יאָר זינט עס איז געבוירן געוואָרן דער טאַטע פון דעם לעיבאָר־דעי יום־טוב, דער סטאָליער פיטער דזש. מעקגוואיר.

דעם 5טן סעפטעמבער פון זעלביגן יאָר איז געוואָרן זיבעציג יאָר זינט מען האָט אין ניו יאָרק, לויט מעקגוואיר'ס אַ פאָרשלאָג, דורכגעפירט דעם ערשטן יום־טוב פון לעיבאָר־דעי.

דעם הונדערטן געבורטסטאָג פון דעם סטאָליער מעקגוואיר האָט מען געערט דערמיט, וואָס אַ גרופּע פון זיינע קרובים, פריינט און יוניאָן־פירער האָבן דעם 9טן אויגוסט לעבן זיין קבר אויף דער ארלינגטאָן סעמעטערי, אין קעמדען, ניו דזשוירזי, דורכגעפירט אַן אָנדענק־פאַרזאַמלונג.

דער נאָמען פיטער דזש. מעקגוואיר וועט אָבער אין דער געשיכטע קיינמאָל ניט פאַרגעסן ווערן. דאָרט וועט דער דאָזיגער נאָמען בלייבן אַן אומשטערבלעכער.

פיטער דזש. מעקגוואַיר

די געשיכטע פאַרצייכנט געוויינלעך נעמען פון מענטשן, וואָס האָבן זיך באַרימט געמאַכט אַלס בויער פון באַוועגונגען, פירער פון גרויסע קאַמפן, שאַפער פון גרויסע ליטעראַרישע, דראַמאַטישע אָדער אַרטיסטישע קונסט־ווערק.

פיטער דזש. מעקגוואיר, אָדער „פּי־דזשעי", ווי זיינע נאָענטע פריינט פלעגן אים רופן, איז ניט געווען קיין ליטעראַט, ניט קיין מאָלער און מיט קיין ווערק, וואָס אַזוינע קינסטלער שאַפן האָט ער זיך ניט באַשעפטיגט.

ער איז אָבער יאָ געווען דער איניציאַטאָר און אַרכיטעקטאָר פון איינינע אַנדערע גרויסע היסטאָרישע ווערק.

דער סטאַליער „פּי־דזשעי" איז געווען דער גרינדער פון דער „יו־נאַיטעד בראָדערהוד אָוו קאַרפּענטערס". ער און סעמועל גאָמפּערס זיי־נען געווען די, וואָס האָבן אויסגעפּלאַנירט און געגרינדעט די אַמעריקען פעדערעישאָן אָוו לעיבאָר. ער איז געווען דער, וואָס האָט אויסגעפּלאַ־נעוועט און געאַרבעט פאַר דעם, אַז דער ערשטער מאָנטאָג אין חודש סעפּטעמבער זאָל אין יעדן יאָר זיין אַ יום־טוב צו ערן דעם כבוד פון אַרבעט און פון די האַרעפּאַשנע מאַסן.

מען קאָן נישט וויסן, וואָס מעקגוואַיר וואָלט געדענקט ווענן די פּאַראַנדקעס, וואָס די גרינס און די וואָלס האָבן איינגעפירט אין דער א. פ. אָוו ל. און וואָס די האָטשעסאָן־דינאַסטיע האָט איינגעפירט אין דער יוניאָן פון די סטאַליאַרעס. עס איז אָבער יאָ באַוואוסט, אַז אין די יאָרן ווען די א. פ. אָוו ל. און די קאַרפּענטערס „בראָדערהוד" זיינען פון אים געמאַסטערוועט געוואָרן איז ער געווען אַ סאָציאַליסט און אַזעל־כער, וואָס האָט דערביי אינזינען געהאַט בלויז די אינטערעסן פון דעם אַרבעטער־קלאַס.

פּיטער דזש. מעקגוואַיר איז געבוירן געוואָרן ביי אָרעמע עלטערן אין ניו יאָרק.

אין עלטער פון עלף יאָר האָט ער שוין אויף זיך געמוזט נעמען דעם יאָך פון העלפן סופּאָרטן זיין פאַמיליע.

קיין סטאַליער האָט ער נאָך דעמאָלט נאָך נישט געקאָנט ווערן. האָט ער געזוכט צו פאַרדינען אַ פּאָר סענט דורך פאַרקויפן ציימונגען, פּוצן שיך, גיין פאַר עמיצן אַ גאַנג, העלפן ראַמען הייזער, קערן שעפּער.

ער אַליין האָט וועגן דעם איינמאָל אין אַ שמועס מיט אַ פריינט געזאָגט:

„איך בין געווען אַלץ, נאָר נישט קיין שווערד־שלינגער. און צייטנ־ווייז בין איך געווען אַזוי הונגעריג, אַז אפילו אַ שווערד, מיט מאַסטאַרד, פאַרשטייט זיך, וואָלט פאַר מיר אויך געווען אַ געשמאַקער ביסן".

צוליב אָרעמקייט האָט מעקגוואַיר קיין גרויסע בילדונג אין די שולן נישט געקאָנט קריגן.

ער האָט זיך אָבער טיילווייז יאָ גענומען צו זעלבסטבילדונג.

און ווען ער איז געוואָרן אַ סטאַליער־אינגל האָט ער אין די אָוונטן,

נאָך אַ שווערן טאָג אַרבעט פון צען, צוועלף און נאָך מער שטונדן, אָנ־געהויבן גיין אין קופּער יוניאָן.

דאָרט האָט ער זיך גענומען שטודירן סאָציאַלע פּראָגן.

קופּער יוניאָן איז געווען דער פּלאַץ וואו ער האָט זיך צום ערשטן מאָל באַגעגנט און באַקענט מיט סעמועל גאָמפּערס. ביידע זיינען דאָרט געווען מיטגלידער פון אַ פּאַראיין, וואָס פלעגט אָנפירן דיסקוסיעס וועגן פאַרשידענע געזעלשאַפטלעכע ענינים.

אין עלטער פון פופצן יאָר איז מעקגוואַיר שוין געווען אַ מיטגליד פון אַ יוניאָן.

און אין 1882 האָבן ער און גאָמפּערס זיך גענומען צו פּלאַנעווען די אָרגאַניזירונג פון דער אַמעריקען פעדערעישאָן אָוו לעיבאָר.

ביי דער קאָנווענשאָן, ווען די א. פ. אָוו ל. איז פאָרמעל אָרגאַניזירט געוואָרן איז מעקגוואַיר געווען דער סעקרעטאַר.

די גרינדונג פון אַ נאַציאָנאַלער אָרגאַניזאַציע פון סטאָליאַרעס האָט ער גענומען צו פּלאַנעווען אין 1879. מיט צוויי יאָר שפּעטער, אין אויגוסט 1881, איז די בראָדערהוד אָוו קאַרפּענטערס געגרינדעט געוואָרן און מעקגוואַיר איז געווען איר ערשטער גענעראַל־סעקרעטאַר.

דעם פּלאַן וועגן אַ לעיבאָר־דעי יום־טוב האָט ער צוערשט פאָר־געשלאָגן ביי אַ מיטינג פון אַ ניי־אָרגאַניזירטער סענטראַל לעיבאָר יו־ניאָן (אַ צענטראַלע יוניאָן־קערפּערשאַפט) דעם 8טן מאַי, 1882, אין ניו־יאָרק. דאָרט האָט מען זיין פּלאַן אָנגענומען און דער ערשטער לעיבאָר־דעי פּאַראַד אין ניו־יאָרק איז דורכגעפירט געוואָרן דעם פינפטן סעפּטעמבער פון זעלבן יאָר.

מעקגוואַיר און אַנדערע יוניאָן־פירער האָבן זיך אָבער גענומען צו אַרבעטן, אַז דאָס זאָל ווערן אַ נאַציאָנאַלער יום־טוב און אין 1894 האָט עס אויך דער קאָנגרעס פון לאַנד גוטגעהייסן און אַזוי איז דאָס פאַרבליבן.

צו לאַנג האָט דער סטאָליער מעקגוואַיר ניט געלעבט. ער איז גע־שטאָרבן אין עלטער פון 62 יאָר. אָבער זיין נאָמען וועט אין דער גע־שיכטע אויף אייביג פאַרבלייבן.

דער אָנהויב פון קאָמפּאַני־יוניאָנס

אין 1951 האָט מען אין דעם „ביג ביזנעס" זשורנאַל „פאָרטשון" אוועקגעלייגט אַ קלאָג, אַז די ראָקפעלער־יוניאָנס פון דער סטאַנדאַרד אויל קאָמפּאַני אין ניו דזשוירזי האָבן אָנגעהויבן ווערן עקשנות׳דיג אין זייערע פאַרהאַנדלונגען וועגן אַרבעט־באַדינגונגען.

די קלאָג איז געווען, אַז די דאָזיגע יוניאָנס האָבן זיך אָנגעהויבן אַרויסצוגליטשן פון קאָמפּאַני־קאָנטראָל און אַז עס האַלט דערביי, אַז דערמיט זאָל זיך פאַרענדיגן דער סדר פון אָט־דעם קאָמפּאַני־יוניאָניזם, וואָס האָט זיך אָנגעהויבן מיט צענדליגער יאָרן צוריק.

נו, איז דער אמת, אַז דערמיט האָט זיך נאָך דער קאָמפּאַני־יוניאָניזם אין אַמעריקע ניט פאַרענדיגט. עס איז אָבער כדאי צו פאַרצייכענען, אַז די אָרגאַניזירונג פון די ראָקפעלער יוניאָנס איז געווען דער אָנהויב פון דעם קאָמפּאַני־יוניאָניזם. ראָקפעלער־מענטשן זיינען געווען די, וואָס האָבן אויסגעפּלאַנעוועט דעם דאָזיגן סאָרט יוניאָניזם.

אָנגעהויבן האָט עס זיך נאָך אַ גאַנצער ריי בלוטיגע פּאָגראָמען, וואָס מען האָט געמאַכט אויף אַרבעטער פון די ראָקעפעלער־קאָרפּערעישאָנס.

דעם ערשטן פון דער דאָזיגער ריי פּאָגראָמען האָט מען געמאַכט אויף די סטרייקערס פון דער ראָקעפעלער־קאָנטראָלירטער קאָלאָראַדאָ פיול ענד איראָן קאָמפּאַני, אין לודלאָו, קאָלאָראַדאָ, דעם 20טן אַפּריל פון 1914.

די ביידלעך פון דער טענט־קאָלאָניע וואו די סטרייקערס האָבן גע־וואוינט האָט מען באַגאָסן מיט גאַזאָלין און זיי אָנגעצונדן. אויף פרויען און קינדער, וואָס האָבן געזוכט זיך צו ראַטעווען דורך אַנטלויפן פון די ברענענדיגע ביידלעך האָט מען געשאָסן מיט מאַשין־ביקסן און אויך געוואָרפן באָמבעס פון דינאַמיט.

42 מענער, פרויען און קינדער פון די סטרייקערס זיינען אין יענעם פּאָגראָם פאַרברענט אָדער אויף טויט דערשאָסן געוואָרן. אַ סך אַנדערע זיינען געבליבן אויף אייביג פאַרוואונדעט.

אייניגע אַנדערע בלוטיגע פּאָגראָמען האָט מען געמאַכט אויף סטריי־

קערם פון ראָקעפעלער׳ס אויל קאָמפּאַני אין 1915 און אין 1917 אין בעיאָן.

די אַלע סטרייקס פון די ראָקעפעלער־אַרבעטער זיינען ממש דער־טרונקען געוואָרן אין בלוט.

נאָך אָט־די אַלע שחיטות האָט ראָקעפעלער געדונגען דעם דעמאָלט־דיגן סטרייק־ברעכערישן עקספּערט („פּויזן”) איווי לי און מעקענזי קינג, וואָס איז שפּעטער געוואָרן דער פּרעמיער מיניסטער פון קאַנאַדע, און זיי האָבן פאַר ראָקעפעלער׳ן אויסגעאַרבעט אַ פּלאַן לויט וועלכן מען האָט זיך גלייך גענומען צו בויען פאַר ראָקעפעלער׳ן אַ קאָמפּאַני־יוניאָן.

דער פּלאַן האָט געהייסן „עמפּלאָאי רעפּרעזענטעישאָן פּלען”.

געמיינט האָט עס, אַז מען גיט די אַרבעטער אַ רעכט צו שיקן פון צייט צו צייט פּאַרטרעטער, וואָס זאָלן צוזאַמען מיט פּאַרטרעטער פון דער קאָמפּאַני דיסקוסירן פראַגן וועגן מעטאָדן פון פּראָדוקציע, וועגן איינשטעלן פּאַרווייליונגען און וועגן נאָך אַזוינע זאַכן.

די אַרבעטער־פּאַרטרעטער האָבן דערביי אַליין ניט געהאַט קיין דעה אויף עפּעס צו באַשטימען.

אויף דער באַשטימונג פון אַרבעט־באַדינגונגען האָבן זיי אוודאי קיין דעה ניט געהאַט.

ראָקעפעלער׳ס קאָמפּאַני יוניאָן איז נאָכדעם גענוצט געוואָרן אַלס אַ מאָדעל פאַר דעם געבוי פון אַ גאַנצער נעץ קאָמפּאַני־יוניאָנס.

אין ערשטן העלפט פון איצטיגן יאָרהונדערט

צווישן די וויכטיגסטע געשעענישן, וואָס די אַמעריקאַנער טרעיד־יוניאָן באַוועגונג האָט דורכגעמאַכט אין ערשטן העלפט פון איצטיגן יאָרהונדערט איז אַ קליינער טייל פון זיי בקיצור געוועזן ווי פאָלגט:

1900, יוני 3: עס האָט זיך פאָרמירט די אינטערנעשאָנאַל לעידיס גאַרמענט וואָרקערס יוניאָן.

1901, אויגוסט 21: עס האָט זיך פאָרמירט דער אַמסטערדאַמער טרעיד יוניאָן אינטערנאַציאָנאַל.

סעפּטעמבער 13: אַ סטרייק, וואָס די א. פ. אָוו ל. אייזן און שטאָל אַרבעטער־יוניאָן האָט דריי חדשים אָנגעפירט געגן דער יונאַיטעד סטעיטס סטיל קאָרפּאָרעישאָן האָט זיך פאַרענדיגט מיט אַ דורכפאַל.

נאָוועמבער 19: עס האָט זיך פאָרמירט די יונאַיטעד טעקסטיל וואָרקערס יוניאָן.

1905, יולי 7: עס האָט זיך פאָרמירט די „אַי דאָבעליו דאָבעליו" (אינדוסטריעל וואָרקערס אָוו די וואָרלד). (עקזיסטירט האָט זי ביז איבער 1920).

1909, נאָוועמבער 23: אַרום 30 טויזנט בלוזקעמאַכער אין ניו־יאָרק זיינען אַרויס אין אַ גענעראַל־סטרייק (נאָך 14 וואָכן לעבעדיגן קאַמף איז דער סטרייק געשליכטעט געוואָרן מיט אַ געווינס פאַר די אַרבעטער).

1910, יולי 7: אַרום 60 טויזנט קלאָוקמאַכער אין ניו יאָרק זיינען אַרויס אין סטרייק, וואָס איז געוועזן דער ערשטער גרויסער סטרייק אין דער געשיכטע פון דער קלאָקומאַכער יוניאָן. (דעם ערשטן סעפּטעמבער פון זעלביגן יאָר האָט זיך דער סטרייק פאַרענדיגט מיט וויכטיגע געווינסן פאַר די אַרבעטער).

1911, מערץ 25: 154 בלוזקעמאַכער, מערסטנס יונגע מיידלעך, זיינען פאַרברענט געוואָרן אין אַ פייער, וואָס האָט אויסגעבראָכן אין אַ פייער־פּאַסטקע, וואָס איז געוועזן דער שאַפּ פון דער טראַיענגל וועיסט קאָמפּאַני, אויף וואַשינגטאָן סקוועער, אין ניו יאָרק.

1912, יאַנואַר 11: אַ גרויסער טעקסטיל־סטרייק געגן אַ לוין־שניט

איז פון דער אי דאבעליו דערקלערט געווארן אין לאורענס, מאסאטשוזעטס. דער סטרייק האט געבראכט דערצו, אז א פערטל מי־ליאן טעקסטיל־ארבעטער זאלן קריגן לוין־העכערונגען.

יוני 20: דער ערשטער גרויסער גענעראל־סטרייק פון פאריערס האט אויסגעבראכן אין ניו יארק. (דער סטרייק האט זיך פארענדיגט מיט א געווינס דעם 8טן סעפטעמבער).

דעצעמבער 30: זעכציג טויזנט ארבעטער פון מענער־קליידער אין ניו יארק האבן רעוואלטירט געגן סוועט־שאפ־באדינגונגען און ארויס אין סטרייק. (דעם 1טן מערץ, 1913, האבן די סטרייקערס דורכגע־פירט א שטורעמדיגע דעמאנסטראציע געגן א פאררעטערישן אגרימענט, וואס טאם ריקערט און ב. לארדזשער, פרעזידענט און סעקרעטאר פון דער יונאיטעד גארמענט ווארקערס יוניאן, האבן פאר זיי געשלאסן. די סטרייקערס האבן אויך געבראכן די פענצטער פון „פארווערטס" פאר שטיצן דעם פאררעטערישן אפמאך. דעם 10טן מערץ האבן די סטריי־קערס געקראגן א פיל בעסערן אפמאך און דער סטרייק האט זיך פאר־ענדיגט).

1914, אפריל 20: סטעיט־סאלדאטן פון קאלארארא און געדונ־גענע גארילא־באנדעס האבן אין לודלאו, קאלאראדא, אינמיטן נאכט גע־מאכט א שוידערלעכן פאגראם אויף אביידל־קאלאניע פון מאינערס, וואס האבן געסטרייקט אין די דארטיגע ראקעפעלער'ס קוילן־מאינס. די ביידלעך האט מען אונטערגעצונדן און אויף די סטרייקערס מיט זייערע פאמיליעס, וואס זיינען אנטלאפן פון פייער האט מען געשאסן. 42 פון די סטרייקערס און זייערע פרויען און קינדער זיינען געטויט געווארן.

דעצעמבער 26: די שניידער לאקאלן, וואס זיינען אוועק פון טאם ריקערט'ס גארמענט ווארקערס יוניאן, האבן פארמירט די אמאלגאמעי־טעד קלאדינג ווארקערס יוניאן.

1920, יאנואר 8: א מעכטיגער גענעראל־סטרייק, וואס איז אונ־טער דער פירערשאפט פון וויליאם ז. פאסטער זינט דעם 22טן סעפטעמ־בער, 1919, אנגעגאנגען אין דער שטאל־אינדוסטריע, איז צוריקגערופן געווארן. די קרעפט יוניאן־פירער פון דער א. פ. או ל. האבן זיך אנט־זאגט צו געבן וועלכע עס איז שטיצע פאר דער פארזעצונג פון דעם סטרייק.

1924, דעצעמבער 13: סעמועל גאמפערס, פרעזידענט פון א. פ.

און ל., איז געשטאָרבן. וויליאם גרין איז באַשטימט געוואָרן צו פאַר־נעמען גאָמפּערס׳ אַמט.

1925, יוני 11: אַ גרופּע „שטאַרקע" אונטער דער פירערשאַפט פון איזראַעל פיינבערג האָבן אינמיטן נאַכט געמאַכט אַן איבערפאַל אויף די קלאָוק און דרעסמאַכער לאָקאַלן 2, 9 און 22. די העדקוואָרטערס פון די ערשטע צוויי האָבן זיי פאַרכאַפּט. אין לאָקאַל 22 האָבן זיי געקראָגן אַ ווידערשטאַנד. אַלע דריי לאָקאַלן זיינען פון דער אינטערנעשאָנאַל סוספּענדירט געוואָרן. זייערע פאַרברעכנס זיינען באַשטאַנען אין דעם, וואָס דעם ערשטן מאַי האָבן זיי געוואַגט דורכצופירן פייערונגען מיט מ. אָלגין אַלס איינעם פון די רעדנער און וויל זיי האָבן זיך בכלל גע־פירט ווי פּראָגרעסיווע אַרבעטער אָרגאַניזאַציעס. די דריי לאָקאַלן האָבן דעמאָלט אָרגאַניזירט די „דזשאָינט עקשאָן קאָמיטע" און נאָך אַ מעכטיגן מאַסן־קאַמף זיינען זיי ביי אַ ספּעציעלער קאָנווענשאָן אין חודש סעפּ־טעמבער, אין פילאַדעלפיע, צוריק געוואָרן אַ טייל פון דער אינטערנע־שאָנאַל.

1926, פעברואר 26: אַ גענעראַל סטרייק פאַר אַ ריי וויכטיגע פאָ־דערונגען איז אונטער דער פירערשאַפט פון בען גאָלד דערקלערט גע־וואָרן אין דער ניו יאָרקער פאָר אינדוסטריע. פאַרזוכן פון פירער פון דער א. פ. אָוו ל. און אַ גרופּע אַרויסגעשטויסענע קאָרופּטע פאַריער־באַאַמטע האָבן צוזאַמען מיט די באָסעס געפּרואווט ברעכן דעם סטרייק. זייערע אַלע פאַרזוכן זיינען אָבער דורכגעפאַלן און דעם 20טן יוני האָט זיך דער סטרייק פאַרענדיגט מיט אַ גלענצנדיגן זיג.

1929, אויגוסט 31: סוספּענשאָנס און אויסשליסונגען געגן פּראָ־גרעסיווע אָרגאַניזאַציעס אין דער א. פ. אָוו ל. האָבן געבראַכט צו דער גרינדונג פון דער טרעיד יוניאָן יוניטי ליג (די ליג האָט זיך אויפגע־לייזט מיט עטלעכע יאָר שפּעטער, ווען אין די רייען פון דער א. פ. אָוו ל. האָט זיך דערפילט אַ בעסערע שטימונג פאַר איינינקייט).

1935, יולי 5: דער וואַגנער נעשאָנאַל לעיבאָר רילעישאָנס ביל איז געוואָרן אַ געזעץ.

נאָוועמבער 9: פאַרטרעטער פון אַכט יוניאָנס האָבן פאָרמירט די קאָמיטע פאַר אינדוסטריעלע אָרגאַניזאַציעס. (נאָכדעם ווי מען האָט זיי אויסגעשלאָסן פון דער א. פ. אָוו ל. האָט זיך אין סוף פון 1938 אָרגאַ־ניזירט דער קאָנגרעס פון אינדוסטריעלע יוניאָנס).

1936, מערץ 22: דער ערשטער גרויסער „סיטדאון"־סטרייק אין אמעריקע (וואָס האָט זיך געענדיגט מיט אַ זיג) איז דערקלערט געוואָרן ביי דער גודאיר טאיר ראָבער קאָמפּאַני.

1937, פעברואר 11: אַ „סיט דאון" סטרייק אין די פאַבריקן פון דער דזשענעראַל מאָטאָרס האָט זיך געענדיגט מיט אַ זיג פאַר די אויטאָ־מאָביל ארבעטער און זייער יוניאָן.

מאַי 30: פּאָליציי האָט דורכגעפירט אַ שחיטה אויף סטרייקערס לעבן דער רעפּאָבליק שטאָל פאַבריק אין שיקאַגאָ. צען פּיקעטס האָט מען געטויט, פיל פאַרוואונדעט.

1941, אַפּריל 11: אַ צען־טאָגיגער סטרייק האָט זיך געענדיגט מיט אַ זיג ביי דער פאָרד מאָטאָר קאָמפּאַני.

1945, אָקטאָבער 3: עס האָט זיך פאָרמירט די נייע וועלט־פעדע־ראַציע פון די טרייד־יוניאָנס. (אין סוף פון 1949 האָבן פירער פון סי־אַי־אָ און פון בריטישן טרעיד־יוניאָן קאָנגרעס צוזאמען מיט די פי־רער פון א. פ. אָוו ל. אָרגאַניזירט זייער קאָנפעדעראַציע פון אַזוי גערופענע „פרייע יוניאָנס" אַלס אָפּאָזיציע צו דער פעדעראַציע).

1946, יולי 10: געשטאָרבן סידני הילמאַן, פּרעזידענט פון דער אמאַלגאַמעיטעד.

1947, יוני 23: ביידע הייזער פון קאָנגרעס האָבן נאָך פּרעזידענט טרומאַנ'ס (פאָרמעלער) וועטאָ אָנגענומען דעם טעפט־האַרטלי געזעץ.

1949, נאָוועמבער 2: די פירער פון סי־אַי־אָ האָבן זיך גענומען אויסצושליסן די פּראָגרעסיווע יוניאָנס.

1950: קאָנפערענצן פון אָנפירער פון א. פ. אָוו ל. און פון סי־אַי־אָ, וואו מען האָט געהאַנדלט וועגן אַן אָרגאַנישער פאַראייניגונג האָבן זיך פאַרענדיגט מיט גאָרניט.

די מכּה פון רעקעטירינג

געשיכטע פון רעקעטירינג

איינע פון די סאמע ערגסטע מכות, וואָס האָט שטענדיג געפּלאָגט און וואָס פּלאָגט נאָך איצט אויך די אַמעריקאַנער אַרבעטער־באַוועגונג איז די מכה פון רעקעטירינג (שווינדל) און גענגסטעריזם.

דער אידישער טייל פון דער באַוועגונג איז דערפון ניט אויסגעשלאָסן.

פאַרקערט. געוועזן צייטן, ווען אין איינינע פון די אידישע יוניאָנס האָט דער גענגסטעריזם געבושעוועט נאָך ערגער ווי אין די ניט־אידישע.

און די געשיכטע פון רעקעטירינג און גענגסטעריזם האָט פּונקט ווי די אַרבעטער־באַוועגונג אַליין אויך דורכגעמאַכט פאַרשידענע פּעריאָדן.

די דאָזיגע פּעריאָדן קאָנען איינגעטיילט ווערן אַזוי:

1) דער אָפּשטאַם פון רעקעטירינג. דער פּעריאָד ווען רעקעטירינג און גענגסטעריזם איז נאָך געווען אַ פּראָדוקט בלויז פון קאַפּיטאַליזם; ווען די גרויסע אינדוסטריעלע קאָרפּאָרעישאָנס האָבן דאָס גענוצט אַלס אַ מיטל צו צעשמעטערן די יוניאָן־באַוועגונג ווען זי איז נאָך געווען אין אירע וויקעלאַך.

2) דער פּעריאָד ווען פירער פון אַ געוויסער צאָל יוניאָנס האָבן אַליין אויך אָנגעהויבן נוצן דעם גערונגענעם גענגסטעריזם און דערמיט זיך גענומען צו באַפעסטיגן זייערע פּאָזיציעס.

3) דער פּעריאָד ווען אַ סך יוניאָנס זיינען אַוועקגעשטעלט געוואָרן ווי „ביג־ביזנעס", אָנגעהויבן פירן גרויסע פינאַנץ־געשעפטן, און ווען די רעקעטירס האָבן זיך אָנגעהויבן אַריינצורייסן, כדי צו ווערן די באַלעבאַטים פון די דאָזיגע „ביזנעס".

דאָ, אין אָט־דעם פּעריאָד, האָט שוין די רעקעטירינג אָנגענומען אַזאַ כאַראַקטער, אַז אויף אַ סך ערטער זיינען די רעקעטס געוואָרן בשותפות'דיגע. מען האָט זיי אָנגעהויבן אָנפירן ניט דווקא נאָר אין נאָמען פון דער אָדער יענער יוניאָן, נאָר אויך בשותפות מיט אָרגאַניזאַציעס פון באַלעבאַטים.

דער אָפּשטאַם פון רעקעטירינג

דער גענגסטעריזם מיט וועלכן די גרויסע אינדוסטריאַליסטן האָבן זיך גענומען צו ברעכן יוניאָנס האָט זיך אָנגעהויבן אַזוי פרי, ווי באַלד

נאָכן ערשטן העלפט פון דעם אכצנטן יאָרהונדערט.

נאָך אין די זעכציגער יאָרן פון יענעם יאָרהונדערט האָט מען שוין גענוצט פּריוואַטע גאַרדס און גענגסטער־סקוואָדס, כדי צו פאַרניכטן יעדן סימן פון יעדער אַרבעטער־אָרגאַניזאַציע אַזוי שנעל ווי זי הויבט זיך נאָר אָן צו באַווייזן.

די ראָל פון דעם דאָזיגן גענגסטעריזם האָט זיך אָנגעהויבן אָנזען באַזונדערס אין די יאָרן, ווען די אינדוסטריאַליסטן האָבן דערזען פאַר זיך אַ געווייסן וואוקס פון דער אַמאָליגער „נאַיטס אָוו לעיבאָר״.

אָרגאַניזאַציעס פון באַוואָפנטע יוניאָן־ברעכערישע און סטרייק־ברע־כערישע גאַרדס און פּראָפעסיאָנעלע גענגסטער־סקוואָדס האָבן זיך צע־בושעוועט אַ סך ברייטער נאָך דער שיקאַגער הע־מאַרקעט טראַגעדיע, וואָס איז פאָרגעקומען אין מאַי 1886.

די געוועזענע לאַפּאָלעט סענאַט־קאָמיטע, וואָס האָט דורכגעפירט אַ ברייטע אונטערזוכונג וועגן די יוניאָן־ברעכערישע אַגענטן און די שחיטות, וואָס מען האָט אָנגעפירט געגן יוניאָנס, האָט אין אַ באַריכט אין 1934 דערציילט, אַז אַנטי־יוניאָן אינדוסטריאַליסטן האָבן אויף דעם אויסגעגעבן מיליאָנען דאָלער.

אַ סך אינדוסטריעלע קאָרפּאָרעישאָנס האָבן נאָך אפילו אין די דריי־סיגער יאָרן פון איצטיגן יאָרהונדערט אויך אָנגעהאַלטן גרויסע סקלאַדן מיט געווער און דינאַמיט אויף ברעכן יוניאָנס און סטרייקס.

צווישן די פּראָפעסיאָנעלע סטרייק־ברעכערישע אַגענטורן זיינען גע־ווען זייער פּאָפּולער די פּינקערטאָן־אַגענטור, די בוירנס־אַגענטור, די בויר־גאָף־אַגענטור. זיי האָבן געמאַכט מאַיאָנטעקעס פון די פּאָגראָמען, וואָס זיי האָבן אָנגעפירט פאַר די גרויסע אַנטי־יוניאָן קאָרפּאָרעישאָנס.

אין דער געשיכטע פון דער אַרבעטער־באַוועגונג וועט אויף שטענ־דיג בלייבן מיט בלוט פאַרשריבן די שחיטה, וואָס 300 פּינקערטאָן־גאַ־רילאָס האָבן געמאַכט אויף די האָמסטעד־סטרייקערס פון דער קאַרנעגי שטאָל קאָמפּאַני אין 1892.

די קאַרנעגי־פאַבריק אין האָמסטעד האָט אין יענער צייט באַשעפ־טיגט 3,800 אַרבעטער. בלויז 800 פון זיי, די מער־קוואַליפיצירטע, האָבן געהערט צו אַ יוניאָן. זייער יוניאָן איז געווען די „אַמאַלגאַמעיטעד אַסאָ־סיעישאָן אָוו איראָן ענד סטיל וואָירקערס״ פון דער א. פ. אָוו ל.

פאַר די דאָזיגע 800 האָט די יוניאָן געהאַט אַן אָפּמאַך, וואָס האָט געדאַרפט אויסגיין דעם 30טן יוני פון יענעם יאָר.

אין די יוניאָן פאַר דער באַנייאונג פון דעם אָפּמאַך געקומען צו דער קאָמפּאַני און פאַרלאַנגט איניקע אויסבעסערונגען אין די באַדינגונגען פון די אַרבעטער.

האָט די קאָמפּאַני געענטפערט, אַז בלויז איין ענדערונג איז זי גרייט צו מאַכן אין די באַדינגונגען. און דאָס איז צו שניידן די (אַזוי אויך זייער מאַגערע) שכירות פון די אַרבעטער.

און כדי דורכצופירן דעם שניט האָט די קאָמפּאַני דעם 28טן יוני, צוויי טעג פאַר דעם אויסגאַנג פון דעם יוניאָן־אָפּמאַך, צוגעמאַכט איר פאַבריק און אַלע 3,800 אַרבעטער אַרויסגעוואָרפן אויף דער גאַס.

די ניט־יוניאָן מיטגלידער זיינען דעמאָלט פונקט ווי די יוניאָן־מיט־גלידער געוואָרן דערצאָרנט און מען האָט זיך גענומען צו פּיקעטן די פאַבריק, כדי קיין סטרייק־ברעכער זאָלן ניט אַריינקומען.

זיינען 300 באַוואָפנטע פינקערטאָנס אין אָוונט פון דעם ערשטן יולי צוגעקומען צו דער פאַבריק מיט אַ שיף אויפן דערבייאיקן מאָנאָנגאַהעלאַ טייך און זיך גענומען צו שיסן אויף די סטרייקערס.

די סטרייקערס, וועלכע האָבן דעם דאָזיגן פּלוצלינגן אָנפאַל ניט דער־וואַרט, האָבן לויט אַלע זייערע מעגלעכקייטן נעפּרואווט צוריקשטויסן די אַטאַקע.

ווען די שיסעריי האָט זיך אָפּגעשטעלט זיינען זיבן סטרייקערס און דריי סטרייק־ברעכער געלעגן טויט. אַ צאָל פון די אַנדערע סטרייקערס זיינען געבליבן פאַרוואונדעט.

דעם 22טן סעפּטעמבער פון יענעם יאָר האָט מען 167 פון די סטרייקערס אויך געשטעלט אונטער פאַרשידענע קלאַגן. אין אָקטאָבער איז דער הויפּט־ריכטער פון פּענסילוועניע אַליין געקומען קיין האָמסטעד און 27 פון די סטרייקערס האָט מען לויט זיינע אינסטרוקציעס אַרעסטירט.

דער סטרייק פון די אַרבעטער איז אַזוי דערטרונקען געוואָרן אין בלוט און אין אַרעסטן.

אין דער געשיכטע פון דער אַרבעטער־באַוועגונג וועט אויך מיט בלוט בלייבן פאַרשריבן דער פייער און די שוידערלעכע שחיטה, וואָס מען האָט דעם 20טן אַפּריל, 1914, געמאַכט אויף די סטרייקערס פון ראָקפעלער'ס „פיול ענד איראָן קאָמפּאַני" אין לודלאָו, קאָלאָראַדאָ.

די טענט־קאָלאָניע, דיביידלעך וואו ניין טויזנט סטרייקערס פון דער קאָמפּאַני האָבן געוואוינט מיט זייערע פרויען און קינדער האָט מען באַגאָסן מיט קעראָסין און אויף די סטרייקערס און זייערע פאַמיליעס געשאָסן מיט מאַשין־ביקסן און דינאַמיט.

צוויי און פערציג מענער, פרויען און קינדער זיינען אין יענער ברוּ־טאַלער אַטאַקע פאַרברענגט אָדער דערשאָסן געוואָרן.

אין אַ באַריכט, וואָס אַ רעגירונגס־קאָמיסיע („דהי יונאַיטעד סטעיטס קאָמישאָן אָן אינדוסטריעל רילעישאָנס") האָט וועגן דעם צוגעגרייט, לויט אַן אינסטרוקציע פון דעם דעמאָלטדיגן פּרעזידענט וואודראו ווילסאָן, זאָגט זיך:

„עלף קינדער און צוויי פרויען פון דער טענט־קאָלאָניע, וואָס האָבן זיך געוואָלט ראַטעווען דורך אַריינקריכן אין אַ גרוב אונטער איינער פון די ביידלעך זיינען פאַרברענט געוואָרן אויף טויט, אָדער דערשטיקט געוואָרן, נאָכדעם ווי דער פייער האָט די ביידלעך פאַרניכטעט".

אין די אַזוי־גערופענע אידישע פאַכן, וואו די אַרבעט־געבער זיינען ניט געווען פון דעם סאָרט ווי די קאַרנעגי שטאָל־קאָמפּאַני, אָדער ראָק־פעלער'ס פיול ענד אײראָן קאָרפּאָרעישאָן, איז דער גענגסטעריזם געגן די יוניאָנס ניט געפירט געוואָרן מיט אַזאַ ברייטן מלחמה'דיגן פאַרנעם ווי אין די גרויסע גרונט־אינדוסטריעס.

אָבער אויך דאָ האָט מען דעם גענגסטעריזם שטאַרק באַנוצט און אויך דאָ איז מען געווען געננג ברוטאַל.

גרויסע פירמעס האָבן ביי זיך אָנגעהאַלטן שטענדיגע „סוירוויים", שטענדיגע „באַדינונג" און מען איז שטענדיג געשטאַנען אונטער אַ וואַך פון דער „בוירנס דעטעקטיוו אַגענטור", „מעטראָפּאָליטן דעטעקטיוו אַגענ־טור". אַ סך פון זיי זיינען געשטאַנען אונטער אַ שוץ פון גענגסטער־באַנדעס, וואָס זייערע נעמען זיינען בלויז געווען נעמען פון דער אונ־טערוועלט.

געהייסן האָט עס, אַז מען שטייט אונטער פּראָטעקציע. די פּריוואַטע דעטעקטיוו אַגענטור, אָדער די גענג היט, הייסט עס, די אָדער יענע פירמע, אַז קיין בייז חלילה זאָל איר ניט געשען.

אָבער אין צייטן פון סטרייקס האָט דער גענגסטעריזם אין די דאָ־זיגע פאַכן אויך געבושעוועט אויף אַ ברייטערן שטייגער.

„עדיוקעישאַנאַל" רעקעטירינג

אין די יאָרן פון רוזוועלט'ס „נייעם דיל", ווען די יוניאָן־באַוועגונג איז דאָך אויסגעוואָקסן און ווען דער וואַגנער „לעיבאָר רילעישאָנס" געזעץ איז אַריין אין קראַפט, זיינען די אויבן־דערמאָנטע גענגסטער־מעטאָדן פון די גרויסע אַנטי־יוניאָן אינדוסטריאַליסטן געוואָרן כמעט ווי אַ זאַך פון דער פאַרגאַנגענהייט.

עס זיינען געבליבן אויסנאַמען.

למשל, אין איינינע קוילן־געגנטן פון קענטאָקי האָט מען נאָך אפילו אין 1953 אויך געמאַכט בלוטיגע אָנפאַלן אויף יוניאָן־גרופן און באַזונדערס אויף אָרגאַניזאַטאָרס, וואָס זיינען אַהין געקומען צו אָרגאַניזירן די אָרטיגע ניט־אָרגאַניזירטע קוילן־גרעבער.

שונאים פון יוניאָנס האָבן זיך אויך גענומען צו שלאָגן די יוניאָן־באַוועגונג דורך פאַסן ספּעציעלע אַנטי־יוניאָן געזעצן אין די באַזונדערע שטאַטן. אָבער אַלס כלל זיינען זייערע גאָר אַמאָליגע גענגסטער־מעטאָדן אָפּגעשטעלט געוואָרן.

מיט גאָר קליינע אויסנאַמען איז אין די יאָרן פון „נייעם דיל" אויך אָפּגעשטעלט געוואָרן די מגפה פון קאָמפּאַני־יוניאָניזם, וואָס אַנטי־יוניאָן אינדוסטריאַליסטן האָבן נאָך דער ערשטער וועלט־מלחמה זיך גענומען צו נוצן געגן די ריכטיגע אַרבעטער־יוניאָנס.

דערפאַר האָבן זיי אין דער דאָזיגער צייט זיך גענומען צו שאַפן אַ נעץ פון „עדיוקעישאָנאַל"־רעקעטירינג, אַ רעקעט פון שווינדלערישער פּראָפּאַגאַנדע, כדי צו סמ'ען די מוחות פון די אַרבעטער געגן יוניאָנס.

קודם כל האָט מען זיך גענומען צו היטן מער די לערן־ביכער, וואָס ווערן גענוצט אין די שולן און אוניווערזיטעטן.

ראָס ניקסאָן (אַ פאַרטרעטער פון דער עלעקטריקל אַרבעטער־יוניאָן אין וואַשינגטאָן) האָט וועגן דעם אין יאַנואַר 1952 דערציילט איינינע טשיקאַווע פאַקטן.

ניקסאָן דערציילט, אַז צווישן קריסטמעס און ניי־יאָר (פון סוף 1951) איז ער געווען ביי אַ קאָנפערענץ, וואָס די אַמעריקען עקאָנאָמיק אַסאָסיעישאָן האָט אָפּגעהאַלטן אין באָסטאָן. איבער צוויי טויזנט אָנפירענדיגע עקאָנאָמיסטן פון לאַנד זיינען פיר טעג געזעסן, געהערט באַריכטן, רעדעס און אַריינגעקוקט אין פּאַפּירן. די מערסטע באַריכטן און

רעדעס זיינען געווען לאַנגווייליג, אָן אַ שייכות צום רעאַלן לעבן.

ביי דער דאָזיגער קאָנפערענץ האָט ער אָבער אויך געהאַט פּריוואַטע שמועסן מיט אַ צאָל פּריינט. האָבן אָט די שמועסן פאַר אים געוויזן ווי אַזוי „ביג־ביזנעס" באַנוצט זיך מיט מיטלען פון טעראָר, כדי צו מאַכן זיכער, אַז עקאָנאָמיסטן פון אוניווערזיטעטן זאָלן ניט נוצן, ניט דורך רייד און ניט דורך שריפט, אַזוינע ווערטער, וואָס זיינען ניט לטובת „ביג־ביזנעס" און זייערע גרויסע פּראָפיטן.

איינע פון די פאַקטן, וואָס ער האָט דאָרט געהערט זיינען גע־ווען אַזוי:

אַ פּריינט זייַנער, וואָס איז אַ נאַציאָנאַל־באַוואוסטער עקאָנאָמיסט און וואָס איז אַ לערער אין איינעם פון אַמעריקע'ס גרעסטע אוניווער־זיטעטן, האָט אָנגעשריבן אַ פּאַמפלעט וועגן שטייערן.

דער פּאַמפלעט איז געווען אַ מעסיגע שטיקל אַרבעט. דער שרייבער האָט זיך געהיט, אַז ער זאָל ניט אָנרירן, חלילה, די אינטערעסן פון „ביג־ביזנעס". ער האָט דאָרט נאָר אין אַלגעמיינע ווערטער אַרויסגערוקט דעם געדאַנק, אַז מענטשן, וואָס זיינען קליינע פאַרדינער זאָלן ניט זיין געצוואונגען צו טראָגן אויף זיך די משא פון צו הויכע שטייערן.

האָט די אַנטי־יוניאָן נעשאָנאַל אַסאָסיעישאָן אָוו מאַנופעקטשורערס אַריינגעשיקט צו דער באָארד אָוו טראָסטיס און צום פּרעזידענט פון דעם אוניווערזיטעט אַ פּראָטעסט געגן דעם פּאַמפלעט.

דער פּראָפעסאָר, וואָס האָט דעם פּאַמפלעט געשריבן איז דעמאָלט פון די הויפּט־פירער פון דעם אוניווערזיטעט גלייך גערופן געוואָרן צו אַ פאַרהער און מען האָט אים „גענומען אויף דער העצקע" מיט פראַגן פאַרוואָס ער האָט אַזוי געשריבן.

דער פּראָפעסאָר האָט זיך פאַרטיידיגט מיט אַ דערקלערונג, אַז ער האָט בלויז געשריבן דאָס וואָס איז זייער ריכטיג.

דער סוף איז געווען, אַז דאָס מאָל האָט מען אים פאַר די „זינד" מוחל געווען. מען האָט אים אָבער געגעבן אַ וואָרנונג, אַז אויף ווייטער זאָל ער זיך היטן, ווייל די נעשאָנאַל אַסאָסיעישאָן אָוו מאַנופעקטשורערס האַלט אַן אויג אויף זיין יעדן טראָט.

אַ צווייטער פאַקט:

איינער פון די פּראָפעסאָרן, וואָס איז גראַדע אַליין אַ קאָנסערוואַ־טיווער מענטש, האָט אָנגעשריבן אַ לערן־בוך וועגן די עלעמענטאַרע

כללים פון עקאָנאָמישער וויסנשאַפט. דער בוך האָט געקראָגן אַ ריזיגן פאַרקויף אין די אַמעריקאַנער אוניווערזיטעטן.

אין דעם אינהאַלט פון בוך האָט דער פּראָפעסאָר געזוכט, ווי ער זאָגט, „צו פאַרמיידן פּאַרטייאישקייט". ער האָט געוואָלט, אַז קיינער זאָל אים ניט קאָנען באַשולדיגן, אַז אין זיין עקאָנאָמישן לערן־בוך פאַר־טרעט ער די לערע פון אַ געווויסן צד.

האָבן זיך אָבער די מענטשן פון „ביג־ביזנעס" געכאַפּט, אַז אפילו אָט־דער בוך איז אויך „ניט גוט פאַר זיי".

פאַרוואָס געפעלט עס זיי ניט?

אין איינעם פון די טיילן פון דעם בוך רעדט זיך וועגן דער באַ־דייטונג פון סאָשעל סעקיוריטי, סאָציאַלער פאַרזיכערונג.

ווערן דאָרטן קיין ארגומענטן פאַר דער סיסטעם פון סאָציאַלער פאַרזיכערונג ניט אָנגעגעבן. נאָר דער שרייבער האָט זיך דאָרט דער־לויבט אָן וועלכן עס איז אַבזיכט אַוועקצושטעלן אַ זאַץ, וואָס לייענט זיך: „דהי אַמעריקען אילעקטאָריעיט סופּאָרטס סאָשעל סעקיוריטי", די אַמעריקאַנער בירגערשאַפט איז פאַר סאָציאַלער פאַרזיכערונג.

האָבן די צענזורן פון „ביג־ביזנעס" אויפגעהויבן אַ טענה, אַז דאָס טויג ניט. דער שרייבער פון בוך, האָבן זיי גע'טענה'ט, האָט וועגן סאָ־שעל סעקיוריטי געדאַרפט שרייבן, אַז „יעדער איינער ווייסט, אַז דאָס פירט צו קיצבה און סאָציאַליזם".

דער שרייבער פון דעם לערן־בוך איז דעריבער פון די מענטשן פון „ביג־ביזנעס" אויך גענומען געוואָרן אויפן צימבל. דער רעזולטאַט דער־פון איז געווען, אַז מען האָט באַשטימט, אַז אַ ספּעציעלע קאָמיסיע זאָל זיך נעמען אונטערזוכן אַלע לערן־ביכער פון די אַמעריקאַנער שולן און אוניווערזיטעטן. „ביג־ביזנעס" האָט זיך דערקלערט גרייט צו פינאַנ־סירן די דאָזיגע קאָמיסיע אַבי צו מאַכן זיכער, אַז די לימודים אין די שולן זאָלן זיין לויט זייער תורה.

אַ דריטער פאַקט:

איינער פון די עקאָנאָמיסטן האָט אָנגעשריבן אַ בוך, וואָס קריטיקירט די אויל־אינדוסטריע.

האָבן פירער פון דער דאָזיגער אינדוסטריע זיך גענומען אַרויסצו־געבן אַ בוך, וואָס זאָל ענטפערן אויף דער קריטיק. נאָר כדי צו באַ־האַלטן דעם פאַקט, אַז זיי אַליין זיינען די פאַקטישע מחברים פון דעם בוך האָט מען געדונגען איניקע פּראָפעסאָרן, אַז זיי זאָלן הייסן די

„עדיטאָריעל באָארד" פון דעם בוך. א צאָל פון די פּראָפעסאָרן, וועלכע מען האט געהאט פארגעשלאָגן אָט־דעם „כבוד" האָבן אין דעם גלייך דערפילט א העסלעכן גערוך און זיך דערפון אָפּגעזאָגט. אייניגע האָבן אָבער פאר א פעטן אָפּצאָל דאָס יאָ אָנגענומען.

אָט אזוי איז די סיסטעם פון טעראָר, גרעפט און רעקעטירינג אַוועק אויך אויפ'ן געביט פון בילדונג.

קולטור מיט סם

א פּראָפּאגאנדע־רעקעט מיט וועלכן מען האט זיך גענומען צו סמ'ען די מוחות פון די מאסן האט מען אויך איינגעשטעלט אין הונ־דערטער גרויסע פאבריקן.

די דאָזיגע ארבעט ווערט אָנגעפירט דורך ספּעציעל אָרגאניזירטע אגענטורן.

איינע פון זיי, וואָס האט זיך געקרוינט מיטן נאָמען „נעשאָנאַל ריסוירטש ביוראָ" און וואָס האט איינגעשטעלט איר אָפיס אין 419 דירבאָרן סטריט, אין שיקאגא, האט אין זומער פון 1952 דערציילט, אַז איר ארבעט ווערט אָנגעפירט אויף אַזאַ אופן:

מען שטעלט אריין אין גרויסע פאבריקן און אָפיסעס אָפענע ביכער־שראנקן און געשטעלן (סטענדס) מיט ליטעראַטור.

די ליטעראַטור באשטייט מערסטנס פון קליינע פאמפלעטן און זיי ווערן געביטן דריי מאָל א חודש. אַן אַגענט פון דער „נעשאָנאַל ריסוירטש ביוראָ" קומט, נעמט אַוועק די אַלטע ליטעראַטור און פילט אָן די גע־שטעלן מיט אזוי־גערופענער „פרישער" ליטעראַטור.

יעדער ארבעטער פון פאבריק קאָן צוגיין און נעמען פאר זיך אהיים פריי צום לייענען יעדע שטיקל ליטעראַטור, וואָס מען קאָן דאָרט קריגן.

די פאַרלייט און אנדערע קאָמפּאני־אַגענטן פירן צווישן די ארבע־טער אַן אַגיטאַציע, אַז מען זאָל זיך באַנוצן מיט דער „גאָלדענער גע־לעגנהייט", וואָס דער באָס גיט זיי דורך צוגרייטן פאר זיי פריי פאמפ־לעטן און אנדערע זאַכן צום לייענען.

אָבער מיט וואָס פאר א ליטעראַטור ווערן דאָרט די ארבעטער געשפּייזט?

האָט זיך די דערמאָנטע ביוראָ פראַנק און פריי באַרימט אין רעקלאַ־מעס צווישן פאַבריקאַנטן, אַז די ליטעראַטור איז אַזעלכע, וואָס דינט זייערע אינטערעסן און וואָס קאָן זיי העלפן שאַפן פאַר זיך גרעסערע פּראָ־פיטן. נאָר כדי דאָס צו פאַרדעקן, האָט זי געזאָגט, ווערן אין דער דאָ־זיגער ליטעראַטור אויך אַריינגעמישט אייניגע אַזעלכע ביכלעך און פּאַמפּ־לעטן, וואָס טראָגן אַן אומשולדיגן כאַראַקטער.

מען פילט אָן די שראַנקען און געשטעלן מיט ליטעראַטור וואו מען זוכט צו פאַר'סמ'ען די מוחות פון דעם עולם מיט געפעלשטע דערקלע־רונגען און טעאָריעס וועגן שטייערן, פּראָפיטן, אינפלאַציע. מען העצט דאָרט אויף אַ כלומר'שט אומשולדיגן אופן געגן יוניאָניזם, אידייען פון סאָציאַליזם, מען באַזינגט די אידייע פון „פרי ענטערפּראַיז", פרייע אונ־טערנעמונג. נאָר צוזאַמען דערמיט רוקט מען אַהין אויך אַריין אַזוינע שטיקער ליטעראַטור וואו מען רעדט וועגן בעיסבאָל, מען גיט עצות וועגן געזונט, עצות ווי אַזוי אַכטונג צו געבן אויף זויג־קינדער, עצות ווי אַזוי צו דערקאָנען פאַלש געלט, און וועגן נאָך אַזוינע זאַכן.

מען דערלאַנגט, הייסט עס, דעם עולם אַ צעבער סם און מען פּרואווט עס פאַרוויסן מיט אַ קאַפּעטשקע „וויסנשאַפט".

די ביוראָ, וואָס האָט צוגעשטעלט די דאָזיגע ליטעראַטור האָט זיך ניט געשעמט זאָגן אין אירע רעקלאַמעס צו די פאַבריקאַנטן, וואָס קויפן דאָס, אַז דער מעטאָד, וואָס זי נוצט „האָט אויף דעם אַרבעטער אַזאַ פּסיכאָלאָגישע ווירקונג, אַז ער באַטראַכט עס שוין ניט אַלס קאָמפּאַני־פּראָפּאַגאַנדע, ווי דאָס טרעפט אין אַנדערע פאַלן, וואו קאָמ־פּאַני־ליטעראַטור ווערט געשפּריים צווישן אַרבעטער".

זי האָט זיך אין אירע רעקלאַמעס באַרימט, אַז כדי צו שאַפן אין דעם אַרבעטער דעם גלויבן, אַז דאָס איז ניט קיין קאָמפּאַני־פּראָפּאַגאַנדע טוט זי איר אַרבעט אויף אַ זייער קונציגן אופן.

למשל, א מעסעדזש, וואָס רעדט לטובת דעם באַלעבאָס, האָט זי געזאָגט, „ווערט אַריינגערוקט צווישן נאָטיצן וועגן גאָרטן־פּלאַנצונגען און אייניגע באַמערקונגען וועגן שפּייז פאַר א זויגענדיגן קינד.

„דער דאָזיגער מעטאָד", האָט זי ווייטער געזאָגט, „האָט זיך שוין ביז איצט אַרויסגעוויזן צו זיין דער ווירקזאַמסטער פאַר דעם צוועק צו פאַרקויפן צום אַרבעטער די אידייען פון זיין באַלעבאָס".

א דערקלערונג פון דער ביוראָ האָט אין דער זעלביגער צייט דער־ציילט, אַז איר סקים איז שוין אין יענעם זומער גענוצט געוואָרן פון 600 באַלעבאַטים.

צו די 600 באַלעבאַטים, וואָס האָבן איר סקים גענוצט האָט זי שוין געשיקט אַרום צוויי מיליאָן שטיקער ליטעראַטור יעדן חודש.

די באַלעבאַטים מיט וועלכע זי פירט איר געשעפט צאָלן איר א דורכ־שניט פון פיר און א האַלב סענט פאַר יעדער שטיקל ליטעראַטור.

פאַר זאַכן וואָס בלייבן ליגן איינגאַנצן ניט געלייענט צאָלט מען איר בלויז א סענט א שטיק.

פאַרוואַלטער פון פאַבריק קאָנען אַרויסבראַקירן א שטיקל ליטעראַ־טור נאָך איידער מען שטעלט עס אַריין.

צווישן די קאָמפּאַניס צו וועלכע זי האָט צוגעשטעלט איר ליטע־ראַטור זיינען געווען אַזוינע גרויסע פירמעס ווי די אינטערנעשאָנאַל האַר־וועסטער קאָמפּאַני, טאָמפּסאָן פּראָדאַקטס, טשעמפּיאָן ספּאַרק פּלאַג, נעש קעלווינעיטאָר, אויטאָלאַיט און נאָך א סך אַנדערע גרויסע פירמעס.

אין אויגוסט 1952 האָט מען אין דעם „וואָל סטריט דזשורנאַל" דערציילט, אַז אַזאַ אַגענטור ווי די שיקאַגער געפינט זיך אויך אין ניו־יאָרק. דער נאָמען פון דער ניו־יאָרקער אַגענטור, האָט מען אין דער וואָל סטריט צייטונג דערציילט, איז „גוד רידינג רעק סוירוויס".

דאָרט האָט מען אויך דערציילט, אַז די צאָל אַמעריקאַנער גרויסע פירמעס, וואָס נוצן די „פרייע ליטעראַטור" איז שוין ניט בלויז אַרום 600, נאָר ניט ווינציגער ווי אַנדערהאַלבן טויזנט.

דעם „וואָל סטריט דזשורנאַל" האָט עס קענטיג הנאה געטאָן. ער האָט וועגן דעם געשריבן:

„אַזוי לאַנג צוריק ווי למשל אין 1948 האָט נאָך בלויז א קלייניקע צאָל קאָמפּאַניס זיך געהאַט באַנוצט מיט דער מעטאָדע פון אַרויסגעבן (צו זייערע אַרבעטער) רעגולער פּאַמפּלעטן, דורך „סעלף סוירוויס"

סטענדס. די דזשענעראל מאָטאָרס קאָרפּאָרעישאָן איז געווען איינע פון זיי. אָבער איצט זיינען שוין פאַראַן אַזוי פיל ווי פופצן הונדערט קאָמ־פּאַניס, וואָס נוצן די דאָזיגע איינשטעלונג.

„די דזשענעראל מאָטאָרס אַליין גיט אַזוי אַרויס אַ מיליאָן שטיקלעך ליטעראַטור אַ חודש. אַלע 1,500 קאָמפּאַניס צוזאַמען גיבן אַרויס אַי־בער דרייסיג מיליאָן קאָפּיעס אַ יאָר". די צאָל פון אַרבעטער, וואָס לאָזן זיך „באַדינען" מיט דער דאָזיגער פרייער „סעלף סוירוויס עדיוקעישאָן", האָט דער „דזשוירנאַל" געזאָגט, איז שוין דעמאָלט געווען צווישן צוויי און דריי מיליאָן אַ חודש.

וואָס איז דער צוועק דערפון?

האָט מען דאָרט געגעבן צו פאַרשטיין, אַז דער צוועק איז צו שאַפן ביים אַרבעטער אַ „געהעריגע מיינונג", צורעכט מאַכן זיין מוח, הייסט עס.

מען האָט דאָרט געגעבן ביישפּילן פון דער ליטעראַטור.

למשל, מען פאַרשפּרייט פּאַמפּלעטן, וואָס הייסן:

„והאַי קיל דהי גוס?" פאַרוואָס זאָל מען עס וועלן טויטן די גאַנז? (מיינענדיג דעם קאַפּיטאַליזם).

„פרי מען וויעז דהי יוניאָן קלאָוזד שאַפּ", פרייע מענטשן זיינען געגן דעם קלאָוזד יוניאָן שאַפּ.

„אינפלעישאָן קאָנסוירנס עווערי וואָן", אינפלאַציע רירט אָן אַלעמען.

„סאָשעליזם ענד קאָמוניזם", סאָציאַליזם און קאָמוניזם.

„וואַט מעיקס פּיפּל סוקסעספול?", וואָס מאַכט מענטשן דער־פאָלגרייך?

אָבער כדי אָט־די און אַנדערע גיפט פּאַמפּלעטן צו פאַרווייסן מיט אַ ביסעלע עפּעס אַנדערש רוקט מען אין די „סעלף סוירוויס" סטענדס אַריין אויך אַ צאָל אַזוינע פּאַמפּלעטן, וואָס הייסן:

„האַו טו דעקאָריעט יור האָוז", ווי אַזוי אויסצופּוצן אייער היים. אויטאָמאָביל?

„האַו טו ניט", ווי אַזוי צו שטריקן.

„האַו טו פּלענט עי גאַרדן", ווי אַזוי צו פלאַנצן אַ גאָרטן.

„האַו טו דעקאָרעיט יור האָום", ווי אַזוי אויסצופּוצן אייער היים.

צווישן די גיפט־פּאַמפּלעטן זיינען פאַראַן אַ סך אַזוינע, וואָס קו־מען פון דער אַנטי־יוניאָן נעשאָנאַל אַסאָסיעישאָן אָוו מאַנופעקטשורערס און אַפילו אויך פון אַזוינע פּראָ־פאַשיסטישע אָרגאַניזאַציעס ווי די

„קאָמיטע פאַר קאָנסטיטושאָנעל גאָווערנמענט" און די „פאַונדעישאָן פאָר עקאָנאָמיק עדיוקעישאָן".

דער צווייטער פעריאָד

ווען דער צווייטער פעריאָד פון רעקעטירינג און גענגסטעריזם האָט זיך אָנגעהויבן איז נאָך דער ערשטער ווייט, ווייט ניט געווען פאַרענדיגט. ער האָט נאָר געבראַכט דערצו, אַז געוויסע יוניאָן־פירער זאָלן אָנהויבן דענקען, אַז אויב די געגנער פון יוניאָנס מעגן זיך באַנוצן מיט גענגסטערס מעגן די יוניאָנס דאָס אויך טאָן.

אָט־די פּראַקטיק האָט זיך אָנגעהויבן דערפילן אין 1909, 1910 און 1911.

צווישן די אידישע יוניאָן־פירער איז די דאָזיגע פּראַקטיק אפילו אין דער עפנטלעכקייט זייער שטאַרק פאַרטיידיגט געוואָרן באַזונדערס פון איזידאָר קאָהען, וואָס איז פון 1911 ביז 1917 געווען דער הויפּט־באַאַמטער פון דער פאַריערס יוניאָן.

די זעלביגע פּראַקטיק איז פאַרטיידיגט געוואָרן פון מאַקס קאַזימיר־סקי, וואָס האָט געהערשט ביי די בעקער.

אביסל פאַרדעקט און אויף א טשיקאַווען שטייגער ווערט עס פאַר־טיידיגט פון פיליפּ צאַוזנער אין זיין אויטאָביאָגראַפישן בוך, וואָס הייסט „אַנוואָרנישט", ניט באַפּוצט.

צאַוזנער איז א סך יאָרן געווען דער הויפּט־אָנפירער פון דער פּעינ־טערס (פאַרבערס) יוניאָן אין ניו־יאָרק. די מעטאָדן פון רעקעטירינג און גענגסטעריזם זיינען אין דער דאָזיגער יוניאָן, אונטער זיין פירערשאַפט, געווען פון די סאַמע ערגסטע. זיין בוך האָט ער ארויסגעגעבן אין 1941, נאָכדעם ווי ער איז שוין זעקס יאָר א צווייטן מאָל געווען ארויסגע־שטויסן פון זיין אַמט אין דער יוניאָן.

דערציילט ער אין זיין בוך (זייט 217), אז איין נאַכט, אין זומער פון 1933, ווען ער איז געזעסן אין זיין אָפיס און צוגעגרייט פאַר זיין סעקרעטאַרשע א פּראָטאָקאָל פון א קאָונסיל־מיטינג, האָבן צוויי „שטאַר־קע" אָנגעקלאַפּט אין טיר און דערקלערט, אז זיי ווילן מיט אים עפּעס ריידן.

וואָס האָבן זיי געוואָלט?

זיי האָבן געשטעלט אַ פאָדערונג, אַז ער, וואָס איז — ווי זיי ווייסן — „דער באָס" פון דער יוניאָן, זאָל צוריקרופן אַ סטרייק, וואָס די יוניאָן האָט דערקלערט ביי „זייערן אַ פריינט" און ער זאָל פון דאָרט אַוועקנעמען די פּיקעטס. אויב ער וועט עס ניט טאָן, האָבן זיי אים געזאָגט, וועלן זיי אליין „אַוועקנעמען" די פּיקעטס.

זייער פאַרלאַנג, שרייבט ער, האָט ער צוריקגעוויזן. נאָר אויף מאָרגן פרי האָבן די גענגסטערס די פּיקעטס שטאַרק צעשלאָגן און זיי, די צעשלאָגענע פּיקעטס, האָבן פאַר אים אַוועקגעלייגט אַ קלאַג, אַז די גענגסטערס זיינען אַזעלכע, וואָס „האָבן פאַר קיינעם קיין מורא ניט אחוץ אפשר נאָר פאַר די „באָיעס פון דאונטאון".

און דאָ שרייבט ער ווייטער אַזוי:

„און ווער זיינען עס די ,באָיעס פון דאונטאון?' — האָב איך ביי זיי געפרעגט".

„צו וואָס טויג דערמאָנען נעמען? — האָבן זיי מיר געענטפערט. די „באָיעס פון דאונטאון, זיינען די איינציגע, וואָס קאָנען פאַרטרייבן דעם דאָזיגן מאָב (די גענג) פון דעם אָרט וואו מען סטרייקט".

„נו, — שרייבט צאוזנער ווייטער, — איז דער מאָב טאַקע פאַרטריבן געוואָרן. די פּיקעטס האָבן פאַרגעזעצט זייער אַרבעט. אַ האַלבער טוצן סטרייק־ברעכער זיינען געבראַכט געוואָרן אין דער יוניאָן. די באַסעס האָבן זיך אונטערגעגעבן. — — — די אַרבעטער, וואָס האָבן דערזען, אַז אַ זיכערע נידערלאַגע איז איבערנאַכט פאַרוואַנדלט געוואָרן אין אַ זיג האָבן געדענקט, אַז ניסים זיינען דאָ געשען. אָבער דער „באָס" (ווי די דערמאָנטע „שטאַרקע" האָבן אים אליין גערופן) האָט — צו זיין שטענדיגער באַדויערונג — געוואוסט, אַז די צייט פון ניסים איז שוין לאַנג צוריק פאַראיבער און אַז אַזעלכע זיגן זיינען זייער, זייער קאָסטבאַר פאַר דער יוניאָן, פאַר די אַרבעטער און, אין אַ גרויסער מאָס, פאַר דער רעפּוטאַציע פון אַ „לעיבאָר צאַר".

אַ בייטש געגן אייגענע מיטגלידער

דער גענגסטעריזם, וואָס איז פון אָט־די און אַנדערע אַזוינע יוניאָן־פירער גע'כשר'ט געוואָרן אַלס מיטל פון קאַמף געגן באַלעבאַטים, איז פון זיי אָפט גענוצט געוואָרן אויך געגן די אייגענע מיטגלידער.

און אויך דאָס האָבן אייניגע פון זיי פאַרטיידיגט אפילו אין דער עפנטלעכקייט.

דער דערמאָנטער איזידאָר קאָהען האָט אין 1913 אין אַן אַר־טיקל אין „פאָרווערטס” אָפן צוגעגעבן, אַז מעטאָדן פון טעראָר און גענגסטעריזם ווערן אָפט גענוצט אויך געגן די אייגענע יוניאָן־מיט־גלידער.

ער האָט עס פאַרטיידיגט מיט אַ טענה, אַז מען „מוז אַמאָל נוצן אַ בייטש געגן די מיטגלידער”.

„אידן”, האָט ער אַרגומענטירט, „זיינען גוטע סטרייקערס, נאָר שלעכטע יוניאָן־לייט. זיי האָבן שטענדיג טענות. — — — אָבער אין דער יוניאָן ווייסן זיי נאָר, אַז מען דאַרף אַרונטעררייסן און דיסקרע־דיטירן די באַאַמטע”.

ווען מען נוצט געגן זיי ניט קיין בייטש, האָט ער ווייטער גע־טענה'ט, וואָלטן זיי קיינמאָל ניט געצאָלט קיין יוניאָן־דיוס און זיי וואָלטן קיינמאָל ניט באַזוכט קיין יוניאָן־מיטינגען.

צוזאַמען מיט די מעטאָדן פון גענגסטעריזם האָט מען דעמאָלט אין די יוניאָנס אויך אָנגעהויבן באַנוצן די מעטאָדן פון קאָרופּציע און גרעפט (כאַבאַר).

און אויך דאָס איז אין אַ סך אָרגאַניזאַציעס געטאָן געוואָרן אויף אַן אָפענעם שטייגער.

אין זיין בוך „אַנוואָרנישט” האָט פיליפּ צאַוזנער ניט געוואָלט רעדן וועגן דער גרעפט־סיסטעם, וואָס איז אָנגעגאַנגען אין זיין אייגענער אַד־מיניסטראַציע.

רעדט ער דאָרטן (זייט 203) בלויז וועגן די גרעפט־געשעפטן, וואָס באַאַמטע האָבן אָנגעפירט אין ברוקלינער פעינטערס לאָקאַלן און ער זאָגט:

„אַרבעטער אַליין האָבן וועגן דעם גערעדט אָפן אויף די גאַסן, אויף די ערטער פון אַרבעט, אויף די מיטינגען פון זייערע לאָקאַלן. ווען אַן אַקטיווער מיטגליד פון אַ לאָקאַל האָט ביי אַ מיטינג געמאַכט אַ באַמער־קונג, אַז דער און דער ביזנעס־אַגענט „האָט אין דער וואָך איינגעקאַ־סירט אַ פיינע סומע” האָט עס קענטיג קיינעם פון די באַשולדיגטע גאָר ניט געאַרט. אַלע אַנוועזענדע האָבן פאַרשטאַנען, וואָס די באַמערקונג האָט געמיינט, אָבער די פּערזאָן וועגן וועמען עס האָט זיך געהאַנדלט

האָט ניט געזוכט צו פאַרענטפערן זיך. עס איז אַלץ געווען אַ געוויינ־לעכע זאַך, אַ טייל פון דער שפּיל".

געננסטערס אין דינסט פון ביידע צדדים

אין אַ סך פאַלן האָבן גענגסטערס געאַרבעט אי „פאַר דער יוניאָן", אי פאַר די באַלעבאַטים געגן וועלכע זיי האָבן דער יוניאָן גע־דאַרפט העלפן פירן אַ קאַמף.

אין דער יוניאָן האָבן באַאַמטע געצאָלט געלט פאַר „באַשיצן סטרייק־קערס און פּיקעטס" און ביים זעלביגן באָס וואו די אַרבעטער האָבן געסטרייקט האָבן מיטגלידער פון דער זעלביגער גענגג אין דער זעלבער צייט גענומען געלט פאַר באַשיצן סטרייק־ברעכער.

פאַרשטייט זיך, אַז אין אַלע פאַלן דערביי די גענגסטערס פריי־ער פון אַלץ אינזיינען געהאַט בלויז זייער אייגענעם „געשעפט" און זיך אַליין.

אַ טשיקאַווע געשיכטע, וואָס פיליפּ צאַוזנער האָט אין זיין בוך גע־פּרוּווט פאַרדרייען איז אַמאָל פאַרגעקומען ביי די פּעינטערס.

ווי ער אַליין דערציילט עס אין זיין בוך (זייטן 213־217) איז די געשיכטע בקיצור געווען אַזוי:

אין 1920, פּונקט דעמאָלט ווען די פּעינטערס יוניאָן האָט אין ניו־יאָרק אָנגעפירט אַ ביטערן סטרייק האָבן דריי גענגסטערס אינמיטן נאַכט זיך אַריינגעגנב'עט אין יוניאָן־אָפיס, דאָרט אויפגעריסן דעם „סעיף" און אַוועקגענומען וויפיל געלט זיי האָבן דאָרט נאָר געקאָנט קריגן. נאָר אַלע דריי גענגסטערס זיינען פון פּאָליציי געכאַפּט געוואָרן, בשעת זיי האָבן זיך שוין געהאַט גענומען צו אַנטלויפן.

איינער פון די גענגסטערס איז געווען דער באַרימט־געוואָרענער העלד פון דער אונטערוועלט היימי קוירלי און די אַנדערע צוויי זיינען געווען אַ פּאָר יונגע איטאַליענישע גענגסטערלעך.

קוירלי איז נאָך דעמאָלט אויך געווען אין עלטער פון בלויז צווישן 18 און 20 יאָר.

מיט חדשים שפּעטער, ווען די דאָזיגע דריי גענגסטערס זיינען גע־שטעלט געוואָרן פאַר אַ געריכט, האָט מען צאַוזנער'ן אויפגעפאָדערט צו קומען און זיין אַן עדות געגן די אָנגעקלאָגטע.

איז ער געקומען, נאָר זיין עדות זאָגן „געגן די געננסטערס" איז אין א היבשער מאָס פאַקטיש געווען א פאַרטיידיגונג פאַר זיי.

זיין טענה אויפן עדות־שטול איז געווען, אַז קיין שאָדן האָט די יוניאָן פון זייער רויבעריי ניט געהאַט און אַז ער וועט חלילה ניט האָבן געגן דעם, אויב דער געריכט וועט זיך צו זיי באַציען מיט רחמנות.

און דער געריכט, זאָגט ער, האָט זיך דערמיט טאַקע אויך גערעכנט און זיי געגעבן א קליינע שטראָף. הײמי קוירלי האָט דאָרט אַלס אָנ־פירער פון דער רויבעריי טאַקע געקראָגן א שטראָף פון פינף ביז צען יאָר טורמע. אָבער דאָס איז געווען דערהויפּט דערפאַר, ווייל ער האָט שוין געגן זיך פון פריער אויך געהאַט א גרויסן קרימינעלן רעקאָרד.

אָבער פאַרוואָס איז עס צאַוזנער געווען אַזאַ מליץ יושר פאַר די דאָזיגע דריי געננסטערס?

זאָגט ער אין זיין בוך, אַז דאָס איז געווען דערפאַר, ווייל „א רב, עטלעכע איסט סאַידער געשעפטס־לייט און אַן אָנגעשטעלטער (א „דאָר־מאַן") פון א אידישן טעאַטער" האָבן אים געבעטן ער זאָל ניט זאָגן קיין שלעכטס געגן די אָנגעקלאָגטע.

דער אמת איז אָבער, אַז די אורזאַך פאַרוואָס ער איז אין געריכט געוואָרן זייערער א מליץ־יושר איז געווען, ווייל די זעלבע געננסטערס, וואָס האָבן אויפגעריסן דעם סעיף אין דער יוניאָן זיינען אַליין אויך געווען פון די, וועלכע מען האָט געהאַט געדונגען צו זיין „די קעמפּער פאַר דער יוניאָן".

אין צאַוזנער'ס מעשה דערציילט זיך ווייטער, אַז ווען קוירלי איז ארויס פון טורמע איז ער געקומען און האָט צאַוזנער'ן אָפּגעדאַנקט מיט א צוזאָג, אַז דערפאַר וועט ער אים העלפן זיך באַפרייען פון א פּעקל צרות, וואָס ער האָט געהאַט פון אַן אַנדער גענג אין דער יוניאָן.

איז אָבער אויך דאָ דער אמת, אַז ווען קוירלי איז ארויס פון טורמע איז ער פּשוט געקומען, כדי צוריק איבערצונעמען די פּאָזיציע, וואָס ער האָט פריער געהאַט אין דער יוניאָן.

צאַוזנער'ס מעשה ווי זי דערציילט זיך אין זיין בוך איז בכלל א הינקענדיגע.

למשל, ער דערציילט (זייט 215), אַז ווען קוירלי איז געקומען אים „אָפּצודאַנקען" פאַר זיין עדות־זאָגן איז דאָס געווען אין 1933, ווען ער האָט א צווייטן מאָל געהאַט איבערגענומען דעם אמט פון סעקרעטאַר.

ער שרייבט, אַז פון 1920 ווען מען האָט קוירלי'ן פאַר'משפט, ביז 1933 האָט ער פון קוירלי'ן גאָר ניט געהערט.

און אויך אין 1933, ווען קוירלי איז געקומען אים דאַנקען, האָט ער קוירלי'ן לכתחילה, זאָגט ער, גאָר ניט געקאָנט דערקענען, אַז דאָס איז „דאָס זעלבע בחור'ל", פאַר וועלכן ער האָט אין 1920 געבעטן רחמנות.

און נאָך אָט־דער באַגעגעניש, זאָגט ער ווייטער, האָט ער איינינע מאָל בלויז געהערט קוירלי'ס נאָמען, בלויז איינמאָל דורך אַ צופאַל אים „געזען אין דער קאָמפּאַני פון אַ פּאָליציייאישן באַאמטן". אחוץ דעם האָט ער מיט אים גאָר קיין שייכות ניט געהאַט.

אָבער אין אַ פריערדיגן קאַפּיטל פון זיין בוך (זייט 206) זוכט ער צו באַווייזן, אַז דזשעק וואודס, אַ ביזנעס־אַגענט פון ברוקלינער פּעינ־טערס, האָט געגן אים (געגן צאַוזנער'ן) אויסגעטראַכט אַ ריי „בלבולים", ווייל ער, וואודס, האָט דערביי „געוואָלט אויפדעקן שונאים פון זיין געננסטער־ברודער, היימי קוירלי".

וויפיל מאָל צאַוזנער האָט געזען דעם גענגסטער היימי קוירלי האָט קיינער, פאַרשטייט זיך, ניט געציילט און קיינער קאָן עס ניט זאָגן.

עס איז אָבער פאַראַן אַ סברה, אַז דער סוף, וואָס קוירלי האָט געקראָגן איז געווען אין אַ גענגסטער־מלחמה פאַר דער הערשאַפט אי־בער די פּעינטערס אין ניו יאָרק, פונקט ווי דער גענגסטער „ליטל אָגי" האָט עס געקראָגן אין אַ גענגסטער־מלחמה ביי די פּעינטערס אין ברוקלין.

אין ברוקלין איז דער סוף פון „ליטל אָגי'ן" געקומען אין צייט פון אַ פּעינטער־סטרייק אין 1927.

די לעפּקע און גורא־גענג האָט אין יענער צייט געאַרבעט פאַר דער ברוקלינער אַדמיניסטראַציע פון דער יוניאָן און אַ „ליטל אָגי" און „לעקס דאַימאָנד" גענג האָט געאַרבעט פאַר אַן אָרגאַניזירטער גרופּע פון די באָסעס.

האָט צווישןביידע גענגס אויסגעבראָכן אַ מלחמה און „ליטל אָגי" איז דער'הרג'עט געוואָרן. די לעפּקע און גורא גענג האָט באַזיגט די „ליטל אָגי" גענג. אָבער די ברוקלינער פּעינטערס האָבן דורך יענעם סטרייק אויך געקראָגן אַ קנאַפּע מציאה.

דעם גענגסטער היימי קוירלי האָט די זעלביגע לעפּקע און גורא גענג מיט איינינע יאָר שפּעטער אַריינגעלייגט אין אַ פאַס מיט שטיינער

און זייביידן אריינגעוואָרפן אין איסט ריווער. אָבער קוירלי, זאָגט מען, האָט שוין דעם דאָזיגן סוף געקראָגן דערפאַר, ווייל ער האָט פאַר זיך געמאָנט די ממשלה מיט וועלכער די לעפּקע און גורא געגנג האָט דעמאָלט, אונטער צאַוזנער'ס אַדמיניסטראַציע, באַהערשט אויך די ניו־יאָרקער פּעינטערס.

די העלדן פון דער אונטערוועלט, וואָס זיינען אריין אין די יו־ניאָנס האָבן געהאַט אַ כלל, אַז ווען עמיצער פון זיי ווערט אַנגעשטעלט טאָר מען אים שוין אויך ניט אָפּזאָגן.

ער האָט געקאָנט אַראָפּ פון דער סצענע בלויז דעמאָלט, ווען דאָס איז געווען אַ באַפעל פון אייגענע קאָלעגן, אָדער ווען מען האָט אים „פּאַרשיקט" ערגעץ אין אַ ריווער, אָדער אין אַ פּשוט'ן קבר. אָן דעם האָבן קיין אָנגעשטעלטע געגנגסטערס פאַר זיך קיין אַרבעטלאָזיגקייט ניט געוואָלט אַנערקענען.

אַ ביישפּיל דערפון האָט אין 1926 געקראָגן טשאַרלס זימערמאַן.

אין דער אינטערנעשאָנאַל לעידיס גאַרמענט וואָירקערס יוניאָן, די אָרגאַניזאַציע פון די פּרויען קליידער אַרבעטער, האָבן די לינקע עלע־מענטן נאָך דעם באַרימט־געוואָרענעם „דזשאָינט עקשאָן" קאַמף אין 1925 אין ניו־יאָרק איבערגענומען די פירערשאַפט.

זימערמאַן איז דערמאָלט געוואָרן דער הויפּט באַאַמטער פון דער ניו־יאָרקער דרעסמאַכער אָפּטיילונג פון דער יוניאָן.

איז דער גענגסטער הײמי קוירלי געקומען צו אים מיט אַ טענה, אַז אַזוי ווי ער און אייניגע פון זיינע „באָיעס" האָבן פריער געהאַט „פּרנסה" אין דער יוניאָן פאָדערט ער דאָס זעלביגע אויך ווייטער.

אין ריווער איז ער נאָך דעמאָלט ניט געלעגן און קיין „דזשאָב־לאָזיגקייט" האָט ער ניט געוואָלט אַנערקענען. ער האָט זימערמאַנ'ען געוואָרנט, אַז אויב מען וועט אים ניט אוועקשטעלן אויפן פּעי־ראָל (אויפן לוין־צעטל) פון דער יוניאָן „וועט זיין שלעכט".

האָט אים זימערמאַן געענטפערט, אַז די לינקע באַשעפטיגן ניט קיין „שטאַרקע" און אַז ער, קוירלי, קאָן פון דער יוניאָן קיין „פּרנסה" מער ניט דערוואַרטן.

נו, האָט מען דערפאַר זימערמאַנ'ען גלייך צעשלאָגן און ער איז אַ היבשע צייט אַרומגעגאַנגען מיט אַ צעקלאַפּטן פּנים.

די צייטן פון „ביג דזשעק", „דאָפּי בעני" און אַנדערע גענגסטערס

צווישן די ערשטע גענגנסטערס, וואָס האָבן געבושעוועט ביי די פּאַריערס האָבן די הויפּט־ראָלן געשפּילט „ליטל אָגי", „ביג דזשעק" זעליג, „פּינטשי" פּאול, „דזשאָ דהי גריזער".

אין 1913 איז „ביג דזשעק" דער'הרג'עט געוואָרן.

„פּינטשי" האָט אויך געקראָגן דעם זעלבן סוף. ער און דער „גריזער" האָבן צווישן זיך ניט געקאָנט דורכקומען אין דער פראַגע ווער עס זאָל זיין דער הויפּט־באָס פון די גענגסטער־ביזנעס אין דער פּאַר־אינדוסטריע. האָט אים דער „גריזער" דער'הרג'עט און דערמיט האָבן זיי דעם סכסוך צווישן זיך „געשליכטעט".

אין די יאָרן פון דער קאופמאַן־אַדמיניסטראַציע ביי די פּאַריערס זיינען „לעפּקע" און „גורא" געוואָרן די הויפּט־באָסעס פון דער גענג, וואָס האָט געבושעוועט סיי אין דער יוניאָן און סיי אין דער אינדוסט־טריע בכלל.

בלויז ווען די לינקע האָבן איבערגענומען די פירערשאַפט פון דער יוניאָן האָט מען די גענג אינגאַנצן פאַרטריבן סיי פון דער יוניאָן און סיי פון דער אינדוסטריע. עס האָט געקאָסט אַ סך אַרבעטער־בלוט, עס זיינען געפאַלן קרבנות, אָבער די אונטערוועלט האָט מען פון דאָרט באַ־זייטיגט.

אין דער יוניאָן פון די פרויען קליידעראַרבעטער (אינטערנעשאַ־נאַל לעידיס גאַרמענט וואָרקערס) האָט אין צווייטן צענדליג יאָר פון איר עקזיסטענץ, אַן ערך פון 1910 ביז 1915, געשפּילט אַ גרויסע ראָלע די „דאָפּי בעני" פיין גענג.

„דאָפּי בעני", האָט מיט קיין אַנדערע גענגס קיין מלחמה ניט געפירט.

ער האָט געשאַפן אַ פאַרבאַנד (אַ „הייליגן אַלאַיענס") צווישן זיין גענג און אַ „האַדסאָן דאָסטער" גענג, אַ „קאַרבאַרן" גענג, אַ „געז האוז"־גענג. ער האָט פאַר זיי איינגעשטעלט דיסטריקטן. יעדע גענג האָט אירע אונטערוועלט־געשעפטן געמוזט אָנפירן בלויז אין אַ באַשטימטן דיס־טריקט. קיינע פון זיי האָט ניט געטאָרט קומען אין קיין קאָנפליקט מיט קיין אַנדערע גענגס.

אין „דאָפּיס בעני׳ס״ גענג זיינען צום ערשטן מאָל אויך אריינגע־צויגן געוואָרן פרויען. דער גענגסטער בעני האָט צו זיין גרויסן „יחוס״ זייער שטאַרק געהאַלטן פון „דאַמען ערע״. ווען די גענג זיינע האָט געדאַרפט א פרוי צעברעכן א האַנט אָדער א פוס פלעגט ער טענה׳ן, אז קיין מענער טאָרן דאָס ניט טאָן. אויף אזא ארבעט פלעגט ער שיקן בלויז פרויען.

ווען איין פרוי, א פאַרלעידי פון אן אונטערוועש־שאַפּ, וואָס איז דווקא פון אים אליין צעקריפּלט געוואָרן, האָט ער אליין אַמאָל דער־ציילט אזא מעשה:

„מיין באָס האָט מיר דערקלערט, אז „די פאָרלעידי פון דעם און דעם שאַפּ קען דעם באָס צו גוט, זי איז מיט אים א גאַנצער שמעלקע. זי דאַרף קריגן א גוטן חלק. די בעסטע זאַך וואָלט געווען ווען זי וואָלט עמיצן געקראַגן, וואָס זאָל זי אריינוואַרפן אין א קעלער. איך וועל דיר געבן א מיידל, וואָס זאָל דיר אָנווייזן ווער די פאַרלעידי איז״. איך (בעני) האָב צו א פרוי אַזוינס ניט געוואָלט טאָן. איך האָב זיך פאַר־געשטעלט ווי מיינע א שוועסטער וואָלט עם געווען אין אזא פּאָזיציע. אָבער מיין באָס איז באַשטאַנען אויף דעם, אז מען מוז דאָס טאָן און איך האָב דערצו צוגעשטימט. מיר האָבן נאָכגעפאָלגט די פאַרלעידי ביז זי איז פאַרבייגעגאַנגען א סאַלון (א שענק) מיט אַן אָפענער טיר פון א קעלער. מיר האָבן זי אַרונטערגעוואָרן און אַוועק. א סך מענטשן האָבן דערהערט איר געשריי און מען האָט זי אריינגענומען אין א דראַג־סטאָר. איך האָב פאַר דעם שטיקל ארבעט געקראָגן 150 דאָלער.״

די מעשים פון דער „דאָפּי בעני״ גענג האָבן זיך זייער שטאַרק אָנגעזען אויך אין דער בעקערס יוניאָן און אין אייניגע אַנדערע אָר־גאַניזאַציעס, וואָס זיינען באַהערשט געוואָרן פון אַזוינע מענטשן ווי די „פּאָרוועדטס״־סאָציאַליסטן איזידאָר קאָהען און מאַקס קאַזימירסקי.

און אויף שלאָגן יוניאָן־מיטגלידער האָט זיך „דאָפּי בעני״ ניט אַזוי געקווענקלט ווי אויף וואַרפן א פאַרלעידי אין א קעלער.

ווען אזא יוניאָן־הערשער ווי קאַזימירסקי האָט געגן זיך געהאַט א קאַנדידאַט, וואָס איז צווישן די יוניאָן־מיטגלידער געווען זייער פּאָפּו־לער האָט מען אָפט מיט דער הילף פון דער „דאָפּי בעני״ גענג אזא קאַנדידאַט געצוואונגען ער זאָל זיך צוריקציען.

ביי די בעקער, למשל, איז געווען אַן אָרגאַנאַיזער מאַקס פליישער,

וואָס איז דעם הויפּט־באָס פון דער יוניאָן ניט געווען געפעלן. ער האָט פאַר פליישער'ס אמט געהאַט אַן אַנדער מענטשן.

האָט פליישער געקראָגן פון „דאָפּי בעני'ן" אַ באַפעל, אַז ער זאָל זיך גלייך פון דעם אַמט צוריקציען. אָבער אַזוי ווי ער האָט עס ניט געטאָן האָט מען אים אין אַ רעסטאָראַן אויף דעלענסי סטריט דער־לאַנגט מיט אַ פלאַש איבערן קאָפּ, צעבראָכן סיי די פלאַש, סיי דעם קאָפּ און ער איז דאָרט געבליבן אין אַ באַוואוסטלאָזן צושטאַנד.

אין 1915 האָט זיך „דאָפּי בענים" קאַריערע אַלס גענג־פירער פאַר־ענדיגט. ער איז געוואָרן בייז דערפאַר, וואָס געוויסע יוניאָן־באַאַמטע פאַר וועלכע ער האָט געאַרבעט האָבן זיך אַנטזאָגט צו שאַפן פאַר אים בעיל (אויסלייז־געלט) ווען מען האָט אים אַרעסטירט. האָט ער דערפאַר דערלאַנגט צום דיסטריקט אַטוירני אַ מסירה געגן אַ צאָל יוניאָן־באַאַמטע און זיין הערשאַפט אין דער אונטערוועלט און אין די יוניאָנס וואו זיין גענג האָט געבושעוועט איז דערמיט געקומען צו אַ סוף. אָבער אַנדערע גענג־פירער האָבן זיין אָרט פאַרנומען און די אונטערוועלט האָט זיך נאָך 1915 צעבושעוועט נאָך מער ווי פריער.

מעם פּאַרקס און „סקיני" מעדען

דער פעריאָד ווען פראָפעסיאָנעלע רעקעטירס און גענגסטערס האָבן אין יוניאָנס דערזען אַ „ביג ביזנעס" און זיך גענומען אַריינצוריסן, כדי אַליין צו ווערן די באַלעבאַטים פון די דאָזיגע ביזנעס האָט זיך פריער פון אַלץ אָנגעהויבן אין דער בוי־אינדוסטריע.

דאָס איז ערשטנס דערפאַר, ווייל די ביזנעס פון ריעל עסטעיט, דער האַנדל מיט לאַנד און מיט דעם געבוי פון הייזער און אַנדערע אונטער־נעמונגען איז בכלל אַ רייכער רעקעט.

צווייטנס, ווייל אין די פאַכן פון דער בוי־אינדוסטריע, וואו די אַרבעט פאָדערט קוואַליפיצירטע הענט, זיינען די אַרבעטער אַ סך פריער געווען מער אָרגאַניזירט ווי אין אַנדערע אינדוסטריעס.

דריטנס, ווייל ביי בוי־אַרבעט, וואָס קאָן ניט איבערגעטראָגן ווערן פון איין אָרט אויף אַ צווייטן און וואָס מוז אין מערסטע פאַלן אויפגע־מאַכט ווערן אין אַ באַשטימטער צייט איז פאַר רעקעטירס לייכטער צו שווינדלען ווי ביי אַנדערע געשעפטן.

אין דער בוי־אינדוסטריע זיינען דעריבער די שווינדלען פון רעקע־טירס שטענדיג געווען אויך גרעסער און ווילדער ווי אין אנדערע אינ־דוסטריעס.

די ערשטע הויפט־רעקעטירס אין דער בוי־אינדוסטריע זיינען גע־ווען סעם פארקס און „סקיני" מארטין ב. מעידען.

סעם פארקס האט געהערשט אין ניו־יארק און „סקיני" מעידען האט כמעט אין דער זעלביגער צייט געקעניגט אין די בוי־ארבעטער יו־ניאנס פון שיקאגא.

די פארקס־ממשלה האט אנגעהאלטן פון 1896 ביז 1903.

פארמעל איז ער געווען א ביזנעס־אגענט פון א לאקאל פון דער אייזן בוי־ארבעטער יוניאן. זי האט זיך דעמאלט גערופן „האוזסמיטס, ברידזשמען ענד סטראקטשורעל איראן ווארקערס יוניאן".

ער איז אויך געווען דער פרעזידענט פון דער ניו־יארקער „באארד און בילדינג טרעידס".

אין דער זעלביגער צייט איז ער אבער אויך געווען אויפן לוין־צעטל („פעיראל") פון אייניגע גרויסע פירמעס פון דער בוי־אינדוסטריע.

זייער אפט האט ער דערקלערט סטרייקס בלויז פאר דעם צוועק אויף ארויסצוקריגן גרעפט פון באלעבאטים.

אין דער יוניאן האט ער איינגעשטעלט אן „ענטערטעינמענט קאַ־מיטע", וואס איר צוועק איז געווען צו שלאגן מיטגלידער, וועלכע שטעלן זיך געגן דעם ווילן פון אים און זיין קליקע.

ווען א מיטגליד פלעגט ארויסדריקן אומצופרידנקייט מיט דעם, וואס פארקס טוט איז זיין לאזונג צו דער געגנ געווען: „קליער היז מאינד", רייניגט אים אפ זיין מוח.

ארבעטער אין דער יוניאן פלעגט מען אויך טרייבן נאר מיטן קור־לאק. דאס איז אפט געווען די „אויפקלערונג" און די פראפאגאנדע.

אין יוני 1903 איז פארקס ענדלעך ארעסטירט און אינדאיטעד (אנ־געקלאגט) געווארן פאר ארויספרעסן פון א קאמפאני (די „העלקא אירא ווארקס") צוויי טויזנט דאלער גרעפט.

אביסל שפעטער, אין חודש אויגוסט פון יענעם יאר איז ער פאר נאך א גרעפט־קלאגע פאר'משפט געווארן אויף צוויי און א האלב יאר טורמע. נאר זיינע פריינט, איינגעשלאסן אייניגע גרויסע טעמעני־פא־ליטישנס, האבן אים פון טורמע ארויסגעקראגן דורך א געריכטלעכער

„סערטיפיקעיט אָוו ריזאָנעיבל דאוט" (אַן אַנטשיידונג, וואָס שטעלט שטראָף אונטער אַ פראַגע־צייכן) און אין אַ לעיבאָר־דעי פאַראַד פון יע־נעם יאָר איז נאָך פּארקס געווען דער מאַרשאַל פון דעם פּאַראַד.

דער רעקעטיר איז געפאָרן אויף אַ ווייסן פערד און אויף זיך האָט ער געטראָגן אַ רויטע העמדל מיט אַ ווייסן גאַרטל, וואָס איז געווען „באַצירט" מיט צוויי גאָלד־קאָלירטע בוכשטאַבן „ס. פּ."

די צוויי בוכשטאַבן האָבן פאַרשטייט זיך געדאַרפט מיינען סעם פּאַרקס. נאָר לויט באַריכטן פון יענער צייט האָבן איינינע פון די צושויער די צוויי בוכשטאַבן געטייטשט, אַז זיי מיינען „סטאָלען פּראָ־פּערטי", גע'גנב'עטער פאַרמעגן. אַנדערע האָבן געטייטשט, אַז עס דאַרף מיינען „סטעיט פּריזאָן".

פּארקס איז יעדנפאַלס נאָכדעם דאָך געבליבן אַ פּאַר'משפט'ער. פון דער יוניאָן האָט מען אים אויך אויסגעשלאָסן. זיין קאַריערע האָט זיך אַזוי אין סוף פון 1903 פאַרענדיקט.

„סקיני" מעידען איז אין שיקאַגאָ געווען דאָס זעלביגע, אַן ענלעכער צדיק, ווי סעם פּארקס אין ניו־יאָרק.

אין אָנהויב איז „סקיני" פאָרמעל געווען אַ ביזנעס־אַגענט פון דער סטימפיטערס יוניאָן. נאָכדעם איז ער דאָרט געוואָרן אַ יוניאָן־פּרעזי־דענט (אַ „קעניג") פאַר „זיין גאַנצן לעבן".

אויך ער האָט געריסן גרעפּט אומעטום וואו עס האָט זיך נאָר גע־לאָזן. אויך אים האָבן אַ צאָל פירמעס פון דער בוי־אינדוסטריע גע־האַט אויף זייער לוין־צעטל און אים געצאָלט רעגולער כאַבאַר אַלס שכירות.

אחוץ דעם האָט ער אָבער אויך געהאַט אַ צאָל אייגענע סאַלונס און פאַרשידענע אַנדערע געשעפטן.

זיין הערשאַפט האָט ער אָנגעפירט מיט דער הילף פון אַ באָארד פון ביזנעס אַגענטן פון די שיקאַגער יוניאָנס פון דער בוי־אינדוסטריע און מיט דער הילף פון אַ פּשוט'ער גענג.

אין דעם דאָזיגן „סקיני" מעידען האָט זיך אָבער אויך אריינגעכאַפּט די טשעכאָטקע, די מכה פון שווינדזיכט, און אין 1912 איז ער דערפון געשטאָרבן.

„אַמברעלאַ מאַיק"

נאָך „סקיני'ס" טויט האָבן אין דער בוי־אינדוסטריע פון שיקאַגאָ זיך צעבושעוועט אַנדערע רעקעטירס.

איינער פון די וואָס האָבן זיך דאָרט אין יענער צייט ארויפגעכאַפּט אויפן פערד פון רעקעטירינג איז מאַיקל באָיל, וואָס טראָגט אויף זיך דעם נאָמען „אַמברעלאַ מאַיק".

זיין הערשאַפט האָט זיך געפילט זייער שטאַרק אפילו נאָך אַזוי שפּעט ווי אין 1953, ווען זיינע פריינט האָבן פאַר אים געפּראַוועט א „טעסטימאָניעל" באַנקעט.

אין דער דאָזיגער צייט איז ער שוין זיכער ניט געווען קיין יונגער־מאַן. אָבער זיין ראָלע איז נאָך געווען גרויס.

עקאָנאָמיש איז ער אַלע מאָל געווען גוט באַזאָרגט.

זיין פאַרמעגן איז אין זומער פון 1953 געשאַצט געוואָרן אין הונ־דערטער טויזנטער דאָלער.

זיין אָפיציעלער יוניאָן־אַמט איז נאָך אין דעם יאָר געווען וויצע־פּרעזידענט פון דער עלעקטרישענס בראָדערהוד פון דער אַמעריקען פעד־דערעישאָן אָוו לעיבאָר. ער איז אויך געווען דער ביזנעס־אַגענט פון דעם שיקאַגער עלעקטרישענס לאָקאַל 134. אָבער פון די שכירות, וואָס ער קריגט פאַר אָנהאַלטן די דאָזיגע אַמטן האָט ער זיין פאַרמעגן ניט אָנגעשפּאָרט.

זיין צונאָמען „אַמברעלאַ מאַיק" זאָגט עדות, אַז דעם פאַרמעגן האָט ער אָנגעקליבן פון עפּעס אַנדערש.

דעם צונאָמען „אַמברעלאַ מאַיק" האָט ער געקראָגן, ווייל אַלע זיינע יאָרן, זינט ער האָט אָנגעהויבן שפּילן א ראָלע אַלס „לעיבאָר מען", פלעגט ער סיי זומער און סיי ווינטער ארומגיין מיט אַן אָמברעלאַ (א שירעם). אין די היצן און אין די פרעסט, ווען ער איז ארויס פון הויז, האָט ער מיט זיך מיטגענומען דעם אָמברעלאַ.

צו וואָס האָט ער געדאַרפט דעם אָמברעלאַ?

ווייל דערמיט האָט ער אָנגעזאַמלט זיין עשירות.

ער פלעגט דעם אָמברעלאַ אויפהענגען אין א ווינקל פון א סאַלון און יעדער איינער, וואָס האָט געדאַרפט מאַיק'ס א טובה האָט שוין גע־וואוסט, אַז פריער פון אַלץ דאַרף ער קומען אין סאַלון און אין דעם

אמברעלא אריינוואָרפן פיינע עטלעכע אסיגנאציעס.

מאיק פלעגט אזוי נאָכדעם די גרעפט אויפקלייבן ניט דירעקט פון די וואָס האָבן די גרעפט געצאָלט, נאָר פון דעם אמברעלא וואו מען פלעגט עס פאַר אים איבערלאָזן.

דער דאָזיגער „אמברעלא מאיק" האָט אזוי פאַר זיך געשאַפן ניט קיין גראָשן, נאָר א גאַנץ היבשן פארמעגן.

אין איינער פון די אָנקלאָגן, וואָס זיינען געגן אים אמאָל געווען אין די געריכטן האָט איינער פון די עדות געשוואוירן, אז פאַר אריינ־שטעלן ביי זיך א „סוויטשבאָארד" האָט ער מאיק'ן געמוזט געבן א גרעפטל פון דריי טויזנט דאָלאַר.

א צווייטער פון די עדות האָט געשוואוירן, אז ער האָט מאיק'ן געמוזט איינצאָלן א גרעפט פון צוואַנציג טויזנט דאָלאַר, כדי מאיק זאָל אים פארהיטן, אז עס זאָל ביי אים ניט זיין קיין סטרייק.

און מאיק איז דערביי ניט געווען איבערקלייבעריש.

געווען עדות, וואָס האָבן דערציילט, אז אפילו אין א טשוירטש, א קירך, האָט מען אים אויך געמוזט צאָלן גרעפט פאַר א דערלויבעניש איינצושטעלן דאָרט א געוויסע נייע עלעקטרישע איינאָרדענונג.

אין 1924, ווען זיין לאָקאַל האָט געדאַרפט דורכפירן וואלן האָט זיך געגן „אמברעלא מאיק" אויפגעהויבן א שטיקל רעוואָלט.

דער רעזולטאַט איז אָבער געווען, אז צוויי פון זיינע געגנער זיינען דער'הרג'עט געוואָרן און פיר האָט מען פארוואונדעט.

די יוניאָנס פון דער בוי־אינדוסטריע זיינען כמעט אין אלע גרע־סערע שטעט געשטראָפט געוואָרן מיט רעקעטירס.

למשל, אין סאַן פראַנציסקאָ האָט אין די יוניאָנס פון דער בוי־אינ־דוסטריע א לאַנגע צייט געהערשט דער רעקעטיר „פּין הער" פּעטריק הענרי מעקארטי.

אין 1909 האָט ער אפילו אויך באוויזן צו ווערן א מעיאָר.

ער איז געשטאָרבן אין 1933.

די ממשלה פון ראָבערט פּ. ברינדעל

איינער פון די סאַמע גרויסע רויבער און שווינדלער אין דער בוי־אינדוסטריע איז געווען ראָבערט פּ. ברינדעל,

ער האָט געקעניגט איבער די ניו־יאָרקער יוניאָנס פון דער בוי־אינדוסטריע. זיין קעניגרייך האָט ער אָנגעהאַלטן פון 1915 ביז 1920.

ברינדעל האָט זיינע רויב און גרעפט געשעפטן אָנגעפירט מיט אַזאַ ברייטן פאַרנעם, אַז אין פאַרגלייך צו אים איז שוין דער פריער־דערמאָנטער סעם פּאַרקס געווען אַ „פּינאַטס"־רעקעטיר.

די געשעפטן פון ראָבערט פּ. ברינדעל זיינען געווען אַזעלכע, אַז ער האָט פאַרקויפט סטרייקס, פאַרקויפט אינשורענס (פאַרזיכערונגען) צו באַלעבאַטים, אַז ביי זיי וועלן ניט דערקלערט ווערן קיין סטרייקס. ער איז געווען דער וואָס האָט באַשטימט וועלכער בוי־קאָנטראַקטאָר זאָל קריגן דעם אָדער יענעם קאָנטראַקט אויף אַרבעט.

קיין קאָנטראַקט איז ניט געשלאָסן געוואָרן אָן אַ פעטער סומע גרעפט.

פאַר אַ קאָנטראַקט פון פערציג מיליאָן דאָלער אַרבעט, וואָס די פירמע טאָד, אייראָן און ראָבערטסאָן האָט געהאַט אויף די קונאַרד דאָקס האָט מען ברינדעל'ן געמוזט איינצאָלן אַ גרעפט פון פופציג טויזנט דאָלער. דאָס האָט געהייסן אַ „פּרעמיום" פאַר אַ פאַרזיכערונג, אַז די פירמע וועט ביי זיך ניט האָבן קיין סטרייקס און אַז איר אַרבעט וועט פון קיינעם ניט געשטערט ווערן.

ברינדעל האָט אָפט אַפילו דיקטירט, אַז געוויסע פירמעס זאָלן איי־ניגע פון זיינע פריינט אַריינגעמען פאַר שותפים.

ער און אַ גרופּע באַסעס פון דער בוי־אינדוסטריע האָבן צוזאַמען געשאַפן און אָנגעהאַלטן אַ מאָנאָפּאָל אויף בוי־מאַטעריאַלן.

זיין מאַכט איז דערביי געווען אַזוי שטאַרק, אַז ווען, למשל, די מאָנסאָן סטימשיפּ קאָמפּאַני האָט אָן זיין גוט־הייסונג געוואָלט פאַר־קויפן 1,200 טאָן זאַמד, וואָס זי האָט געבראַכט קיין ניו־יאָרק האָט קיי־נער ניט געוואַגט די זאַמד צו קויפן.

ווען די קאָמפּאַני האָט נאָכדעם שוין געוואָלט אַוועקגעבן די זאַמד אינגאַנצן אומזיסט, אַבי מען זאָל עס פון איר צונעמען האָט עס דעמאָלט אויך קיינער ניט געוואַגט אָנצונעמען.

אַזוי איז דאָס געווען, ווען פאַר ערגערער זאַמד האָט מען אין ניו־יאָרק געצאָלט צוויי און אַ האַלב דאָלער פאַר אַ טאָן און עס איז נאָך געווען שווער צו קריגן.

די מאָנסאָן סטימשיפּ קאָמפּאַני האָט נאָכדעם געמוזט באַצאָלן

2,400 דאָלער פאַר „דאַמפּן” (ארויסשיטן) איר זאַמד אין ים אריין אבי דערפון פטור צו ווערן.

א צאָל פון זיינע ביזנעס־אגענטן האָט מען לויט זיינע באַפעלן געמוזט האַלטן אויף די לוין־צעטלען פון באַסעס און זיי דאָרט צאָלן רעגולערע שכירות. ער האָט געריסן גרעפּט ניט נאָר פאַר זיך, נאָר אויך פאַר זיי.

ער האָט זיך אַליין „דערוויילט” אויף זיין גאַנצן לעבן צו זיין דער פּרעזידענט פון דעם ניו־יאָרקער דיסטריקט קאָונסיל פון די בוי־אַרבעטער.

פאַרשטייט זיך, אַז ער איז אויך געווען א יחסן ביי טעמעני.

דער ניו־יאָרקער מעיאָר האילאַן פון יענער צייט האָט ברינדעל׳ן אפילו אויך געהאַט באַשטימט צו זיין א מיטגליד פון זיין סיטי האוזינג קאָמישאַן.

אין 1920 האָט די לאַקוואוד־קאָמיטע פון דער ניו־יאָרקער סטעיט־רעגירונג אונטערזוכט די געשעפטן פון דער בוי־אינדוסטריע און ברינדעל איז ענדלעך אינדאַיטעד געוואָרן. ער און א צאָל פון זיינע מיטהעלפער זיינען פאַר זייערע רעקעטיר־געשעפטן געשטעלט געוואָרן אונטער שווערע קלאַגן.

האָט די ברינדעל־קאָמאַנדע ארויפגעלייגט אויף יעדן בוי־אַרבעטער א שטייער פון צען דאָלער אויף אָנצופירן ברינדעל׳ס פאַרטיידיגונג.

ער איז אָבער נאָכדעם דאָך פאַר׳משפּט געוואָרן אויף פינף ביז צען יאָר טורמע.

זיינע מיטהעלפער, די ביזנעס־אגענטן פּיטער סטענדמולער און דזשאָזעף מאָרען האָבן געקראָגן א שטראָף פון זעקס חדשים ביז דריי יאָר טורמע. צוויי אַנדערע ביזנעס־אגענטן, וויליאַם ל. דאָרען און וויליאַם ה. טשאַפּמאַן האָבן געקראָגן פון דריי חדשים ביז דריי יאָר טורמע.

אייניגע פון די באַסעס פון דער בוי־אינדוסטריע, וואָס זיינען געווען שותפים אין ברינדעל׳ס רעקעטיר־געשעפטן האָט מען אויך באַשטראָפט מיט טורמע.

אין 1924 האָט מען ברינדעל׳ן ארויסגעלאָזט אויף פּאַראָל, נאָר מיט א תנאי, אַז ער זאָל מער ניט זיין קיין יוניאָן־באַאַמטער.

ווען מען האָט אים באַפרייט אויף פּאַראָל האָט ער אַליין זיך באַרימט, אַז אין די עטלעכע יאָר, וואָס ער האָט געקעניגט אַלס רעקעטיר האָט ער פאַר זיך געשאַפן א פאַרמעגן פון צוויי מיליאָן דאָלער.

אין יאנואר 1927 איז ער געשטאָרבן, נאָר דעם פארמעגן האָט ער מיט זיך ניט מיטגענומען.

בראַנדעל — דער יורש פון ברינדעל'ן

די יוניאָנס פון דער בוי־אינדוסטריע זיינען אָבער שטענדיג געווען אזוי שלים־מזלדיג, אז זיי זיינען קיינמאָל אָן קיין רעקעטירס ניט געבליבן.

ווען ראָבערט פּ. ברינדעל איז אין דעם ניו־יאָרקער דיסטריקט אראָפּ פון דער סצענע איז אויף זיין טראָן ארויף טעאָדאָר בראַנדעל. נאָר די הויפּט־שטאָט פון זיין קעניגרייך איז געווען אין ניו־דזשוירזי.

דער אמת איז אפילו, אז „בימי בראַנדעל", אין דער צייט ווען בראַנדעל איז געוואָרן דער „קעניג" האָט שוין דער רעקעטיר דזשאָזעף ס. פעי זיך אויך אָנגעהויבן ווייזן אויף דער סצענע. אָבער דער הויפּט־הערשער איז אין יענער צייט געוואָרן בראַנדעל.

און אויף בראַנדעל'ן קאָן מען זאָגן ווי אויף אחשורורש'ן, אז ער האָט „געקעניגט" „מהודו ועד כוש", זיין מלוכה איז געווען אַן אַלזייטיגע. ער איז געווען אזא יוניאָן־הערשער, וואָס האָט זיינע מעשים געגן די אַרבעטער ניט געדאַרפט אָנפירן דורך פאַררעטערישע פּאַרהאַנדלונגען מיט אָנפירענדיגע באַאמטע פון אָרגאַניזירטע באָסעס. ווארום ער אליין איז סיי פאַקטיש און סיי אָפיצעל אין זיין דיסטריקט געווען דער הויפּט־באַאמטער פון די יוניאָנס און ער אליין איז אין דער זעלביגער צייט, סיי פאַקטיש און סיי אָפיציעל, געווען דער הויפּט־באַאמטער פון די באָסעס.

אין די יוניאָנס פון די בוי־אַרבעטער איז טעאָדאָר בראַנדעל געווען דער פּרעזידענט פון דעם בילדינג טרעידס קאונסיל פון האָדסאָן קאונטי, ניו דזשוירזי.

ביי די באַלעבאַטים פון דער בוי־אינדוסטריע אין ניו דזשוירזי איז ער אין דער זעלביגער צייט געווען דער דירעקטאָר פון זייערער אַן אַסאָסיעישאַן.

אין 1927 איז ער אויך געוואָרן דער דירעקטאָר פון דער „ניו דזשוירזי איראָן ליג".

דאָס איז געווען אַן אָרגאַניזאַציע פון גאָר גרויסע באָסעס, וואָס האָבן ארויסגעוויזן אַן אָפענע שנאה געגן יוניאָנס.

ער איז אויך געווען אַ דירעקטאָר פון אַן אָרגאַניזאַציע, וואָס האָט

זיך גערופן „סטראַקטשורעל ענד אָרנאַמענטאַל אײַראָן ביזנעס אָוו ניו־דזשוירזי".

בראַנדעל איז אַזוי געווען אַ באַאַמטער פון יוניאָנס און גלײַכצײַטיג אַ באַאַמטער פון אָרגאַניזאַציעס פון באָסעס, וואָס זײַנען שונאים פון יוניאָנס.

ער איז אויך געווען אַ באַנקיר און אַ פּאָליטישן; אַ נאָענטער חבר מיט פרענק העיג, וואָס איז אין יענער צייט געווען דער מעיאָר פון דזשוירזי סיטי.

זײַנע באַנק־געשעפטן האָט ער אָנגעפירט אין דער „לעיבאָר נע־שאַנאַל באַנק אָוו דזשוירזי סיטי", וואָס ער האָט אײַנגעשטעלט אין 1926. זיך אַליין האָט ער דאָרט באַשטימט פאַר אַ פּרעזידענט און זײַן פרײַנט דזשאַאי פעי האָט ער באַשטימט פאַר אַ דירעקטאָר.

בראַנדעל, דער קאָונסיל־פּרעזידענט פון די יוניאָנס פון די בוי־אַרבעטער איז אַליין אויך געווען דער באָס פון גרויסע ריעל עסטעיט גע־שעפטן, בוי־אונטערנעמונגען און אינשורענס.

איינע פון זײַנע פירמעס איז געווען די „בראַנליגראַן באָנדס ענד אינשורענס קאָמפּאַני".

ער אַליין האָט זי געשאַפן, איר געגעבן דעם נאָמען און זיך אַליין האָט ער באַשטימט אַלס איר פּרעזידענט.

איבער די בוי־אַרבעטער פון זײַן דיסטריקט האָט ער געהערשט ווי אַ טיראַן.

ער אַליין האָט אָפיציעל באַלאַנגט צום לאָקאַל 45 פון די אײַזן בוי־אַרבעטער. זײַן קאַריערע אַלס רעקעטיר האָט ער אָנגעהויבן אַלס ביזנעס־אַגענט פון דעם דאָזיגן לאָקאַל.

איז ווען עמיצער האָט דאָרט אַמאָל געוואַגט צו שטעלן זיך געגן אים איז דער דאָזיגער אַרבעטער געוואָרן ברוטאַל.

דער גענעראַל פּרעזידענט פון דער אײַזן בוי־אַרבעטער יוניאָן איז געווען פּי. דזש. מאָרין און צו אים האָט מען געגן בראַנדעל'ס האַנדלונ־גען זיך ניט געקאָנט באַקלאָגן.

מאָרין איז פריער אַליין אַ געוויסע צייט געווען „אויף קעסט" אין דער לעווענוואָרט טורמע און ער האָט זייער שטאַרק געהאַלטן פון בראַנדעל'ן.

אין 1932 האָט זיך צווישן די מיטגלידער פון בראַנדעל'ס לאָקאַל

45 דאָך דערפילט אַ שטימונג פון רעוואָלט.

האָט מאַרין אין יענער צייט ביי אַ קאָנווענשאָן פון דער יוניאָן זיך צעליאַרעמט און געשריגן, אַז „ראַדיקאַלן העצן צו אַ בונט אין די יוניאָן־לאָקאַלן פון ניו דזשוירזי".

בראַנדעל'ס כוח איז נאָכדעם אין זעלביגן יאָר געשלאָגן געוואָרן ווען ער האָט זיך צעריסן מיט זיין פריינט דעם מעיאָר העיג. העיג האָט געפאָדערט, אַז בראַנדעל זאָל צוריקרופן אַ סטרייק, וואָס ער האָט געהאַט דערקלערט אויף דער „פּאַלאַסקי סקאַיוועי" און בראַנדעל האָט עס ניט געוואָלט. האָט צווישן זיי דעמאָלט אויסגעבראָכן אַ קריג און דאָס האָט בראַנדעל'ס ממשלה שטאַרק צעשלאָגן.

אין מערץ 1933 איז בראַנדעל געקומען צו אַ שלום, אַז פאַר אים וועט שוין אפשר זיין בעסער ער זאָל זיך אַליין אינגאַנצן צוריקציען פון דער יוניאָן.

האָט ער דעמאָלט ביי זיך אין לאָקאַל אַריינגעגעבן אַ רעזיגנאַציע.

און אינטערעסאַנט איז געווען, אַז ווען אַן אָפּשטימונג צי מען זאָל זיין רעזיגנאַציע אָננעמען האָבן 359 מיטגלידער פון זיין לאָקאַל געשטימט פאַר אָננעמען און בלויז איינער האָט געשטימט קעגן.

פּעטריק דזש. קאָמערפאָרד

אין דער בושוואַניע, וואָס די רעקעטירס האָבן אָנגעפירט אין דער בוי־אינדוסטריע פון ניו־יאָרק און ניו דזשוירזי האָט עס אויסגעזען, אַז דאָ, אויף ביידע זייטן פון דעם האָדסאָן ריווער, גייט צווישן זיי אָן אַ פאַרמעסט.

די וואָס האָבן זיך געפונען אויף דער ניו־יאָרקער זייט פון דעם האָדסאָן ריווער האָבן געזוכט אַריבערצושטייגן די רויב און שווינדל געשעפטן פון זייערע קאָלעגן אין ניו דזשוירזי און דאָס זעלביגע פאַרקערט.

אָבער מיט די הויפּט־ראָלן, זעט עס אויס, האָבן זיי זיך אין יענער צייט געביטן.

צוערשט האָט די הויפּט־ראָלע איבערגענומען ראָבערט פּ. ברינדעל, אויף דער ניו־יאָרקער זייט פון דעם ריווער.

נאָך ברינדעל'ן איז די הויפּט־ראָלע אַריבער צו טעאָדאָר בראַנדעל, אויף דער ניו דזשוירזיער זייט פון דעם ריווער.

נאָכדעם איז דער סטאַר פון דער העסלעכער רעקעטירינג־שפּיל גע־

וואָרן פּיטער דזש. קאַמערפאָרד, און ווידער אויף דער ניו־יאָרקער זייט פון דעם ריווער.

נאָך אים איז שוין די הויפּט־ראָלע געבליבן פאַר דזשאַאי פּעי. צוערשט אויף דער דזשוירזיער זייט פון דעם האַדסאָן ריווער. נאָכדעם אויך אויף דער ניו יאָרקער זייט.

ווי גרויס איז געווען די ראָלע פון פּעטריק דזש. קאַמערפאָרד?

ווען אים איז באַוואוסט, אַז איידער ער איז אַריין אין די יוניאָן־ביזנעס איז ער געווען אַ פּרייז־פּאַיטער, אַ קולאָקן־העלד, וואָס פּלעגט זיין פּרנסה מאַכן פון פּראָפעסיאָנעלע פּאַרמעסטונגען מיטן קולאַק.

צי די פּרנסה פון זיינע קולאָקן־ביזנעס איז געווען גרויס גענוג איז געווען ניט באַוואוסט. אָבער ווען ער איז אַריין אין די יוניאָן־ביזנעס, ווייסט מען, אַז דאָ האָט ער געריסן „פּרנסה" פון אַלע זייטן.

זיין קאַריערע אַלס „לעיבאָר"־רעקעטיר האָט ער אָנגעהויבן אַלס הערשער פון אַ לאָקאַל פון דער אָפּערעיטינג אינדזשינירס יוניאָן.

און אָנגעהויבן האָט ער דאָס גלייך מיט דער הילף פון נומענע און בלייענע רערן. ווען מיטגלידער פון דעם לאָקאַל פּלעגן זאָגן אַ וואָרט נעגן זיינע האַנדלונגען פּלעגט מען דערפאַר שפּאַלטן קעפּ. באַלעבאַטים פּלעגן קריגן באַפעלן צו וואַרפן אַזוינע אַרבעטער פון דער אַרבעט און צו מאַכן זיי ברויטלאָז.

קאַמערפאָרד איז אָבער ניט געבליבן קיין הערשער בלויז פון אַ לאָקאַל, נאָר ער איז אויך געוואָרן אַ וויצע־פּרעזידענט אין דעם דיסטריקט קאָונסיל פון די בוי־אַרבעטער יוניאָנס אין ניו־יאָרק און אויך פון דער ניו־יאָרקער סטעיט פעדערעישאָן אָוו לעיבאָר.

און אינטערעסאַנט איז מיט אים געווען אָט וואָס:

ווען ער, דער דאָזיגער פּעטריק דזש. קאַמערפאָרד, איז שוין געווען באַוואוסט אַלס רעקעטיר האָט אים דער גענעראַל פּרעזידענט האַדעל פון דער אָפּערעיטינג אינדזשינירס יוניאָן באַשטימט צו ווערן אַ „סופּערוואַי־זער", אַן אַליין־הערשער אין דעם לאָקאַל 403 פון דער דאָזיגער יוניאָן, כדי דאָרט צו באַקעמפן גרעפט און רעקעטירינג.

פאַרשטייט זיך, אַז אַ סך מענטשן, וואָס האָבן געוואוסט, אַז קאַ־מערפאָרד איז אַליין אַ גרויסער גרעפטער האָבן דאָס ניט געקאָנט פאַר־שטיין.

אָבער אין 1931 איז דער גענעראַל פּרעזידענט האַדעל דערמאָרדעט

געוואָרן און דאָס אַליין האָט טיילווייז אויך געגעבן דעם ענטפער פאַר־וואָס דוקא אַזאַ רעקעטיר ווי קאַמערפאָרד האָט פון אים געקאָנט באַ־שטימט ווערן פאַר אַ „סופּערוואַיזער" צו באַקעמפן רעקעטירינג.

ווי אַזוי קאַמערפאָרד האָט אין דעם לאָקאַל 403 געקעמפט געגן רע־קעטירינג האָט מען זייער שנעל געקאָנט זען פון פאָלגענדע האַנדלונגען.

אַזוי שנעל ווי ער איז געוואָרן דער אַליין־הערשער פון לאָקאַל האָט ער די דיוס־צאָלונגען פון די דאָרטיגע מיטגלידער געהעכערט פון פיר און אַ האַלב דאָלער אַ חודש אויף זעקס און אַ האַלב.

זיינע אייגענע אָפיציעלע שכירות (אחוץ פאַרשידענע רויבערייען) האָט ער געהעכערט פון 150 אויף 200 דאָלער אַ וואָך.

25 פון די מיטגלידער פון לאָקאַל, וואָס האָבן פּראָטעסטירט געגן דעם, וואָס ער איז געוואָרן זייער הערשער זיינען פון אים אויסגעשלאָסן געוואָרן פון דער יוניאָן.

נאָך דער אויסשליסונג פון דער יוניאָן זיינען זיי אויך אויסגעשלאָסן געוואָרן פון דער אַרבעט.

האָבן די אויסגעשלאָסענע אַריינגעגעבן אַ קלאַגע אין געריכט און געפאָדערט מען זאָל זיי צוריק אַריינגעמען אין זייער לאָקאַל 403.

האָבן די גענעראַלן פון דער יוניאָן דעם לאָקאַל 403 אינגאַנצן אויפ־געלייזט און אויף זיין אָרט באַשטימט אַ לאָקאַל 125.

אָבער אין מערץ 1932 האָבן 630 מיטגלידער פון דעם דאָזיגן לאָ־קאַל ווידער אַריינגעגעבן אַ קלאַגע אין געריכט. דאָס מאָל איז די פאָדע־רונג געווען, אַז קאַמערפאָרד זאָל צושטעלן אַ גענויען באַריכט, וואָס זאָל ווייזן אויף וואָס ער האָט פאַרטאַכלעוועט אַ ריזיגע סומע געלט, וואָס איז געווען אין לאָקאַל און די הויכע שטייער־צאָלונגען, וואָס ער האָט געריסן פון די מיטגלידער.

האָט קאַמערפאָרד די 630 מיטגלידער דערקלערט אַלס „ראַדיקאַלן" און „קאָמוניסטן". מיט דער הילף פון די באָסעס האָט ער זיך גענומען יעדן איינציגן פון זיי צו פאַרפאָלגן. זייער לאָיער האָט מען געוואָרנט, אַז ער וועט ליגן אויפן גרונט פון דעם ריווער.

אין יוני 1932 האָט דער ריכטער ע. ל. האַמער אַרויסגעגעבן אַן אַנטשיידונג געגן קאַמערפאָרד'ס הערשאַפט אין דעם לאָקאַל 125.

זיין אַנטשיידונג איז געווען מען זאָל אין לאָקאַל 125 דורכפירן וואַלן פאַר באַאַמטע.

האָט מען די וואַלן דורכגעפירט און די קאַמערפאָרד־גענג האָט מען נידערגעשטימט.

דער גענעראַל־פּרעזידענט האַדעל, וואָס האָט פּריער קאַמערפאָרד׳ן געהאַט באַשטימט פאַר אַ „סופּערוואַיזער" איז שוין דעמאָלט געווען אַ דערמאָרדעטער. דער פּרעזידענט פון דער יוניאָן איז שוין דעמאָלט גע־ווען דזשאָן פּאַסעל.

האָט ער געכאַפּט און דעם לאָקאַל 125 וואו מען האָט די קאַמער־פּאָרד־גענג נידערגעשטימט האָט ער אויך אויפגעלייזט פּונקט ווי מען האָט עס פּריער געטאָן מיט דעם לאָקאַל 403. אויפן אָרט פון דעם לאָקאַל 125 האָט פּאַסעל באַשטימט אַ לאָקאַל 130 מיט קאַמערפאָרד׳ן ווידער אַלס „סופּערוואַיזער".

זיין מזל האָט זיך אָבער אָנגעהויבן אָפּקערן ווען דער דעמאָלט־דיגער פעדעראַלער דיסטריקט אַטוירני דזשאָרדזש ז. מעדאַליע האָט אים אָנגעקלאָגט און געשטעלט צו אַ משפּט פאַר ניט דערצאָלן 63,961 דאָ־לער אַלס איינקונפט־שטייער.

ביים פאַרהער וועגן דער דאָזיגער אָנקלאַגע האָט מען אויך געקראָגן אַ גרעסער בילד, וואָס האָט געוויזן ווי אַזוי קאַמערפאָרד האָט געפירט זיינע רעקעטיר־געשעפטן.

איין פירמע, די „יונאַיטעד האָיסטינג קאָמפּאַני" האָט עדות געזאָגט, אַז זי האָט קאַמערפאָרד׳ן רעגולער געצאָלט (אַלס גרעפט) 50 דאָלער אַ וואָך אין 1929 און 75 דאָלער אַ וואָך אין 1930 און אין 1931.

די „קאַרלטאָן האָיסטינג קאָמפּאַני" האָט עדות געזאָגט, אַז זי האָט אים געצאָלט 25 דאָלער אַ וואָך אין 1927 און 50 דאָלער אַ וואָך אין 1928 און אין 1929.

די דאָזיגע ביידע פירמעס האָבן אים די רעגולערע גרעפט געצאָלט פאַר דעם רעכט צו באַשעפטיגן אַזוינע אַרבעט, וואָס זיינען ניט קיין יוניאָן־מיטגלידער.

אַנדערע פירמעס האָבן דערציילט וועגן גרעפט־צאָלונגען אין גרע־סערע סומען, נאָר ניט קיין רעגולערע.

למשל, די „דזשענעראַל קאָנסטראָקשאָן קאָמפּאַני" האָט דערציילט, אַז קאַמערפאָרד האָט פון איר געקראָגן אַ גרעפט פון דריטהאַלבן טויזנט דאָלער. די ר. דזש. מוירפי קאָמפּאַני האָט עדות געזאָגט, אַז זי האָט אים געגעבן פינף טויזנט דאָלער. די פּ. דזש. קאַרלין קאָמפּאַני האָט אויך

געגעבן פינף טויזנט דאָלער. די וו. פּ. געגעהעם קאָמפּאַני האָט עדות געזאָגט, אַז זי האָט געגעבן זיבן טויזנט דאָלער.

דער פאַרהער האָט געוויזן, אַז אויף נעמען גרעפט האָט קאָמער־פּאָרד ניט גענוצט קיין „דיסקרימינאַציעס". ער האָט גענומען גרעפט ניט נאָר פון באָסעס, נאָר אויך פון אַרבעטער און אפילו פון ביזנעס־אַגענטן און פון לאָקאַלע יוניאָנס.

למשל, די ביזנעס־אַגענטן אַנדזשעלאָ ווירגאָ און לוטשיאַנאָ אַברוזאָ האָבן עדות געזאָגט, אַז קאָמערפאָרד האָט פון יעדן איינעם פון זיי גע־קראָגן צו 500 דאָלער גרעפט.

און דאָס האָט ער געפאָדערט און געקראָגן פאַר דעם, וואָס זייער לאָקאַל 706 פון דער האָד קעריערס יוניאָן, וואָס איז אַ יוניאָן פון דער בוי־אינדוסטריע, האָט געקראָגן דאָס רעכט אַריינצוטרעטן אין דעם דיס־טריקט קאָונסיל פון די ניו־יאָרקער בוי־אַרבעטער יוניאָנס.

קאָמערפאָרד איז ביי יענעם משפּט באַשטראָפט געוואָרן צו גיין אויף אַ יאָר מיט אַ טאָג אין טורמע און דערמיט האָט זיך זיין ממשלה פאַרענדיגט.

אויף ביידע זייטן פון האָדסאָן

דער רעקעטיר דזשאָזעף ס. פעי איז אין די רויב און שווינדל גע־שעפטן אַריין נאָך אַ סך פריער ווי טעאָדאָר בראַנדעל. אָבער זיין הויפּט ראָלע אין ניו דזשוירזי האָט פעי אָנגעהויבן שפּילן נאָכדעם ווי בראַנדעל איז אַראָפּ פון דער סצענע און אויף דער ניו־יאָרקער זייט פון דעם האָדסאָן ריווער האָט זיך זיין ראָלע אָנגעהויבן נאָכדעם ווי קאָמערפאָרד איז פאַרשפּאַרט געוואָרן אין דער טורמע פון אַטלאַנטאַ, דזשאָרדזשיע.

אין די יוניאָן־ביזנעס איז פעי אָפיציעל אַריין אין 1921, ווען ער איז געוואָרן אַ ביזנעס־אַגענט פון דעם אָפּערעיטינג אינדזשינירס לאָקאַל 825 אין נוארק ניו דזשוירזי. אין רעקעטירינג־געשעפטן איז ער אָבער אַריין נאָך מיט יאָרן פריער.

זיינע ערשטע שריט אַלס רעקעטיר האָט ער געמאַכט דורך געמב־לינג מיט דאַיס און דורך פּאַזירן אין די פּראָהיבישאָן־יאָרן (ווען דער האַנדל מיט בראָנפן און ביר איז געווען פאַרבאָטן) אַלס אַ פּראָהיבישאָן־אַגענט פון דער רעגירונג, כדי אַרויסצופּרעסן גרעפט פון די אייגנטימער פון געהיימע שענקען.

אין דער בוי־אינדוסטריע איז דזשאָזעף פּעי געגאַנגען אויף די וועגן, וואָס זיין גוטער פריינט טעאָדאָר בראַנדעל האָט פאַר אים פריער אָנגעצייכנט. נאָר אין איינע פּרטים האָט ער נאָך אריבערגעשטיגן בראַנדעל׳ן.

ביי די אַרבעטער איז ער געווען אַ יוניאָן־באַאַמטער און ביי די באַסעס איז ער אַליין אויך געווען איינער פון די סאַמע גרעסטע אונטערנעמער און אָנפירער פון געשעפט.

אין דעם לאָקאַל 825 וואו ער איז אין 1921 געוואָרן דער ביזנעס־אַגענט האָט ער אין 1927 איינגאַנצן אָפּגעשאַפט די סיסטעם פון וואַלן פאַר זיין אַמט און ער האָט זיך אַליין באַשטימט פאַר אַ ביזנעס־אַגענט אויף זיין גאַנצן לעבן.

דזשאָן פּאָסעל, דער גענעראַל פּרעזידענט פון דער אָפּערעיטינג אינזשינירס יוניאָן האָט פּעי׳ן אויך באַשטימט פאַר זיינעם אַ וויצע־פּרעזידענט.

ווען טעאָדאָר בראַנדעל איז אַראָפּ פון זיין בענקל איז פּעי געוואָרן דער הערשער איבער אַלע בוי־אַרבעטער יוניאָנס פון ניו דזשוירזי.

מיט פּאָסעל׳ס הילף האָט ער אין 1935 אויך אריינגעשטעלט אַ פוס אין ניו יאָרק.

די מיטגלידער פון דעם ניו יאָרקער לאָקאַל 125, ביי וועלכן פּאָסעל האָט געהאַט אוועקגענומען דעם טשאַרטער נאָכדעם ווי די קאַמערפאָרד־גענג איז דאָרט דורכגעפאַלן, האָבן דורך זייער קאַמף אין געריכט געקראָגן אַן אָנטשיידונג, אַז דער טשאַרטער זאָל זיי צוריק געגעבן ווערן.

האָבן זיי דעם טשאַרטער צוריק געקראָגן ערשט אין 1935. אָבער פּאָסעל האָט צו זיי אריינגעשיקט דעם דזשאָ פּעי, אַז ער זאָל דאָרט זיין דער „סופּערוואיזער” און הערשער פון דעם לאָקאַל.

פּעי האָט פאַר זיך אויך אָרגאַניזירט אַ „דזשאָזעף ס. פּעי אַסאָסיעישאָן”.

אין נאָמען פון דער דאָזיגער אַסאָסיעישאָן האָט ער ביי זיך איינגעאָרדנט אַ שטענדיגן קלוב און אַ שענק.

דער קלוב און דער שענק זיינען געווען אין דער זעלביגער געביידע וואו ער האָט געהאַט זיין יוניאָן־אָפיס פון דעם נואַרקער לאָקאַל 825.

ער האָט ביי זיך אָרגאַניזירט אויך אַ „דזשאָזעף ס. פּעי טרעוועל אַסאָסיעישאָן”.

אחוץ דעם האָט ער פאַר זיך אין דער בוי־אינדוסטריע געשאַפן גרויסע ביזנעס.

ער איז געווען דער הויפּט מאַכער אין דער „לעיבאָר נעשאַנאַל באַנק", וואָס בראַנדעל און ער האָבן געהאַט איינגעשטעלט אין דזשוירסי סיטי.

ער איז געוואָרן דער באָס פון איינינע גרויסע פירמעס פון בוי־מאַטעריאַלן און פון בוי־אַרבעט.

איינע פון זיי האָט ער געקרוינט מיטן נאָמען „אינטערנעשאַנאַל עקסקעיוועיטינג קאָמפּאַני". אַ צווייטע איז געווען די „אינטערנעשאַנאַל האָיסטינג קאָמפּאַני".

זיינע אייגענע פירמעס האָבן באַשעפטיגט אַ סך אַרבעטער, וואָס האָבן געדאַרפט זיין מיטגלידער פון זיין אייגענער יוניאָן.

ער אַליין איז אויך געוואָרן דער באָס פון אַ צאָל טראָקינג־קאָמפּאַניס. גרעפּט האָט ער פאַר זיך געריסן פון אַלע זייטן.

אין זיין לאָקאַל 825 האָט מען פאַר אים אַלע יאָר געמוזט קויפן אַ נייעם קאַדילאַק־אויטאָמאָביל. מען האָט אָנגעהאַלטן אַ שאופער אויף טרייבן זיין אויטאָמאָביל. פעי'ן איז ניט אָנגעשטאַנען צו זיין אַליין דער טרייבער.

זיין לאָקאַל האָט קיינמאָל ניט געהאַט מער ווי פון 300 ביז 400 מיטגלידער. אַרבעט איז אין דעם פאַך אָפט געווען פאַר אַ סך מער אַרבעטער. פלעגט פעי שיקן אויף אַרבעט אויך אַזוינע, וואָס זיינען ניט קיין יוניאָן־מיטגלידער, נאָר ער פלעגט פון זיי רייסן אַ גרויסן אָפּצאָל פאַר דערלויבענישן („פּערמיטס") צו אַרבעטן.

קאָנטראַקטאָרס, וואָס האָבן אָנגענומען אַרבעט אויף בוי־אונטערנעמונגען האָבן געמוזט צאָלן אַ גרעפט פון צוויי אָדער דריי פּראָצענט פון דער סומע וואָס די באַשטעלונג אויף זייער אַרבעט האָט באַטראָפן.

ער און זיינע נאָענטע קאָלעגן האָבן זיך געבאָדן אין לוקסוס. מען האָט געפירט אַ ווילדן, הולטייסקן לעבן.

אין איין נאַכט האָט פעי אַמאָל אין אַ געמבלינג פּלאַץ אין אַטלאַנטיק סיטי פאַרהולטייעוועט פופציג טויזנט דאָלער.

ווען דער האַד קעריערס לאָקאַל 102 און זיין אָנפירער נאָרמאַן רעדוואוד האָבן אין 1937 זיך אַנטזאָגט אויסצופירן פעיס'ס אַ באַפעל און צוריקצורופן אַ סטרייק, וואָס דער לאָקאַל האָט אָנגעפירט ביי דער

בויאונג פון א טונעל, האט מען רעדוואוד'ן דערמארדעט. מען האט אים אפגעווארט לעבן זיין וואוינונג אין טינעק, ניו דזשוירזי און ווען ער איז אהין צוגעפארן מיט זיין אויטאמאביל האט מען אים דערשאסן.

אין 1940, ווען דוד דובינסקי און א דעלעגאציע פון דער פרויען קליידער ארבעטער יוניאן האבן ביי דער קאנווענשאן פון דער אמעריקען פעדערעישאן אוו לעיבאר, אין ניו ארלינס אריינגעבראכט א רעזאלוציע געגן רעקעטירינג, האט פעי דערפאר דובינסקי'ן אין שענק פון דעם דאר־טיגן רוזוועלט האטעל אנגעבראכן די ביינער.

ביי די פאליטישע הערשער פון ניו דזשוירזי און אויך פון ניו יארק איז פעי געווען דער גרעסטער יחסן.

ווען פעי איז אמאל צוריקגעקומען פון א רייזע אין איראפע האט מען ארויסגעשיקט א שיף מיט פריינט צו באגעגענען אים מיט א קבלת פנים נאך איידער ער קומט צום ברעג.

דער דעמאלטדיגער מעיאר פרענק העיג פון דזשוירזי סיטי האט געשיקט א פאליצייאישן ארקעסטער צו באגעגענען אים מיט מוזיק.

ערשט אין 1943 האט געפלאצט איינער פון זיינע גרעפט סקאנדאלן און עס איז אויף אים געקומען א צרה.

מען האט אים אנגעקלאגט פאר ארויספרעסן עטלעכע הונדערט טויזנט דאלער גרעפט ביי דער בויאונג פון דעם דעלעווער וואסער־פראיעקט.

א געריכט האט אים דעמאלט פאר'משפט אויף א יאר טורמע פאר פארשווערונג און אויף זיבן און א האלב ביז פופצן יאר פאר ארויס־פרעסן די גרעפט. דורך אפילס צו העכערע געריכטן איז ער געווען פריי ביז 1947, נאר אין 1947, ווען אלע אפילס זיינען צוריקגעוויזן געווארן, האט מען אים שוין אוועקגעפירט אין סינג־סינג טורמע.

זיין הערשאפט און זיינע רעקעטירינג געשעפטן האבן זיך אבער דעמאלט נאך אויך אינגאנצן ניט אפגעשטעלט.

אין זיין לאקאל 825 אין נוארק האט מען זיין פרוי אנא אוועקגע־שטעלט אויפן לוין־צעטל און איר געצאלט זעקס טויזנט דאלער א יאר. מען האט זי דערפאר געקרוינט מיטן נאמען „אדוואיזערין" (ראטגעבערין), כאטש זי האט ניט געהאט וואס צו „אדוואיזען". מען האט פאר איר געקויפט א נייעם אויטאמאביל צו קומען אמאל אין דער יוניאן, כאטש זי האט ניט געהאט צוליב וואס צו קומען.

די ביזנעס פון איינינע פון זיינע פירמעס וואָס ער האָט געשאַפן זיינען געבליבן אין גאַנג אויך נאָך דעם ווי ער איז אריין אין טורמע.

גרויסע פאָליטישנס האָבן אים דאָרט אָפט באַזוכט און שטענדיג געהאַלטן אין אַפּעלירן מען זאָל אים באַגנאַדיגן און באַפרייען.

אין זומער פון 1953, ווען די געשיכטע וועגן די דאָזיגע וויזיטן און אפילו האָט זיך צעקלונגען אין דער עפנטלעכקייט, האָט מען א סך גערעדט וועגן דעם, וואָס צווישן די, וואָס האָבן פאַר אים אַפּעלירט איז אויך געווען דער רעפּובליקאַנער גאָווערנאָר־קאַנדידאַט (פון 1953) פּאָל טראָסט.

מען האָט אָבער פאַרפעלט צו דערציילן, אַז דזשאָזעף ס. פעי האָט אויך געמאַכט א ריזיגן פּראָפיט ביי דער בויאונג פון דעם „דזשוירזי טוירנפּאַיק״ וואו פּאָל טראָסט איז דער פּאַרזיצער פון דער אויטאָריטי, וואָס האָט ארויסגעגעבן די קאָנטראַקטן פאַר דער ארבעט. פעי׳ס „אינטערנעשאָנאַל עקסקאַוועיטינג קאָמפּאַני״ האָט דאָרט געהאַט א סאַב־קאָנטראַקט אויף א גרויסן טייל פון דער ארבעט.

אין די בוי־פאַכן פון אַנדערע שטעט

ניו יאָרק און ניו דזשוירזי האָבן אָבער קיינמאָל ניט געהאַט קיין חזקה צו האָבן דוקא נאָר ביי זיך די גרויסע רעקעטירס פון דער בוי־אינדוסטריע. אַנדערע שטאָטן האָבן ביי זיך אויך געהאַט אַזוינע „העלדן״.

אין שיקאַגאָ וואו די בוי־אינדוסטריע איז פריער „באַגליקט״ געוואָרן מיט א „סקיני״ מעידען און נאָכדעם מיט אַן „אַברעלאַ מאַיק״ זיינען זיי אויך ניט געבליבן די איינציגע רעקעטירס.

דאָרטן האָבן אויך גאַנץ ברייט געבושעוועט א קאָפּאַנע גענג און א צאָל אַנדערע מערדער־באַנדעס.

ביי דער ארבעט פון דעם אַטאָמישן בוי־פּראָיעקט אין דזשאָפּאַ, איל־לינאָי, זיינען אין 1952 און אין 1953 פאָרגעקומען 61 סטרייקס.

פאַרוואָס אַזוי פיל סטרייקס?

האָט א נאַציאָנאַלע קאָנפערענץ פון בוי־ארבעטער יוניאָנס אין סעפּטעמבער 1953 אין סט. לואיס פעסטגעשטעלט, אַז די סטרייקס זיינען דאָרט ניט געפירט געוואָרן צוליב בעסערע ארבעט־באַדינגונגען.

א באריכט פון דער קאָנפערענץ האָט געזאָגט, אַז אַן אונטערזוכונג, וואָס פירער פון דער אַמעריקען פעדערעישאַן אָוו לעיבאָר האָבן דורכגעפירט האָט פאַר זיי באַוויזן, אַז די אַפּטע סטרייקס אויפן פּראָיעקט זיינען אין אַ גרויסער מאָס געווען אַ רעזולטאַט פון רעקעטירינג.

אין די לאָקאַלע יוניאָנס, וואָס האָבן קאָנטראָלירט די אַרבעט אויפן פּראָיעקט, האָט דער באַריכט געזאָגט, האָבן זיך אַריינגעריסן רעקעטירס און אין שותפות מיט געוויסע באַאַמטע פון די דאָרטיגע יוניאָנס האָבן זיי אָנגעפירט געשעפטן פון בראָנפן, געמבלינג און אפילו אויך פּראָסטיטוציע.

דער אַטאָמישער בוי־פּראָיעקט און די גרויסע צאָל אַרבעטער, וואָס זיינען אַהין אַרויף צו דער אַרבעט האָבן די רעקעטירס גענוצט אַלס מאַרק פאַר זייערע העסלעכע געשעפטן.

רעקעטירס האָבן פאַר זיך געשאַפן אַ גרויסן מאַרק אויך אין דער בוי־אינדוסטריע אין סעינט לואיס.

דעם 15טן מאַי 1953 האָט אַ גרענד דזשורי אין סט. לואיס אַרויסגעגעבן אינדאַיטמענטס (אָנקלאַגן) געגן צוועלף יוניאַן־באַאַמטע פון דער בוי־אינדוסטריע. אַלע צוועלף האָט מען באַשולדיגט, אַז זיי זיינען אָנפירער פון גרויסע רעקעט־קאָמבינאַציעס און אונטערוועלט־געשעפטן אין סט. לואיס און אין שטעט פון אַנדערע שטאַטן פון לאַנד.

איינער פון די אָנגעקלאָגטע איז געווען לאָרענס קעלענען, וואָס איז אין סט. לואיס דער באָס פון דער סטימפיטערס יוניאָן און וואָס איז פריער געהאַלטן געוואָרן אויף קעסט אין טורמע פאַר אַזא „הייליגער אַקציע״ ווי באַוואָפנטע רויבעריי.

זיין יוניאָן־אַפיס און די היים פון זיין ברודער, דער געוועזענער שעריף טאָמאַס קעלענען, האָט מען מיט אַ צייט פריער געהאַט צעשאָסן מיט באָמבעס. ווער עס האָט געשאָסן ווייסט מען ניט, נאָר קלאָר איז, אַז געווען איז עס אַלס רעזולטאַט פון אַפּטע מלחמות צווישן די רעקעטירס.

צווישן די 11 אָנגעקלאָגטע איז אויך געווען פּאָול הולעהען, אַ ביזנעס־אַגענט פון דער בילדינג־לעיבאָרערס יוניאָן. ער האָט שוין געגן זיך פריער געהאַט 23 קלאָגן פון רעקעטירינג.

איינע פון די סאַמע לעצטע קלאָגן געגן אים איז געווען, אַז אויף אַ בוי־פּראָיעקט האָט ער געזוכט אַרויסצופּרעסן פאַר זיך אַ גרעפּטל פון פופציג טויזנט דאָלאַר.

צוויי וואָס זיינען געשטאַנען אויפן צעטל פון דער גרענד דזשורי און וועלכע מען האָט געצאָלט אינדאַיטן צוזאַמען מיט די עלף זיינען געווען די ביזנעס-אַגענטן דזשאָזעף גריבלער און דזשאָרדזש מאַיערס. זיינען זיי אָבער פון אונטערוועלט-קלאָגן דערשאָסן געוואָרן איידער מען האָט זיי געקלאָגט ביי דער גרענד דזשורי.

ווער עס האָט זיי דערשאָסן ווייסט מען נאָר אין דער אונטערוועלט, אָבער אין דער עפנטלעכקייט איז עס אַ סוד.

„גראַדואַנטן" פון דער קאַפּאָנע-גענג

אין דער בוי-אינדוסטריע האָבן אַזוי אין אַלע גרעסערע שטעט געבושעוועט אויך אַ סך אַנדערע רעקעטירס. די אַלע וואָס זיינען דאָ פריער דערמאָנט האָבן בלויז אין זייערע צייטן זיך גערעכנט פאַר די הויפּט-מאַכער פון די באַנדעס, וואָס האָבן געבושעוועט אין דער אינדוסטריע. זיי זיינען אָבער ניט געווען די איינציגע מאַכער.

נאָר אויב די בוי-אינדוסטריע איז געווען די ערשטע אין וועלכער די אונטערוועלט האָט זיך אַריינגעריסן און געזוכט צו קריגן אַ קאָנטראָל, איז זי אָבער אין דעם פּרט אויך ניט געבליבן די איינציגע.

ביישפּילן פון אונטערוועלט-קאָנטראָל האָבן אין 1940 און אין 1941 זיך זייער שטאַרק אַרויסגעוויזן אין דער יוניאָן פון בילדינג-סוירוויס (הויז-באַדינונג) אַרבעטער און נאָך מער אין דער פילם-אינדוסטריע

אין דער בילדינג-סוירוויס יוניאָן האָט עטלעכע יאָר ביז 1940 געהערשט אַ פּרעזידענט דזשאָרדזש סקאַליזי.

האָט מען אים אין אַפּריל 1940 אַרעסטירט און געשטעלט אונטער אַ קלאַגע, אַז ער האָט אַרויסגעפּרעסט פון אַ צאָל ריעל-עסטעיט פירמעס הונדערט טויזנט דאָלער גרעפּט.

נאָכדעם האָט מען געגן אים אויפגעדעקט אויך אַנדערע אַזוינע קלאַגן.

אין אָקטאָבער 1940 האָט מען אים פאַר'משפּט אויף פינף ביז צען יאָר טורמע.

מיט זיבן חדשים שפּעטער, אין מאַי 1941, האָט מען אויך פאַר'-משפּט דזשעימס בעמבריק, וואָס איז געווען דער פּרעזידענט פון דעם ניו-יאָרקער לאָקאַל 32-בי פון דער זעלביגער יוניאָן. אים האָט מען איינגעטיילט אַ יאָר ביז צוויי יאָר טורמע.

די קלאגע געגן אים איז געווען, אז ער האט פארשווינדלט א סומע פון 300,000 דאלער, וואס זיינען געווען אין זיין לאקאל.

האט בעמבריק אין זיין פארטיידיגונג דערציילט, אז פון דער דאזיגער סומע האט ער צען טויזנט דאלער געגעבן צו סקאליזי'ן אויף אפצוקויפן א מערדער, אז ער זאל אים, בעמבריק'ן, ניט הרג'ענען.

סקאליזי, האט ער געזאגט, איז צו אים איינמאל געקומען און אים געזאגט, אז „זעקס אזייגער פארנאכט וועט א חברה־מאן, וואס רופט זיך „באילערמעיקער" אים הרג'ענען".

כדי זיך אויסצוקויפן פון דער הריגה האט סקאליזי פון אים פארלאנגט צוואנציג טויזנט דאלער. זיין דערקלערונג איז געווען, אז דאס איז דער פרייז, וואס די „באיעס" (מיינענדיק די אונטערוועלט־חברה) האבן באשטימט, נאר ער, בעמבריק, האט זיין לעבן אויסגעדונגען פאר צען טויזנט דאלער.

אבער ווער איז געווען דער סקאליזי?

האט מען נאך פאר זיין משפט געוואוסט, אז אין 1913, ווען ער איז נאך געווען בלויז זיבעצן יאר אלט, האט מען אים געהאט פארשיקט אויף פיר און א האלב יאר אין דער אטלאנטא־טורמע און די קלאגע געגן אים איז געווען : „האנדל מיט ווייסע שקלאפן".

ווען ער איז ארויס פון דער אטלאנטא־טורמע איז ער געווארן א נאענטער מחותן מיט דער שיקאגער קאפאנע־גענג.

אבער פון דארט, און מיט דער הילף פון אט־דער גענג, האט ער „גראדואירט" צו ווערן דער פרעזידענט פון דער בילדינג־סוירוויס יוניאן.

פון דארט, פון דער קאפאנע־גענג, האט אויך גראדואירט דזשארדזש ע. בראון, וואס איז א לאנגע צייט, ביז 1941, געווען דער פרעזידענט פון דעם „אינטערנעשאנאל אלאיענס אוו טעאטריקאל סטעידזש עמפלאיאיס", וואס איז די יוניאן פון די פילם און טעאטער בינע־ארבעטער.

דער זעלביגער בראון איז אפילו א היבשע צייט אויך געווען א וויצע־פרעזידענט פון דער אמעריקען פעדערעישאן אוו לעיבאר.

א גראדואירטער פון דער קאפאנע־גענג איז אויך געווען ווילי ביאף, וואס איז פון בראונ'ען, לויט אינסטרוקציעס פון דער גענג, באשטימט געווארן צו זיין זייגער א פערזענלעכער פארטרעטער אין האליוואוד.

אין 1922 איז ביאף אין אילינאי געווען פאר'משפט אויף א קלאגע פון האנדל מיט פראסטיטוציע. די קאפאנע־גענג האט אים אבער אין

שפעטערדיקע יאָרן אַריינגעשיקט צו זיין איינער פון די הויפּט־הערשער אין דער פילם־יוניאָן.

א צווייטער „פּערזענלעכער פּאַרטנער" פון דזשאָרדזש בראון אין דער דאָזיגער יוניאָן איז געווען אַן אָנפירער פון דער קאַפּאָנע־גענג ניקאָלאָ סירסעלא, וואָס האָט זיך אויך גערופן „ניק דיען".

דער דאָזיגער „ניק" האָט הינטער זיך געהאַט א רעקאָרד פון אָנ־קלאָגן פאַר איין מאָרד, פיר האָלד־אַפּס, זיבן פאַרשידענע סאָרטן רויבערייען. איינע פון זיי איז געווען ביי א באַנק־מעסענדזשער, א צווייטע איז געווען ביי א פּאָסטאַל־מעסענדזשער. ביי אים האָט מען אָוועקגע־רויבט 150 טויזנט דאָלער. דער דאָזיגער „ניק" האָט עס אויך גראַ־דואירט צו ווערן א „יוניאָן־באַאַמטער".

אין מאַי 1941, זיינען בראון און ביאָף אָנגעקלאָגט געוואָרן פאַר ארויספּרעסן פון די פיר גרעסטע פילם־קאָמפּאַניס (טוואָנטי סענטשורי פאָקס, פּאַראַמאַונט, וואַרנער בראָדערס און לאָאָיס אינקאָרפּאָרעיטעט) 550,000 דאָלער.

וועגן ביאָפ'ס רעקעטיר־געשעפטן האָט מען אין אייניגע צייטונגען אָנגעהויבן רעדן נאָך פאַר 1941, ווען מען האָט אים און בראונ'ען פאַר־מעל אָנגעקלאָגט. מען האָט אויך גערעדט וועגן דעם משפּט, וואָס ער האָט געהאַט פאַר האַנדלען מיט פּראָסטיטוציע.

האָט ער וועגן דעם אין א דערקלערונג צו צייטונגס לויט דעם 20טן פעברואר 1940 אין שיקאַגאָ גע'טענה'ט, אַז די אַלע רייד געגן אים „שטאַמען פון קאָמוניסטן און פון דעם סי־אַי־אָ".

אין נאָוועמבער 1941 זיינען אָבער בראון און ביאָף געפונען גע־וואָרן שולדיג און מען האָט זיי פאַר'משפּט אויף אַכט און צען יאָר טורמע. מען האָט זיי אויך באַשטראָפט מיט איינצאָלונגען פון צוואַנציג טויזנט דאָלער.

זיי זיינען די גאַנצע צייט אין טורמע ניט אָפּגעזעסן.

אין אָקטאָבער 1943, זיינען ביידע ארויסגעטראָטן אַלס עדות געגן זיבן מיטגלידער פון דער קאַפּאָנע־גענג מיט וועלכער זיי האָבן פריער צוזאַמען געאַרבעט. זיי האָבן דעמאָלט אין געריכט וועגן זיך אַליין אויך דערציילט ווי אַזוי זיי האָבן געאַרבעט צוזאַמען מיט דער גענג. בראון האָט דערביי דערקלערט, אַז נאָר מיט דער הילף „פון די באָיעס פון שיקאַגאָ" איז ער דערוויילט געוואָרן פאַר יוניאָן־פּרעזידענט ביי די

פילם יוניאָן־קאָנווענשאָנס אין 1936, 1938 און 1940.

דער פעדעראַלער ריכטער דזשאָן נאָקס האָט דעריבער אין 1944 באַשטימט, אַז פאַר זייער אויפטריט געגן דער גענג זאָל זייער טורמע־טערמין זיין פאַרענדיגט און מען זאָל זיי אויף ווייטער בלויז שטעלן אונטער פּראָבע. זייער אַדוואָקאַט האָט אין זייער נאָמען פאַרזיכערט, אַז זיי וועלן אויף ווייטער זיין „שטיל און פרום" און אין קיין יוניאָן־געשעפטן זיך מער ניט מישן.

זיי האָט מען דעמאָלט פון טורמע אַרויסגעלאָזט און די זיבן גענגסטער געגן וועלכע זיי האָבן עדות געזאָגט האָט מען פאַרשפּאַרט.

אַן אַכטער גענג־מיטגליד, פרענק ניטי, וואָס איז אויך געווען איי־נער פון די אָנגעקלאָגטע, איז פאַר דעם משפט באַגאַנגען זעלבסטמאָרד.

די רעקעטס אין דער טראַנספּאָרט אינדוסטריע

זייער אַ סך „גראַדואַנטן" פון דער אונטערוועלט האָבן פאַרנומען פּראָמינענטע ערטער אין דער טראַנספּאָרט־אינדוסטריע און געקראָגן אַ גרויסע מאַכט אין דער פירערשאַפט פון איינע גרויסע טראַנספּאָרט־יוניאָנס.

און דאָ, ווי אין אַנדערע ערטער, האָבן זיי אַוודאי אויך געהאַט די שטיצע פון גרויסע פּאָליטישנס, וועלכע האָבן זיך שטענדיג זייער גרינג געלאָזט קאָרופּטירן.

די אויספאָרשונגען פון דער ניו־יאָרקער סטעיט קריים קאָמישאָן האָבן אין 1952 אויפגעדעקט די סקאַנדאַלן, וואָס דזשאָזעף ראַיען, דער וואָס האָט זיך „דערוויילט" פאַר פּרעזידענט פון דער א. פ. אָוו ל. האָפן־יוניאָן אויף זיין גאַנצן לעבן, האָט דורכגעפירט אין דער דאָזיגער יוניאָן.

די קאָמישאָן האָט אויפגעדעקט אַ טייל פון די סקאַנדאַלן, וואָס פּראָפעסיאָנעלע מעסער און פּיסטאָל־העלדן פון דער אונטערוועלט האָבן אין נאָמען פון ראַיען'ס יוניאָן אָנגעפירט אויפן וואַסער־פראָנט פון ניו־יאָרק און ניו דזשוירזי.

ראַיען איז נאָך דער דאָזיגער אונטערזוכונג אָנגעקלאָגט געוואָרן אין געריכט.

די אָנקלאָגע האָט מען באַזירט בלויז אויף איינעם פון זיינע סקאַנדאַלן:

ער האָט פון שיף־קאָמפּאַניס געמאָנט און געקראָגן אַ סך געלט אויף אַ פאָנד „צו קעמפן געגן קאָמוניזם” און דאָס געלט האָט ער גענוצט פאַר זיינע פּערזענלעכע צוועקן. ער האָט דערמיט געצאָלט פאַר פּריי־ לעכע הוליאַנקעס, געקויפט פאַר זיך נייע אויטאָמאָבילן, נייע קאָסטבאַרע קאָסטיומען, קאָסטבאַרע מאַנטלען, זיידענע העמדער; געצאָלט מיט דעם געלט פאַר זיינע פּערזענלעכע אינשורענס, זיינע פּערזענלעכע שטייַ ערן, זיין דיוס צו זיין גאָלף־קלוב, געפּראַוועט פאַר זיך אַ לוסט־רייזע קיין גוואַטעמאַלאַ.

ער און זיין יוניאָן זיינען דעריבער אין 1953 אויך אויסגעשלאָסן געוואָרן פון דער אַמעריקען פעדערעישאָן אָוו לעיבאָר. ראַיען האָט זיין „קעניגליכן” אַמט געמוזט אויפגעבן. אָנשטאָט צו בלייבן אַ פּרעזידענט אויף שטענדיג און קריגן (פאָרמעל) צוואַנציג טויזנט דאָלער אַ יאָר איז ער אין זיין יוניאָן געבליבן אַ „פּרעזידענט עמעריטוס” פאַר צען טויזנט דאָלער אַ יאָר.

ווער זיינען געווען די אמת׳ע הערשער פון דער דאָזיגער יוניאָן און ווי אַזוי האָט מען זי געפירט?

איז פריער ביי אַ פאַרהער פון דער קיפאָווער סענאַט־קאָמיטע אויפ־ געטראָטן איינער פון ראַיען׳ס באַשטימטע יוניאָן־אָרגאַניזאַטאָרס מיטן נאָמען עדוואַרד דזש. פלאָרע.

דער דאָזיגער פלאָרע איז נאָכדעם אויפן גרונט פון זיין אייגענעם עדות זאָגן פאַר׳משפּט געוואָרן אויף 18 חדשים טורמע.

האָט ער פריער ביים פאַרהער אליין צוגעגעבן, אַז אחוץ דעם, וואָס ער איז אַ „יוניאָן־אָרגאַניזאַטאָר” איז ער אַליין אויפן וואַסער־פראָנט אויך אַ באָס, וואָס באַשעפטיגט אַ היבשע צאָל האַפן־אַרבעטער.

זיין ממשלה אַלס באָס און „יוניאָן־אָרגאַניזאַטאָר” איז געווען אויף דעם האַפן פון האָבאָקן, ניו דזשוירזי. ער האָט דאָרט קאָנטראָלירט אַרום זעקס טויזנט דזשאָבס. יענער האַפן האָט, הייסט עס, געהאַט פאַר זעקסט טויזנט מענטשן אַרבעט.

האָט ער אין ענטפערס אויף פראַגן ביים קיפאָווער־פאַרהער צוגע־ געבן, אַז אָן ערך אַ העלפט פון די זעקס טויזנט דזשאָבס זיינען פון אים געוויינלעך אַרויסגעגעבן געוואָרן צו אַזוינע האַפן־אַרבעטער, וואָס זיי־ נען מיטגלידער פון דער יוניאָן. זיי פלעגן ניט קריגן די דזשאָבס לויט אַ נעקסט (אַ רוטאַציע־סיסטעם), ווי די ברידזשעס אַדמיניסטראַציע האָט

עס איינגעפירט אין דער האפן־ארבעטער יוניאָן פון דעם פּאַסיפיק, נאָר זיי האָבן דערפאַר געדאַרפט באַצאָלן צום יוניאָן־אַגענט און צום אַזוי־גערופענעם „האירינג־באָס" פון די דאָקס (דער וואָס דינגט די אַרבע־טער) אַ היבשן גרעפּט און אַ „קיקבעק" (אַ צוריקצאָל) פון זייערע שכירות. אָבער דעם צווייטן טייל פון די דזשאָבס פלעגט מען פאַר־קויפן צו ניט־יוניאָן מיטגלידער, וואָס פלעגן קריגן יוניאָן־באַטענס און צאָלן פאַר דעם נאָך פיל מער ווי די יוניאָן־מיטגלידער.

די אָפיציעלע יוניאָן־אַגענטן און די „האירינג־באָסעס", וואָס רע־כענען זיך אַליין אויך פאַר יוניאָן־מענטשן, האָבן בשותפות אָנגעפירט דעם רעקעט און זיך געטיילט מיטן יעדן גרעפּט.

און ווער זיינען געווען אָט־די „האירינג־באָסעס" מיט וועלכע ראַי־ען'ס „אָרגאַנאַיזערס" האָבן בשותפות געפירט זייערע רעקעט־געשעפטן?

איז אָט זעט דאָ אַלס ביישפיל כאָטש בלויז איניקע פון זיי:

פאַראַן אַ פירמע דזשאָן וו. מעקגרעט, וואָס קאָנטראָלירט עטלעכע האפן־פיערס.

האָט זי אויף איר פיער 84 אין יענער צייט געהאַט אַזאַ פאַרשוין, וואָס איז שוין 19 מאָל געווען אַרעסטירט. דריי מאָל איז ער געווען אַרעסטירט פאַר מאָרד.

אויף דעם פיער 88 האָט די זעלבע פירמע געהאַט אַזאַ „האירינג־באָס", וואָס איז צוויי מאָל געווען פאַר׳משפט פאַר גרויס־גנבה. אַלס זיינער אַ פאַרמאַן האָט דאָרט געאַרבעט אַ פאַרשוין, וואָס איז געווען פאַר׳משפט פאַר אַ באַנק־רויבעריי.

אויף פיער 14 פון דער זעלביגער פירמע האָט געאַרבעט אַלס „האַי־רינג־באָס" אַ ברודער פון דעם פירער פון דעם מערדער־סינדיקאַט, אַל־בערט אַנאַסטעישיאַ.

די קיפאָווער־קאָמיטע און די ניו־יאָרק סטעיט קראַים־ קאָמישאָן האָבן ניט אויפגעדעקט אַלע נעמען פון אָט־די מענטשן, וואָס האָבן אין דער אונטערוועלט „גראַדואירט" צו ווערן ביי ראַיען'ען יוניאָן־באַאַמטע. נאָר אָט זיינען אַ טייל פון זיי:

ביז דעם חודש יולי 1948 איז דער ביזנעס־מענעדזשער פון דעם האפן־ארבעטער לאָקאַל 1247 אין דזשוירזי סיטי געווען איינער אַ טשאַרלי יאַנאָווסקי.

צום אַמט פון ביזנעס־מענדזשער אין דעם דאָזיגן לאָקאַל האָט דער

טשארלי יאנאָווסקי „גראַדואירט״ נאָכדעם ווי ער איז אַ שטיק צייט אָפּ־געזעסן אין דער אַלקאַטרעז טורמע.

דאָרט האָט מען אים פאַרשפאַרט נאָך דעם ווי מען האָט אים גע־כאַפּט אין אַ רעוואָלווער־שלאַכט מיט דעטעקטיווס אין פאַרבינדונג מיט אַ באַנק־רויבעריי.

אָבער דורך אַ מלחמה אין דער אונטערוועלט איז טשארלי יאַנאָוו־סקי אין חודש יולי פון 1848 דערשטאָכן געוואָרן מיט אַן אייזפּיק און ער איז אַזוי געוואָרן אויס „יוניאָן־פּירער״.

זיין אַמט פון ביזנעס־מענעדזשער אין לאָקאַל 1247 איז דעמאָלט איבערגענומען געוואָרן פון זיינעם אַ שוואָגער, פרענק („ביף״) דילאַ־רענזאָ.

אַ צווייטער יורש פון יאַנאָווסקי׳ס הערשאַפט אין דעם לאָקאַל און אויפן וואסער־פראָנט פון דזשוירזי סיטי איז געוואָרן דזשאָרדזש דאָנאָהו.

דער דאָזיגער דאָנאָהו האָט צו זיין ממשלה אין דער יוניאָן „גראַ־דואירט״ נאָך דעם ווי ער איז (זינט 1929) צוויי און צוואַנציג מאָל געווען אַרעסטירט פאַר פאַרשידענע קרימינעלע פאַרברעכנס.

די פאַרברעכנס פאַר וועלכע ער איז געווען אַרעסטירט און אייניגע מאָל פאַר׳משפּט זיינען געווען אַנגריף, גנבה און רויבעריי. עטלעכע יאָר איז ער אין טורמע געזעסן פאַר „פאַרגוואַלדיגונג״.

אין דעם לאָקאַל 1247 איז אָט די כלי געוואָרן אַ „טראָסטי״, וואָס האָט דעם קאָנטראָל איבער די געלטער פון לאָקאַל.

דער פּרעזידענט פון לאָקאַל איז געווען באַרני בראַון.

און ווער איז ער?

ער האָט זיך צום אַמט דערדינט נאָך דעם ווי ער איז געווען אַרעס־טירט פאַר גנב׳ענען אַ טראָק, וואָס האָט באַלאַנגט צו די אַמעריקאַנער פאַרטרעטער פון דער סאָוועטן־רעגירונג.

אייניגע האָבן זיך דעמאָלט געהאַט געוויצלט, אַז די גנבה פון דעם טראָק האָט ער מסתמא דורכגעפירט אַלס „גרויסער פּאַטריאָט״ פון אַמע־ריקע און אַלס שונא פון סאָוועטן־פאַרבאַנד.

פאַר אָט־דעם בראַון איז אָבער ניט געווען גענוג דער אַמט פון פּרעזידענט. ער האָט געהאַלטן, אַז פאַר זיין „גרויסן פּאַטריאָטיזם״ דאַרף ער אַליין זיין דער הויפּט־הערשער און דער יורש פון אַלע אַמטן אין דעם לאָקאַל.

האָט ער אין סוף פון 1950 געצוואונגען דילאַרענזאָ'ן ער זאָל אים איבערגעבן דעם אמט פון ביזנעס־מענעדזשער פון לאָקאַל, און דעם אויטאָמאָביל פון דעם „טראָסטי" דזשאָרדזש דאָנאָהו האָט מען אויפגעריסן מיט אַ באָמבע.

געוואָלט האָט מען דערמיט באַזייטיגן דעם דאָנאָהו, וואָס איז געווען איינער פון די יורשים פון דעם דערשטאָכענעם טשאַרלי יאַנאָווסקי. נאָר די באָמבע האָט אויפגעריסן נאָכדעם ווי דאָנאָהו האָט שוין דעם אויטאָמאָביל געהאַט פאַרלאָזן.

איינגע אַנדערע פון ראַיען'ס „יוניאָן־באַאַמטע" אויף די האַפנס פון ניו יאָרק און ניו דזשוירזי זיינען געווען:

דזשאָן מ. („קאַקאַי") דאָן. ער האָט געגן זיך געהאַט קלאַגן וועגן ניגסטנס פאַר 15 מאָרדן. ער פלעגט מיט דער הילף פון פּאָליטישנס זיך אַרויסדרייען פון שטראָף. נאָר אין 1949 איז שוין פאַר אים געוואָרן צו שווער זיך ווייטער אַרויסצודרייען פון שטראָף און ער האָט נעקראָגן זיין טויט־אורטייל.

לעאָן טאָקי. אויך ער איז געווען אַ האַפן יוניאָן־באַאַמטער. נאָר ער איז געוואָרן אויס נאָכדעם ווי דורך אַ מלחמה אין דער אונטערוועלט איז ער דערשאָסן געוואָרן, בשעת ער איז געווען אין פלאָרידאַ.

טאָמאַס גלעסאָן. ער איז 15 מאָל געווען אַרעסטירט. צוויי מאָל איז ער געווען באַשולדיגט אין טויטשלאָג. ער אַליין איז אָבער אויך געוואָרן אויס יוניאָן־באַאַמטער נאָכדעם ווי ער איז דערמאָרדעט געוואָרן.

איינער פון ראַיען'ס „יוניאָן־באַאַמטע" איז אין צייט פון די דערמאָנטע אונטערזוכונגען געווען אַלעקס די ברייזי. ער האָט „געקעניגט" (און אין יענער צייט נאָך געבליבן „קעניגן") אויפן האַפן פון סטאַטן איילאַנד.

לויט זיין פּאָליצייאישן רעקאָרד איז ער ביז 1952 שוין 21 מאָל געווען אַרעסטירט פאַר פאַרשידענע פאַרברעכנס.

פאַרמעל האָט ער אין יענער צייט אָנגעהאַלטן צוויי יוניאָן־אַמטן. פאַר יעדן איינעם פון זיי האָט ער געקראָגן 75 דאָלער אַ וואָך. נאָר זיין פאַרמעגן איז געווען אַ גאַנץ היבשער.

ער האָט געהאַט צוויי אויטאָמאָבילן. אין 1946 האָט ער פאַר זיך געקויפט לאַנד, וואָס האָט געקאָסט 35 טויזנט דאָלער. דער ווערט פון זיין אייגענער הויז איז אין 1952 געווען אַרום 75 טויזנט דאָלער.

ביי דעם זעלביגן די בריזי'ן האָט מען אויך געקאָנט זען אַ מוסטער פון דער דעמאָקראַטיע, וואָס מען האָט אָנגעהאַלטן אין ראַיען'ס יוניאָן.

ראַיען האָט אין 1951 געשלאָסן מיט די שיף־קאָמפּאַניס אַן אָפּ־מאַך געגן וועלכן די מיטגלידער פון דער יוניאָן האָבן אויפגעהויבן אַ רעוואָלט.

די ראַיען־גענג האָט אָבער גע'טענה'ט, אַז דער אָפּמאַך איז אָנ־גענומען געוואָרן און אַז אַ מערהייט פון די מיטגלידער האָבן ביי לאָ־קאַלע מיטינגען געשטימט פאַר דעם אָפּמאַך.

דער אמת איז אָבער געווען, אַז אין אַ סך לאָקאַלן האָט מען בכלל גאָר קיין מיטינגען ניט געהאַט.

אַלעקס די בריזי האָט ביי זיך אין סטאַטן איילאַנד יאָ גערופן אַ מיטינג צו שטימען וועגן דעם אָפּמאַך.

האָבן באַריכטן פון דעם מיטינג דערציילט, אַז די אָפּשטימונג האָט מען דאָרט דורכגעפירט אויף אַזאַ אופן:

מען האָט די מיטגלידער פון דער יוניאָן גערופן אין אַ זאַל, וואָס האָט ניט געקאָנט אַריינגעמען אפילו ניט קיין העלפט פון זיי.

קיין בייַנקלעך אין זאַל זיינען ניט געווען. בלויז דער ביזנעס־אַגענט, וואָס האָט געפירט דעם מיטינג איז געזעסן אויף אַ בייַנקל.

די פאַרזאַמלטע, וואָס האָבן זיך אין זאַל אַריינגעשפּאַרט זיינען אַלע געשטאַנען צונויפגעפּרעסט, אַז מען האָט זיך אפילו ניט געקאָנט אַ דריי טאָן.

זיי האָבן זיך אָבער דאָרט לאַנג ניט גענדאַרפט שטיקן. דער מי־טינג האָט לאַנג ניט געדויערט.

ראַיען'ס ביזנעס־אַגענט האָט צו זיי אַ געשריי געטאָן:

„אַלע די וואָס זיינען פאַר דעם אָפּמאַך זאָלן בלייבן שטיין!"

זיינען אַלע געשטאַנען. אַ ברירה האָבן זיי געהאַט?

האָט דער ביזנעס־אַגענט באַלד ווידער אַ געשריי געטאָן:

„די וואָס זיינען געגן זאָלן זיך זעצן!"

האָבן איינציגע טאַקע אַ געוואַלדעווע געטאָן: „ווי און וואו זאָל מען זיך זעצן?!" אָבער ראַיען'ס ביזנעס־אַגענט האָט אויסגעשריגן, אַז דערמיט איז דער אָפּמאַך „גוטגעהייסן" און דער מיטינג איז געשלאָסן.

אַ צווייטן ביישפּיל פון דער „דעמאָקראַטיע", וואָס די ראַיען־גענג האָט אָנגעהאַלטן האָט ראַיען'ס אַ דיסטריקט־סעקרעטאַר, טשאַרלס ספּעג־

סער איבערגעגעבן, בשעת א קאָמיטע פון דער ניו־יאָרקער סטעיט־רע־גירונג האָט אין 1951 אונטערזוכט פּראָוואָס די האַפן־אַרבעטער האָבן רעוואָלטירט געגן דעם ראַיען־אָפּמאַך.

ספּענסער איז געווען איינער פון די ראַיען־עדות ביי א פאַרהער, וואָס די קאָמיטע האָט דורכגעפירט.

האָט ספּענסער דאָרטן אליין דערציילט, אַז אין דעם האַפן־אַרבע־טער לאָקאַל 866 וואו ער האָט געהערשט שוין זינט 1935, סיי אַלס ביזנעס־אגענט און סיי אַלס סעקרעטאַר־טרעזשורער, האָט ער די גאַנצע צייט קיין וואַלן זיך ניט געוואָלט דורכפירן. ער האָט דאָרט גע־הערשט איבער זעכצן יאָר ווי א צאַר און ער האָט געהאַלטן, אַז די מיט־גלידער פון לאָקאַל דאַרפן גאָר ניט שטימען און ניט זאָגן קיין דעה צי זיי ווילן ער זאָל זיין זייער ביזנעס־אגענט און זייער סעקרעטאַר־טרע־זשורער.

— נו, און מיטינגען פון לאָקאַל רופסטו אמאָל ? — האָט מען ביי אים געפרעגט.

האָט ער זיך א קנייטש געטאָן און געענטפערט, אַז ער דענקט, אַז אין די איבער זעכצן יאָר האָט ער גערופן דריי אָדער פיר מיטינגען. מער האָט ער אַליין ניט געקאָנט אָנציילן.

דערפאַר איז ער אָבער יאָ געווען איינער פון די צוויי ראַיען־אגענטן (ער און דעיוויד ראַקע) צו וועלכע ראַיען האָט אָנפאַרטרויט, אַז זיי זאָלן ציילן די אָפּשטימונגען פון אַלע לאָקאַלן וועגן זיין אָפּמאַך מיט די שיף־קאָמפּאַניס און זיי האָבן פאַר אים אָנגעציילט א „גרויסע מערהייט”.

די ראַיען־גענג איז געווען אָרגאַניזירט אין א „דזשאָזעף פּ. ראַיען אַסאָסיעישאָן”.

די דאָזיגע „אַסאָסיעישאָן” פלעגט פּראַווען יעדן יאָר רייכע באַנ־קעטן, פאַר וועלכע מען פלעגט צוזאַמענגעמען א היבש ביסל געלט.

די געסט ביי די באַנקעטן זיינען אַלע יאָר געווען גרויסע פּראָמי־נענטע רעקעטירס און געגנסטערס און אויך גרויסע פּאָליטישנס.

למשל, וועגן באַנקעט, וואָס די ראַיען־אַסאָסיעישאָן האָט געפּראַוועט דעם 14טן אַפּריל 1951 האָבן איניגע צייטונגען באַריכטעט, אַז מען האָט דאָרט געזען מיטגלידער פון דער סאָקס לאַנזאַ גענג, וואָס האָט קאָנטראָלירט דעם פיש־רעקעט. עס זיינען דאָרט געווען די האַפן־רעקע־טירס דזשערי אַנאַסטעישיאַ, די ברידער סאַלוואַטאָרע, דזשאָזעף קאַמאַרדאַ.

ביי איינעם פון די טישן איז דער הויפּט־מחותן געווען אַ סטיוועדאָר־באָס, וואָס איז שוין ניט איינמאָל געזעסן אין טורמע פאַר רויבעריי.

עס זיינען דאָרט אָבער אויך געווען דער ניו־יאָרקער מעיאָר אימ־פּעליטערי, דער דעמאָלטדיגער פּאָליס־קאָמישאָנער און פיר אַנדערע פּאָ־ליציי־באַאַמטע. עס זיינען דאָרט געווען: דער טעמעני־באָס דעסאַפּיאָ, דער טשיף־מעדזשיסטרעט מאַרטאַג און איינינגע אַנדערע ריכטער. אויך עטלעכע אַסיסטענט דיסטריקט אַטוירנים און אפילו אַ געוועזענער פּרע־זידענט פון דעם סטאָק־עקסטשענדזש.

פאַרשטייט זיך, אַז ווען די סקאַנדאַלן פון דער ראַיען־גענג האָבן געפּלאַצט אין דער עפנטלעכקייט און ער איז אָנגעקלאָגט געוואָרן אַלס גנב האָבן אַ טייל פון זיינע פּאָליטישע פריינט זיך גענומען אָפּצוקערן פון אים אָן אַ זייט.

האָט ער אין זיין שוואַנען־ליד ביי דער קאָנווענשאָן פון זיין יוניאָן, אין נאָוועמבער 1953, אָוועקגעלייגט אַ קלאָג און גע'טענה'ט:

„מענטשן, וואָס פלעגן מיט פרייד קומען צו אונזערע באַנקעטן, קאָנווענשאָנס, אונז לויבן און זוכן צו קריגן אונזער הילף, האָבן דאָס איצט שוין אינגאַנצן גאָר פאַרגעסן.

„פריער האָבן זיי אונז געלויבט און באַזונגען און איצט האָבן זיי זיך צו אונז אומגעקערט מיט די רוקנס און אונז פאַרלאָזט”.

דער אמת איז, אַז ניט אַלע זיינע פּאָליטישע פריינט זיינען שוין פון אים דעמאָלט געווען אַוועק. זיינע שותּפים פון דער אונטערוועלט האָבן אים ביי יענער קאָנווענשאָן נאָך אויך ניט אינגאַנצן פאַרלאָזן. מען האָט אים דאָרט טאַקע געהייסן אויפצוגעבן זיין „קעניגלעכן” אַמט פון פּרעזידענט, אָבער מען האָט אים נאָך אין דער זעלביגער צייט אויך געקרוינט פאַר אַ „פּרעזידענט עמעריטוס” און פאַר אים באַשטימט די דערמאָנטע פּענסיע פון צען טויזנט דאָלער אַ יאָר.

אונטער אַ פרומער קאַפּאָטע

אין דעם שטורעם, וואָס האָט זיך אין 1952 און אין אָנהויב פון 1953 געשאַפן אַרום די אויפגעדעקטע שווינדלען, רויבערייען און מער־דערלעכע מעשים פון דער ראַיען־גענג איז געוואָרן זייער אַקטיוו דעיוו בעק, דער פּרעזידענט פון דער א. פ. אָוו ל. טימסטערס יוניאָן.

ער האָט דעמאָלט אויף זיך אָנגעטאָן אַ פרומע קאַפּאָטע און איז

ארויס מיט אָפענע דערקלערונגען, אז „קיין יוניאָן טאָר אין אירע רייען ניט דולדן קיין גרעפטער און רעקעטירס".

ער האָט דערביי אפילו אויך אטאקירט די דעמאָלטדיגע שטעלונג פון דער א. פ. אָוו ל., אז די ארבעט צו פארטרייבן פון די יוניאָן־רייען די רעקעטירס געהערט צו דער יעדער יוניאָן באַזונדער און אז די א. פ. אָוו ל. קאָן זיך אין דעם ניט מישן.

זיין טענה איז געווען, אז „אזא שטעלונג איז ענלעך צו דער שטע־לונג פון די, וואָס זיינען פאר איבערלאָזן צו יעדן סטעיט דאָס רעכט צו פירן זיך ווי ער אליין וויל און מען זאָל זיך דערביי גאָר וויניג רע־כענען מיט די נאציאָנאלע אינטערעסן".

ווען די ניו־יאָרקער סטעיט קראַים קאָמישאָן האָט אויפגעדעקט די סקאנדאלן פון דער ראַיען־קאָמאנדע האָט מען אין דער זעלביגער צייט אויך געהאט אויפגעדעקט ריזיגע גרעפט־געשעפטן, וואָס דזשאָ פאפא (אָדער „פאפא דזשאָ") א באאמטער פון דעיוו בעק'ס טימסטערס יוניאָן פירט אין איר לאָקאל 202.

איז בעק אין זעלבינן טאָג ארויס מיט א דערקלערונג אז „פאפא דזשאָ" ווערט גלייך פון אים אראָפגעזעצט און אז דער לאָקאל 202 ווערט געשטעלט אונטער דעם קאָנטראָל פון זיינעם א באשטימטן „רעסיווער".

ער האָט דערביי געזוכט צו מאכן דעם איינדרוק, אז די אויפדעקונג וועגן „פאפא דזשאָ" איז פאר אים געווען אן איבערראשונג; אז פריער האָט ער, הייסט עס, גאָר ניט געוואוסט, אז פאפא איז אזא גרעפטער.

טוער פון פאפא'ס לאָקאל 202 האָבן אָבער געזאָגט, אז „דאָס איז ליגן"; אז בעק האָט פריער אויך זייער גוט געוואוסט ווער און וואָס דער „פאפא" איז.

אחוץ דעם איז אָבער גוט באוואוסט, אז דער לאָקאל 202 איז ווייט ניט דער איינציגער טימסטערס־לאָקאל וואו עס האָבן אין יענער צייט געהערשט רעקעטירס און וואו די רעקעטירס זיינען נאָך אויף ווייטער אויך געבליבן אין מאכט.

למשל, אין דעם טימסטער'ס לאָקאל 138 האָט ווידער געוועלטיגט איינער אזא פארשוין, וואָס איז צוזאמען מיט איניגע אנדערע לאָקאל־באאמטע מיט יאָרן פריער פאר'משפט געוואָרן פאר רעקעטירינג. נאָר אים האָט מען דעמאָלט געגעבן א „סוספענדענט סענטענס" (אן אָפגע־לייגטע שטראָף) דערפאר, ווייל ער האָט זיך מודה געווען און איז גע־

וואָרן אַן עדות געגן די אַנדערע. ער האָט דעמאָלט אין געריכט אויך געגעבן אַ צוזאָג, אַז ער וועט מער ניט זיין קיין באַאַמטער אין לאָקאַל. ער איז אָבער דאָרט ווידער געוואָרן אַ באַאַמטער און בעק האָט עס געוואוסט.

מען האָט געוואוסט, אַז רעקעטירס זיינען פאַראַן אויך צווישן די פירער פון די טימסטערס לאָקאַלן 805 און 807. וועגן די גרעפּט־געשעפטן פון איינעם פון זיי האָט מען אויך געהערט ביי איינעם פון די פאַרהערן פון דער סטעיט קראַים קאָמישאָן.

בעק האָט געוואוסט, אַז רעקעטירס זיינען פאַראַן אויך אין טימסטערס לאָקאַלן פון מיזורי.

אין די ערשטע חדשים פון 1953 האָט בעק געמאָלדן, אַז אין סעינט לואיס, וואו די באַאַמטע פון די טימסטערס לאָקאַלן זיינען געווען אַנגעקלאָגט אין רעקעטירינג האָט ער שוין די דאָזיגע באַאַמטע אויך אַראָפּגעזעצט.

זיין מעלדונג האָט געזאָגט, אַז ער האָט די סעינט לואיסער טימסטערס לאָקאַלן געשטעלט אונטער דער אויפזיכט פון זיינעם אַן אריינגעשיקטן מענטשן, וואָס וועט דאַרפן זען, אַז די לאָקאַלן זאָלן גוט „אויסגערייניגט" ווערן.

אָבער ווער איז דאָס געווען דער „רייניגער"?

האָט בעק'ס מעלדונג געזאָגט, אַז דער „רייניגער", וועמען ער האָט אריינגעשיקט, איז דזשעימס האָפּאַ.

און ווער איז דער האָפּאַ?

דזשעימס האָפּאַ איז געווען בעק'ס אַ וויים־פּרעזידענט, וואָס האָט אויך געהערשט אין דער טימסטערס יוניאָן פון דעטראָיט.

האָט מען דאָרט, אין דעטראָיט, אָט־דעם „רייניגער" אַליין אויך זייער פיל „געריינגט", נאָר אים זייער ווייט ניט „דערריינגט".

האָפּאַ איז דאָרט „געריינגט" געוואָרן, אָדער בעסער געזאָגט — „געטרייבערט" געוואָרן, פון אַ גרענד דזשורי.

מען האָט אים אויך „געטרייבערט", בשעת די קיפאָווער סענאַט־קאָמיטע איז געווען אין דעטראָיט.

די קלאָגן געגן אים זיינען געווען און געליבן, אַז ער באַשעפטיגט זיך מיט רעקעטירינג.

איינע פון די הויפּט־קלאָגן איז געווען, אַז די טימסטערס יוניאָן איז

אין דעטראָיט פון אים גענוצט געוואָרן פאַר דער אָרגאַניזירונג און אָנ־פירונג פון א דזשאָק־באַקס רעקעט. דאָס איז א רעקעט פון א חברה, וואָס שטעלט אריין שפּיל־קאַסטנס אין סאַלונען און אין אנדערע ענ־לעכע פּלעצער.

די פאַרהערן פון דער קיפאָווער־קאָמיטע האָבן באַוויזן, אז יעדער באַאַמטער פון דעם דאָזיגן רעקעט איז געווען א מחותן פון דער „פּוירפּל־גענג".

וועגן דזשימי האָפּאַ האָט מען ביי די פאַרהערן דערקלערט, אז ער שטייט ביי דער דזשאָק־באַקס חברה אויפן „פּעי־ראָל" און אז ער קריגט פון איר רעקעט א גאַנץ פעטן אַפּצאָל.

דזשימי האָפּאַ'ס יחוס האָט זיך אביסל שפּעטער נאָך מער ארויס־געוויזן ביי איינינע נייע אונטערזוכונגען.

איין אונטערזוכונג איז געפירט געוואָרן פון א קאָנגרעס־קאָמיטע.

איז פון דער דאָזיגער אונטערזוכונג פאַראַן א באַריכט וואו עס דערציילט זיך אומגעפער אזוי:

מען האָט ביי דזשימי'ן געפרעגט: צי איז עס ניט אמת, אז אין דער זעלביגער צייט וואָס ער פאַרנעמט די ראָלע פון א פירער אין דער יוניאָן פון די טימסטערס איז ער אַליין אויך א שותף אין דער טראָקינג־פירמע, וואָס רופט זיך „טעסטפּליט קאָרפּאָרעישאָן"?

האָט ער אויף דער פראַגע ניט געוואָלט ענטפערן.

מען האָט ביי אים געפרעגט: צי איז עס ניט אמת, אז ער איז א שותף אין דער טראָקינג פירמע, וואָס רופט זיך „נעשאָנאַל עקוויפּמענט קאָרפּאָרעישאָן"?

האָט ער אויף דער דאָזיגער פראַגע אויך ניט געוואָלט ענטפערן.

מען האָט ביי אים געפרעגט: פאַרוואָס איז דער נאָמען פון זיין פרוי געווען אויפן „פּעיראָל" פון דעם טימסטערס יוניאָן־לאָקאַל 985 און פאַרוואָס האָט מען איר דאָרט געצאָלט הונדערט דאָלער א וואָך, כאָטש זי האָט דאָרט גאָר ניט געטאָן?

האָט ער אויף דער פראַגע אויך ניט געוואָלט געבן קיין ענטפער.

איינע פון די פראַגן אויף וועלכע ער האָט יאָ געענטפערט איז געווען:

פאַרוואָס האָט ער דערלאָזט, אז אַלע פינאַנץ־ביכער פון דעם לאָ־קאַל 985 (וואו זיין פרוי איז געווען אויפן „פּעיראָל") זאָלן פאַרניכטעט ווערן?

האָט ער געענטפערט, אַז ער אַליין האָט געהייסן זיי פאַרניכטן.

און פאַרוואָס האָט ער עס געהייסן?

איז זיין תירוץ געווען, אַז מען האָט עס געדאַרפט טאָן, ווייל דאָס איז שוין אין לאָקאַל געווען „אַן איבעריגע זאַך".

אָבער ווער איז דאָס דער לאָקאַל 985, וואו דער נאָמען פון זיין פרוי איז געווען אויפן „פּעיראָל" און וואו די פינאַנץ־ביכער זיינען פאַרברענט געוואָרן?

דער מענעדזשער פון דעם לאָקאַל 985 איז וויליאַם באַפאַלינאָ.

איידער דער דאָזיגער באַפאַלינאָ איז געוואָרן דער פּרעזידענט און מענעדזשער פון דעם לאָקאַל 985 איז ער אַליין געווען דער באָס פון אַ קאָמפּאַני, וואָס האָט צוגעשטעלט דזשאָק־באָקסעס (שפּיל־קאַסטנס) צו רעסטאָראַנען, סאַלונען און אַנדערע ערטער.

נאָכדעם האָט ער זיך אָבער מישב געווען און צוזאַמען מיט איינ־ניגע אַנדערע רעקעטירס האָט ער זיך גענומען צו אָרגאַניזירן אַ יוניאָן־לאָקאַל פון די וואָס באַנוצן די דזשאָק־באָקסעס.

דער לאָקאַל 985 האָט אַ טשאַרטער פון דער טימסטערס יוניאָן, נאָר די מיטגלידער זיינען ניט קיין טימסטערס, זיי זיינען באַלעבאַטים פון פּלעצער, וואו מען נוצט די דזשאָק־באָקסעס.

ווען אַ סאַלון־קיפּער אָדער אַ רעסטאָראַטאָר האָט געוואָלט אַ דזשאָק־באָקס האָט ער דאָס ניט געקאָנט קריגן סיידן ער האָט אויף דעם געהאַט אַ דערלויבעניש פון באַפאַלינאָ'ס לאָקאַל.

דער וואָס האָט געקראָגן אַ באָקס איז דערמיט געוואָרן אַ מיטגליד פון דעם לאָקאַל און געמוזט דערפאַר צאָלן אַ היבשן שטייער.

די צאָלונגען זיינען געווען 50 דאָלער „איינטריט־געלט" און אַ שטייער פון 20 דאָלאַר אַ חודש.

אַ פאַרהער וועגן אָט־דעם לאָקאַל איז מיט אַ לענגערער צייט פריער אויך געפירט געוואָרן פון אַ גרענד דזשורי.

זאָגט מען, אַז ביי יענעם פאַרהער האָט איינער פון די עדות דער־ציילט, אַז פאַבריקאַנטן פון דזשאָק־באָקסעס האָבן פאַר דער אָרגאַניזירונג פון דעם דזשאָק־באָקס לאָקאַל איינגעצאָלט אַ גרעפּטל פון פינף טויזנט דאָלאַר.

אַ גרויסן חלק דערפון, האָט מען דאָרט געזאָגט, האָט געקראָגן אַ קליוולאַנדער „לעיבאָר"־רעקעטיר מיטן נאָמען פרעסער. נאָר דזשימי

האפא, האט מען דארט עדות געזאגט, האט פון דעם דאזיגן גרעפטל אויך אפגעלעקט א פעטן ביינדל.

אין אקטאבער 1953 איז אין דעטראיט ווייטער פארגעקומען אזא געשיכטע:

זעקס באאמטע פון טימסטערס לאקאלן אין דעטראיט און פאנטיאק זיינען אנגעקלאגט געווארן אין געריכט פאר רייסן פון קאמפאניס ריזיגע סומען געלט.

פירער פון קאמפאניס האבן אין דעטראיטער רעקארדערס געריכט עדות געזאגט, אז זיי האבן געצאלט צו די אנגעקלאגטע ריזיגע סומען געלט אלס גרעפט. דערמיט, זאגן זיי, האבן זיי זיך אויסגעקויפט פון פאדערונגען צו צאלן זייערע ארבעטער העכערע שכירות.

די אנגעקלאגטע יוניאן-באאמטע זיינען געווען:

מאיק ניקאלעטי, פרעזידענט, און סעם מאראסא און אנטאני ליאזא, ביזנעס-אגענטן פון דעם דעטראיטער טימסטערס לאקאל 247; דעניעל דזש. קיטינג, פרעזידענט, און לואיס לינטא ביזנעס-אגענט פון דעם טימסטערס לאקאל 614 פון פאנטיאק.

א זעקסטער אנגעקלאגטער איז געווען פרענק ע. פיטצזימאנס, וויצע-פרעזידענט פון דעם דעטראיטער טימסטערס לאקאל 299.

איז דא געקומען בעק און האט די צוויי לאקאלן 247 און 614 אויך געשטעלט אונטער א „רעסיווערשיפ" פון זיינעם א באשטימטן מענטשן.

אבער וועמען האט ער דא געמאכט פאר דעם „רעסיווער"?

טאקע ווידער זיין וויצע-פרעזידענט און פריינט דזשימי האפא.

דער געמבלינג-רעקעט אין דער אויטא-אינדוסטריע

א ריזיגער סקאנדאל, וואס איז נאך טיילווייז, וויינינגסטנס פאר דער עפנטלעכקייט פארוויקלט אין א געהיימניס שטעלט מיט זיך פאר דער געמבלינג-רעקעט, וואס האט זיך צעוואקסן אין די פאבריקן פון דער אויטאמאביל-אינדוסטריע.

דער אפשטאם פון דעם דאזיגן רעקעט קומט ניט פון דער יוניאן, חלילה, נאר פון אזוינע רעקעטירס ווי פרענק קאסטעלא'ס נאענטסטער פריינט דזשא אדאניס.

דער געמבלינג־קעניג דזשאָ אדאָניס פון די שטאַטן פון דער איסט, פון דעם מזרח־טייל פון לאַנד, האָט אוודאי געוואוסט ווי אזוי אריינצו־טרייבן זיינע געשעפטן אויך אין די צענטראַלע שטאַטן.

אין די פאָרד־פאַבריקן איז אדאָניס אריין דורך אַ קאָנטראַקט, וואָס ער האָט מיט יאָרן צוריק געשלאָסן מיט הערי בענעט, ווען ער איז נאָך געווען דער אָנפירער פון הענרי פאָרד'ס אמאָליגע אנטי־יוניאָן גענגס.

זיין קאָנטראַקט איז טאַקע ניט געווען אויף געמבלינג, נאָר אויף עפּעס אנדערש. אדאָניס האָט דורך בענעט'ן געקראָגן אַ קאָנטראַקט פאַר דעם טראַנספּאָרט, וואָס די פאָרד־קאָמפּאַני האָט גענאַרפט אָנפירן פאַר אירע פאַבריקן פון ניו דזשוירזי, און אדאָניס'עס רעקעט־קאָלעגע, אַנ־טאָני דע־אַנאָ, האָט געקראָגן דעם טראַנספּאָרט־קאָנטראַקט פאַר דער גרוי־סער פאָרד ראוזש פאַבריק פון מישיגען. אָבער דאָס האָט די דאָזיגע רעקעטירס געווים ניט געשטערט צו נוצן זייערע פאַרבינדונגען מיט די פאָרד־פאַבריקן אויך אויף אויסצושפּרייטן זייערע געמבלינג־געשעפטן.

פאַראַן אזוי אויך אנדערע פאַקטן, וואָס ווייזן דעם אָפּשטאַם און די ראָל פון דעם געמבלינג־רעקעט אין די אויטאָ־פאַבריקן.

דער רעקעט האָט זיך אָבער אזוי צעוואָקסן, אז מען האָט אין אים אריינגעצויגן אַ סך אָרטיגע שווינדלער און אפילו אויך אַ סך פאַבריק־ארבעטער, וואָס זייער אינטערעס וואָלט געדאַרפט זיין בלויז אין זייער יוניאָן און אין אירע קאַמפּן פאַר בעסערע לעבנס־באַדינגונגען.

די געמבלינג־רעקעטירס האָבן פאַר זיך אין די אויטאָמאָביל־פאַב־ריקן פון דעטראָיט און אויך פון אנדערע שטעט געשאַפן אַ נעץ פון אַגענטן דורך וועלכע זיי קריגן אריין מיליאָנען דאָלער אַ יאָר. אַ גרויסע צאָל פון די פאַבריק־סטוארדס פון דער יוניאָן זיינען אריינגעצויגן גע־וואָרן אין דעם רעקעט און זיי האָבן זיך גענומען צו דינען אַלס אַגענטן פאַר די הויפּט־רעקעטירס. מען פאַרקויפט נאָמבערס און מען נעמט אָן „בעטס" אויף פערד־רעיסעס און אויף פאַרשידענע אַנדערע זאַכן.

די געהיימנים צו וועלכער דער דאָזיגער רעקעט האָט גאָר אַ נאָענטן שייכות איז נאָך, ווייניגסטנס אין אָנהויב פון 1954, געווען ווי פאָלגט:

אין דעם אָוונט פון 20טן אַפּריל, 1948, האָט מען אין דעטראָיט געשאָסן און שווער פאַרוואונדעט דעם פּרעזידענט פון דער אויטאָמאָביל־ארבעטער יוניאָן וואָלטער רוטער.

מיט דרייצן חדשים שפּעטער, אין אָוונט פון דעם 24טן מאַי, 1949,

האָט מען געשאָסן און שווער פאַרוואונדעט זיין ברודער, דעם בילדונגס־דירעקטאָר פון דער יוניאָן, וויקטאָר רוטער.

די שיסערייען זיינען איןביידע פאַלן געווען אויפן זעלביקן מער־דערלעכן שטייגער. די מערדער האָבן פון א ביקס געשאָסן דורך א פענצטער פון דער וואוינונג פון וואָלטער רוטער, און דורך א פענצטער פון דער וואוינונג פון וויקטאָר רוטער.

מיט א האַלב יאָר שפעטער, נאָך דער שיסעריי אויף וויקטאָר רוטער, האָט מען אויך אונטערגעלייגט דינאַמיט אויף אויפצורייסן די געביידע פון דער אויטאָמאָביל אַרבעטער־יוניאָן.

אויספאָרשונגען זיינען וועגן דעם געפירט געוואָרן פון רעגי־רונגס אונטערזוכער פון שטאָט, סטעיט און אויך פון דער עף־בי־אי. א באַזונדער אויספאָרשונג איז שוין לאַנג צוריק אויך דורכגע־פירט געוואָרן פון א פאָר ספּעציעל־אָנגעשטעלטע עקספּערטן פון דער יוניאָן. א פאַרהער איז וועגן דעם ערשט אין חודש פעברואַר פון 1951 געפירט געוואָרן אויך פון דער קיפאָווער סענאַט־קאָמיטע. אָבער פון אַלע אויספאָרשונגען איז גאָר ניט געוואָרן.

פאַר מענטשן, וואָס האָבן זיך פון אָנהויב אָן שטאַרק פאַראינ־טערעסירט מיט דעם ענין איז גאָר קיין ספק ניט געבליבן, אז פאַר די שיסערייען אויף די רוטערס זיינען פאַראַנטוואָרטלעך די געמבלינג־רע־קעטירס.

אָבער קשיות זיינען געווען:

ערשטנס, פאַרוואָס גייט עס צו אַזוי שווער צו געפינען די שול־דיקע?

צווייטנס, דער טשיף פון דער דעטראָיטער פּאָליציי, ראַלף גאַי, האָט ביים פאַרהער פון דער קיפאָווער־קאָמיטע דערציילט, אז א קאָמיטע־

מיטגליד פון דער אויטאָמאָביל־ארבעטער יוניאָן, עדוארד העסטער, איז פון אים ארעסטירט געוואָרן אַלס אַ געמבלינג־אַגענט און דערפאַר, וואָס ער האָט אים געוואָלט אָפּקויפן.

קיינער האָט אָבער ביי דער קאָמיטע ניט געקאָנט דערקלערן פאַר־וואָס די אָנקלאַגע געגן דעם דאָזיגן קאָמיטע־מיטגליד איז אויף אַ מיסטע־ריעזן אופן אינגאַנצן צונישט געוואָרן. האָבן מענטשן געפרעגט: פאַר־וואָס האָט מען די דאָזיגע קעיס געדאַרפט באַזייטיגן און פאַרוואָס האָט מען דאָס געדאַרפט טאָן אויף אַזאַ מיסטעריעזן שטייגער?

דריטנס, אגענטן פון דער קיפאָווער־קאָמיטע, וואָס האָבן געפאָרשט דעם ענין וועגן דער שיסעריי אויף די רוטערס, האָבן געוואָלט, אַז דאָס עדות־זאָגן פון איינעם, אַ דעטראָיטער רעקעטיר, סאַנטאָ פּעראָנע, און פון זיינעם אַ פריינט, וואָס איז אַ געוועזענער באַאַמטער פון דער אויטאָ־יוניאָן, זאָל געשטעלט ווערן אונטער אַ פּרואוו פון אַ „לאַי דעטעקטאָר", אַ ליגן־מאַשינקע. האָבן ביידע דערקלערט, אַז אויב מען וועט נוצן אַ מאַשינקע וועלן זיי אויף קיין פראַגן ניט ענטפערן. איז די פראַגע גע־ווען: פאַרוואָס האָבן זיי מורא געקראָגן פאַר דער מאַשינקע?

אויף די אַלע קשיות האָט אָבער טיילווייז געגעבן אַן ענטפער דער זשורנאַל „מאָדערן אינדאָסטרי", וואָס איז אַ זשורנאַל פון די ארבעט־געבער. אמת איז אפילו, אַז אַלס כלל קאָן מען זיך אויף אַזוינע זשור־נאַלן ווייניג פאַרלאָזן. אָבער וועגן דער שיסעריי אויף די רוטערס האָט מען דאָרט, דאַכט זיך, דאָך ארויסגעזאָגט איינציגע אמת'ן.

אין דער אויסגאַבע פון 15טן יוני, 1950, האָט מען דאָרט גע־שריבן:

„עס בלייבט ווייניג ספק, אַז די שיסערייען אויף די רוטערס שטאַ־מען פון די געמבלינג־רעקעטס. מיר קאָנען זאָגן, אַז דאָס איז די אי־בערציייגונג פון מענטשן, וואָס האָבן אונטערזוכט די קעיס און פון די, וואָס זיינען אַמבעסטן באַקענט מיט די שיסערייען. דאָס ווערט אויך באַפעסטיגט מיט דעם פאַקט, וואָס מען האָט נאָך ביז איצט ניט פאַר־עפנטלעכט קיין באַריכט פון די צוויי אויספאָרשונגס־ספּעציאַליסטן, וואָס די אויטאָ־יוניאָן האָט אַליין אריינגעבראַכט אויף אויסצופאָרשן דעם גאַנצן ענין. — — — געמבלערס וואָס זיינען פאַראינטערעסירט אין דער מאַשינערי פון דער יוניאָן האָבן געהאָלפן אריינזעצן רוטער'ן אין זיין איצטיגער מאַכט — — — אָבער נאָכדעם ווי ער האָט זיך אין זיין

פּרעזידענט־אַמט באַפעסטיגט האָט זיך ביי אים געשאַפן אַ וואונטש צו זען, אַז זיין פּאָזיציע זאָל אַביסל אַרומגערייניגט ווערן, זיין קאַפּאַטע זאָל ניט בלייבן באַפלעקט. — — — די מערדערלעכע אַטאַקע אויף דעם יוניאָן־פּרעזידענט איז געקומען נאָך אַזוינע לאָקאַלע וואַלן, וואו פריער־דיגע פּראָ־געמבלינג רוטער־מענטשן זיינען באַזיגט געוואָרן פון „נייע' רוטער־מענטשן".

אַן אַנדער געשיכטע, וואָס האָט געוואָרפן אַ ליכט אויף די שיפּער־רייען איז געווען ווי פאָלגט:

אין חודש פעברואַר, 1945, ווען די סי־אַי־אָ אויטאָ־יוניאָן איז נאָך געפירט געוואָרן פון אַ קאָאַליציע־אַדמיניסטראַציע מיט ר. דזש. טאָמאַס אַלס פּרעזידענט, זיינען 34 באַאַמטע און עקזעקוטיוו־מיטגלי־דער פון דעם ראַיט עיראָנאַטיקאַל לאָקאַל 669 געשטעלט געוואָרן אונטער קלאַגן און מען האָט זיי סוספּענדירט.

דעם 12טן יולי, 1945, האָט אַ גרענד דזשורי פון פּאַסעיק קאַונטי אַלע 34 סוספּענדירטע אינדאַיטעד.

די קלאַגן געגן זיי זיינען געווען, אַז זיי האָבן פאַרנומען יוניאָן־געלט און אַז זייערע אַמטן אין דער יוניאָן זיינען גענוצט געוואָרן אויף דורכצופירן פאַרשידענע שווינדלען.

באַוואוסט איז, אַז אין דעם איז געווען איינגעשלאָסן געמבלינג און אַנדערע מעטאָדן פון רעקעטירינג.

אין אָנהויב פון 1946 זיינען דער סוספּענדירטער פּרעזידענט פון לאָקאַל און דער סוספּענדירטער פינאַנץ־סעקרעטאַר פאַר'משפּט געוואָרן, אַז יעדער איינער פון זיי זאָל צאָלן טויזנט דאָלאַר שטראָף און אויך גיין אין טורמע.

מיט אַ יאָר שפּעטער, אין אָנהויב פון 1947, זיינען אַכט אַנדערע פון די 34 אָנגעקלאָגטע פאַר'משפּט געוואָרן, אַז יעדער איינער זאָל צאָלן אַ שטראָף פון 750 דאָלאַר און מען האָט זיי אויך איינגעטיילט סוספּענ־דירטע טורמע־טערמינען פון אַנדערהאַלבן ביז פינף יאָר.

דער לאָקאַל 669 איז אָבער דורך דעם פון די געמבלינג־רעקעטירס ניט באַפרייט געוואָרן. אין נייע וואַלן, וואָס זיינען נאָך די אינדאַיט־מענטס פאָרגעקומען אין לאָקאַל איז די פירערשאַפט ווידער אַריין אין די הענט פון רעקעטירס.

ר. דזש. טאָמאַס האָט דעריבער דעמאָלט באַשטימט אַ קאָמיטע, וואָס

זאָל צווישן די אַרבעטער פון דער „ראַיט ערגאַנאַטיקאַל קאָרפּערעישאָן" דורכפירן אַן אונטערזוכונג.

איז אַט־די קאָמיטע דעם 21טן מערץ, 1947, געקומען צו דער דזשע־נעראַל עקזעקוטיוו באָארד פון דער יוניאָן מיט אַ באַריכט, וואָס האָט דערציילט, אַז אין פאַבריק פון דער „ראַיט קאָרפּאָרעישאָן" ווערט אָנגע־פירט אַ געמבלינג־רעקעט, וואָס אַרבעט סיסטעמאַטיש ווי פאָלגט:

„יעדן טאָג, פאַר מיטאָג, ווערן צווישן אַלע סטוּאַרדס פון פאַבריק פאַנאַנדערגעטיילט פּאַפּיר־בלאַנקן וועגן די פערד־רעיסעס. צווישן 12 אַזייגער און האַלב נאָך איינס גייען די סטוּאַרדס אַרום און נעמען אַן די „בעטס" (די וועטן). פּונקט האַלב נאָך איינס גייט אַרום אַ מאַן מיט אַ ברוינעם פּאָרטפעל, נעמט צוזאַמען די צעטעלעך און דאָס געלט און לייגט עס אַריין אין דעם פּאָרטפעל. אַן ענלעכע צווייטע קאָלעקציע ווערט געמאַכט דריי אַזייגער, נאָך דעם ווי עס ווערן באַוואוסט די רעזולטאַטן פון דעם ערשטן רעיס. אַזוינע מעטאָדן פון אָרגאַניזירטע געמבלינג", האָט דער באַריכט ווייטער געזאָגט, „ווערן אויך אָנגעפירט אַרום בעיס־באָל און פאַרשידענע אַנדערע אַזוינע זאַכן וואו דער נאָמבערס־רעקעט קאָן טאָן זיין אַרבעט".

דער באַריכט האָט אויך דערציילט ווי אַזוי די הערשער פון לאָקאַל פירן אָן אַ „ברוטאַלן טעראָר", כדי צו קאָנען אָנהאַלטן זייער קאָנטראָל און דעם געמבלינג־רעקעט.

נאָך מער: עס איז באַוויזן געוואָרן, אַז די סטוּאַרדס פון די אַר־בעטער, וואָס זיינען אין פאַבריק געוואָרן די אַגענטן פון דעם געמבלינג־רעקעט זיינען פון די פאַרטרעטער פון דער קאָמפּאַני אויך ניט געשטערט געוואָרן אויף אָנצופירן זייער פאַרקויף פון די נאָמבערס צווישן די אַרבעטער.

איינער פון די קאָמפּאַני־באַאַמטע האָט איינמאָל געהאַט אַ ספּע־ציעלן שמועס מיט אַ גרופּע פון די סטוּאַרדס און ער האָט צו זיי גע־טענה'ט:

„הערט, חברה: אונז אַרט זייער ווייניג צי איר מאַכט אין פאַבריק אייער טאָג אַרבעט, אָדער צי איר גיט אַוועק אַ טייל פון אייער צייט אויף עפּעס אַנדערש. פאַר אונז איז נאָר וויכטיג, איר זאָלט זען, אַז אַלע אַנדערע אַרבעטער זאָלן מאַכן אַ גוטן טאָג אַרבעט".

די סטוּאַרדס האָבן, הייסט עס, געקראָגן אַ גרינע ליכט צו מעגן אָנ־גיין מיט די געמבלינג־געשעפטן וויפיל זיי ווילן. אַלץ וואָס מען האָט פון

זיי געפאָדערט איז, אַז דערפאר זאָלן זיי נאָר דינען אַלס גוטע אַנטרייבער פאַר דער קאָמפּאַני און יאָגן די ארבעטער, אַז זיי זאָלן אָנהאַלטן א שטארקן „ספּיד־אַפּ״.

איז אָבער די נאַציאָנאַלע אדמיניסטראַציע פון דער אויטאָ־יוניאָן אין יענער צייט, אין מערץ, 1947, שוין געווען אונטער דעם קאָנטראָל פון וואָלטער רוטער. האָט ער דעם באריכט פון דער קאָמיטע דערשטיקט און אים ניט געלאָזט פאַרעפנטלעכן.

קיין שטעלונג נעגן די רעקעטירישע הערשער פון דעם לאָקאַל 669 האָט ער אויך ניט גענומען.

מיט איבער צוויי יאָר שפּעטער, אין חודש יוני, 1949, איז אָבער א קאָפּיע פון דעם באריכט אריינגעפאַלן אין די הענט פון א פּראָגרעסיווער גרופּע פון דער יוניאָן און אָט־די גרופּע האָט דעם באריכט יאָ פאַרעפנטלעכט.

וואָס־זשע האָט וועגן דעם געטאָן וואָלטער רוטער?

זיינען איניגע פון זיינע מענטשן, קודם כל, ארויס מיט אַזוינע טענות:

ראָקאָ באַמבאַראַ, דער פּרעזידענט פון דעם לאָקאַל פון די ראַיט־ארבעטער, האָט דעם 25טן יוני, 1949, אין א דערקלערונג זיך צע׳־טענה׳ט, אַז די קלאָגן וועגן געמבלינג און רעקעטירינג אין זיין לאָקאַל „זיינען אינספּירירט געוואָרן פון לינקע״.

דזשאָרדזש פּ. קרענמאָר, וואָס איז דעמאָלט געווען דער אַסיסטענט רידזשאָנאַל־דירעקטאָר פון דער יוניאָן אין דעם דיסטריקט וואו דער לאָקאַל 669 געפינט זיך, איז דעם 27טן יוני, 1949, ארויס מיט א דערקלערונג און גע׳טענה׳ט, אַז:

„די באַנייטע קלאָגן, אַז אין דעם לאָקאַל 669 גייט אָן געמבלינג און רעקעטירינג זיינען א לעצטער פאַרצווייפלטער פּרווו פון קאָמוניסטישע עלעמענטן און זייערע נאָכפאָלגער אין דער יוניאָן צו דיסקרעדיטירן אונזער פּרעזידענט וואָלטער רוטער״.

און וואָס האָט רוטער אַליין געטאָן?

ער האָט געשטעלט אונטער א קלאָגע איניגע אָנפירער פון דער גרופּע, וואָס האָט פאַרעפנטלעכט דעם באריכט, וועלכן ער האָט דריטהאַלבן יאָר געהאַלטן דערשטיקט און צוויי פון זיי, טרעיסי דאַל און סעמועל סעידזש, האָט ער דערפאַר דעם 15טן יולי, 1949, אויסגעשלאָסן פון דער יוניאָן.

צו די דאָזיגע אַלע געשיכטעס איז שפּעטער אויך צוגעקומען אַ דערקלערונג פון איינעם, רעי קאַראַל, אַ געוועזענער יוניאָן־פירער פון רעיס־טרעק אַרבעטער און אָנגעשטעלטע, אַז צווישן די געמבלינג־רעקעטירס אין דער אויטאָ־אינדוסטריע זיינען אויך פאַראַן געוויסע יוניאָן־באַאַמטע, וואָס קריגן היבשע חלקים פון די מיליאָנען דאָלער, וואָס די געמבלינג־געשעפטן ברענגען אַריין יעדן יאָר.

(ווען דער דאָזיגער בוך איז געגאַנגען צום דרוק איז געווען אַ מעלדונג, אַז פּאָליציי אין דעטראָיט האָט אַרעסטירט אייניגע פּערזאָנען און אַז זי האָט שוין אויסגעפונען ווער עס איז שולדיג פאַר דער שיסעריי אויף וואָלטער רוטער. איינער פון די באַשולדיגטע איז דער פריער־דערמאָנטער גענגסטער פּעראַני. נאָר דער גאַנצער ענין איז נאָך אַלץ ניט געווען אויפגעדעקט.)

דער לוריע־מאָרד אין דער דרעס־אינדוסטריע

טשיקאַווע איז, וואָס פּונקט ווי אין דער אויטאָמאָביל־אינדוסטריע זיינען (ווייניגסטנס ביז יאַנואַר 1954) געבליבן „ניט געכאַפּט" און ניט באַשטראָפט די מאָרד־ספּעציאַליסטן, וואָס האָבן געשאָסן און פאַרוואונדעט די רוטערס אַזוי זיינען אין דער ניו־יאָרקער דרעס־אינדוסטריע געבליבן „ניט געכאַפּט" און ניט באַשטראָפט די מערדער, וואָס האָבן דער־הרג'עט דעם יוניאָן־אָרגאַניזאַטאָר וויליאַם לוריע.

וויליאַם לוריע איז דערמאָרדעט געוואָרן דעם 9טן מאַי 1949, ווען די דרעסמאַכער־יוניאָן האָט אָנגעפירט אַ קאַמף קעגן אַ צאָל אַנטי־יוניאָן פאַבריקאַנטן און קאָנטראַקטאָרס פון דער דרעס־אינדוסטריע. לוריע איז דערשטאָכן געוואָרן בשעת ער איז אַריין צו מאַכן אַ טעלעפאָן־רוף אין אַ ביידל פון דער געביידע 224 וועסט 35טע גאַס.

פאַרוואָס זיינען זיינע מערדער געבליבן ניט באַשטראָפט?

קאָן מען זען, אַז דאָ זיינען די אורזאַכן געווען כמעט די זעל־

ביגע ווי אין דער אויטאָמאָביל־אינדוסטריע:

איינגע אָנפירער פון דער אונטערוועלט האָבן זיך אריינגעריסן אין די ביזנעס פון דער דרעס־אינדוסטריע און געוויסע באַאמטע פון דער יוניאָן, וואָס האָבן געדאַרפט פירן איר קאַמף האָבן שטילערהייט געאַרבעט צוזאַמען מיט איינגע פון די זעלביגע טונקעלע פּאַרשוינען, וואָס האָבן געקעמפט געגן דער יוניאָן.

א שטיקל ליכט האָט אויף דעם דאָזיגן ענין געוואָרפן א צירקולאַר, וואָס איז א צייט נאָך דעם מאָרד פון וויליאַם לוריע פאַרשפּרייט געוואָרן פון זיין שוועסטער, אַן אַקטיווע יוניאָן־טוערין, מיני לוריע.

אין איר צירקולאַר האָט זי געשריבן:

„אין דעם נאָכמיטאָג פון 9טן מאַי (ווען ווילי לוריע איז דערמאָרדעט געוואָרן) זיינען ווילי און א קאָמיטע פון יוניאָן־אָרגאַנאַיזערס, טאָני מילעטי, אַל סיפּריאָני, דזשאַני איעלא, לואי זשענטילי, סאַל יאַניד, דזשאַני (סטיוו) האַמיל און אַנדערע, אריין צו באַזוכן איינגע שעפּער אין דער געביידע 224 וועסט 35טע גאַס. און דעמאָלט האָט א מאָדנע זאַך פּאַסירט. די קאָמיטע איז פון דער געביידע ארויס אָרום דריי אַזייגער און זיך אָנגעהויבן פאַנאַנדערצוגיין. יעדער איינער פון זיי איז מיט איין אויסרייד אָדער א צווייטן אַוועק אויף אַן אַנדער וועג. בלויז טאָני מאַלעטי און ווילי זיינען געבליבן שטיין אין פראָנט פון דעם אריינגאַנג אין דער געביידע. נאָכדעם ווי ווילי האָט דאָרט גערעדט צו טאָני'ן איינגע מינוט איז ווילי צוריק אריין אין דער געביידע צו מאַכן א טעלעפאָן־רוף. אָט־דאָרט, אין דעם טעלעפאָן־ביידל, איז ער אַטאַקירט געוואָרן פון צוויי מענטשן און מען האָט אים דערשטאָכן".

מיני פרעגט דאָ נאָכדעם אין איר צירקולאַר:

„וואו איז געווען טאָני, בשעת ווילי האָט געשריגן פאַר הילף? — — — וואו איז געווען דזשאַני (סטיוו) האַמיל?".

„טאָני מילעטי, וואָס האָט באַוויזן אריינצוליינן אין באַנק 20 טויזנט דאָלאַר", שרייבט זי ווייטער אין איר צירקולאַר, „ער און אַל סיפּריאָני זיינען איצט די באָסעס פון א ניט־יוניאָן שאַפּ אין בראָנקס. דזשאַני איעלא האָט איצט א ניט־יוניאָן שאַפּ אין ברוקלין. האַמיל, זשענטילי און יאַנד טראָגן מיט זיך נאָך אַלץ מיטגליד־קאַרטלעך פון דער אינטערנעשאָנאַל לעידיס גאַרמענט וואָירקערס יוניאָן".

די שותפות פון געוויסע יוניאָן־באַאמטע מיט אַזוינע פאַרשוינען,

וואָס האָבן געקעמפט נעגן דער יוניאָן האָט מען אויך געקאָנט זען אין פאָלגענדיגע געשעענישן:

אין 1951 האָט מען געשטעלט צו א משפט א גענגסטער בענעדיקטאָ מאַקרי (א קאָלעגע פון דעם קעניג פון דעם ברוקלינער מאָרד־סינדיקאַט אַלבערט אַנאַסטעיישיאַ), וואָס איז געווען באַשולדיגט אין דעם מאָרד.

זייער א סך דעטאַלן, וואָס זיינען ארום דעם מאָרד געווען פאַר־וויקלט, האָבן גערינגט אַלס באַווייזן, אז מאַקרי איז געווען איינער פון די, וואָס האָבן לוריע'ן דערשטאָכן.

ווען א גרענד דזשורי האָט פריער געהאַט אונטערזוכט די באַשול־דיגונג געגן מאַקרי'ן זיינען ביי איר אויפגעטראָטן אייניגע עדות, וואָס זיינען אליין אויך אַגענטן פון רעקעטירס, און זיי האָבן עדות געזאָגט, אז מאַקרי איז געווען איינער פון די צוויי, וואָס האָבן לוריע'ן דער־שטאָכן. נאָר אין געריכט האָבן זיי זייער עדות זאָגן געביטן.

דער ריכטער סאַול ס. סטרעיט, וואָס האָט געפירט דעם פּראָצעס האָט וועגן דעם נאָכן אורטייל פון דער דזשורי געזאָגט:

„א סך מאָדנע זאַכן זיינען ביי דעם פּראָצעס פאָרגעקומען. דער עדות בלומענטאַל האָט פאַרלאָרן דעם זכרון; דער עדות וויינבערג האָט פאַרלאָרן די ראיה; מיסעס באַנאַנאַ און מר. בלאַק האָבן צוריקגעוואָר־נען דעם זכרון".

וועגן דעם עדות (סידני) בלומענטאַל האָט זיך נאָכדעם ארויסגע־וויזן, אז ער איז אָפּגעקויפט געוואָרן פון מאַקרי'ס אַן אונטערוועלט־קאָ־לעגע דזשאָרדזש („מאַסעלס") פּוטערמאַן, וואָס איז אליין געווען א באַ־אַמטער אין דעם ברוקלינער לאָקאַל צוויי פון דער א. פ. אָוו ל. דזשולערי ארבעטער יוניאָן. ביידע, סיי בלומענטאַל און סיי פּוטערמאַן, זיינען דערפאַר נאָכדעם פאַר'משפט געוואָרן צו טורמע.

אָבער מאַקרי איז ביי זיין פּראָצעס דערקלערט געוואָרן „ניט שולדיג".

ביי דעם דאָזיגן פּראָצעס איז אָבער אויך זייער שטאַרק פּאָפּולער געוואָרן דער נאָמען פון עדי קאָהען.

עדי קאָהען און מאַקרי האָבן בשותפות אָנגעהאַלטן א טראָקינג־פירמע, וואָס האָט געפירט באָנדלעך פאַר ניט־יוניאָן שפּער און זיי האָבן בשותפות אויך געגעבן אונטערוועלט־פּראָטעקציע צו דרעס־באַסעס. וואָס האָבן געקעמפט געגן יוניאָן.

ווען עדי קאָהען איז ביים מאַקרי־פּראָצעס אויפגעטראָטן אַלס עדות

האט ער אליין אויך דערציילט ווי אזוי ער און מאקרי האבן באשיצט די ראזבעל דרעס־קאמפאני, בעת די יוניאן האט געגן איר געפירט א סטרייק.

אבער בלויז איינינע וואכן נאך יענעם פראצעס איז עדי קאהען שוין נאר געווארן א פרעזידענט פון א לאקאל 129 פון א „דיסטילערי, רעקטיפאאינג ענד ווין ווארקערס יוניאן" פון דער א. פ. אוו ל.

אין דער זעלביגער צייט, וואס ער איז געווארן א פרעזידענט פון א יוניאן מיט א טשארטער פון דער א. פ. אוו ל. איז ער אויך געווארן א ביזנעס־אגענט פון אן אזוי־גערופענער „אינדעפענדענט יוניאן".

א קורצע צייט שפעטער איז שוין עדי קאהען נאר ארעסטירט געווארן אין א געשלעג וואו ער מיט א גענג האבן געפרואווט ברעכן א סטרייק, וואס א יוניאן האט אנגעפירט אין וויפעני, ניו דזשוירזי.

און דא האט ער ביי זיך ווידער געהאט פאפירן צו ווייזן, אז ער איז א פארטרעטער פון א יוניאן פון דער א. פ. אוו. ל.

די שותפות פון רעקעטירם און געוויסע באאמטע פון יוניאנס האט זיך אזוי אנגעזען אויך אין אנדערע פאלן.

למשל, אין יאנואר 1952 האט די ניו־יארקער פאליציי געפונען א דערשאסענעם א רעקעטיר מיטן נאמען נעט נעלסאן.

עס איז ביי קיינעם נים געווען קיין ספק, אז ער איז דער'הרג'עט געווארן דורך א קריג מיט אייגענע פריינט פון דער אונטערוועלט.

אבער וואס איז געווען דער יחוס פון דעם דאזיגן נעלסאן?

ווייסט מען, אז מיט א געוויסער צייט פריער, איידער ער איז דער־שאסן געווארן, איז ער געווען א „חשוב'ער" מיטגליד פון דעם קלאוק־און דרעס־דראַיווערס לאקאל 102 פון דער פרויען קליידער ארבעטער יו־ניאן. ער איז געווען א יחסן ביי די הויפט־באאמטע פון דעם דאזיגן לאקאל. נאר נאכדעם איז ער צוזאמען מיט א מיטגליד פון דער לעפקע־גענג אליין אריין אין די דרעס־ביזנעס און געווארן אן אנפירער פון א ניט־יוניאן־שאפ און פון גארילא קאמפן געגן דער יוניאן.

דער שרייענדיגסטער ביישפיל איז אבער געווען און געבליבן די געשיכטע וועגן דעם רעקעטיר דזשאני דיא.

פונוואנען האט ער זיך גענומען?

האט די ניו־יארק סיטי אנטי־קראים קאמיטע אין 1952 געוויזן זיין יחוס.

אירע רעקאָרדס האָבן דערציילט, אַז דזשאַני איז אַ היבשע צייט געזעסן אין טורמע פאַר „עקסטאָרשאָן", דאָס מיינט פאַר ארויספּרעסן געלט מיט מיטלען פון גוואַלד.

פון טורמע איז ער ארויס אין 1942.

צוזאַמען מיט אייניגע רעקעטירס פון דער פרויען קליידער אינדוסטריע איז ער דעמאָלט אריין אין די טראָקינג־ביזנעס. זייער געשעפט איז געווען צוצושטעלן באַנדלעך צו פאַרשידענע אָפּען־שאַפּ און סטרייק־ברעכערישע קאָנטראַקטאָרס.

זיי האָבן זיך אין דער זעלביגער צייט באַשעפטיגט אויך מיט אַנדערע ניט זייער פיינע געשעפטן.

אין 1950 האָט אָבער דזשאַני דיאָ באַשלאָסן צו נעמען זיך נאָר צו יוניאָן־ביזנעס.

איז ער ביי זיך אַליין און פאַר זיך אַליין געוואָרן אין ניו יאָרקער דיסטריקט אַן אָרגאַנאַיזער פון אויטאָמאָביל־אַרבעטער. ער האָט זיך גענומען צו אָרגאַניזירן מערסטנס אַזוינע אַרבעטער, וואָס זיינען באַשעפטיגט אין די קלענערע שעפּער, דאָרט וואו מען פאַרריכט אויטאָמאָבילן און וואו מען מאַכט געוויסע „פּאַרטס", טיילן פון אויטאָמאָבילן.

אָבער וואו נעמט מען פאַר דזשאַני'ס יוניאָן אַ טשאַרטער?

איז אים צו הילף געקומען סעם בערגער פון דעם קלאָוק און דרעס טראָק דראַיווערס לאָקאַל 102.

דער דאָזיגער בערגער איז געווען דזשאַני'ס אַ ראַטגעבער און מיטהעלפער אין דער אָרגאַניזירונג פון זיין יוניאָן און ער איז אויך געווען זיין ראַטגעבער און מיטהעלפער אויף קריגן אַ טשאַרטער.

ניט מער ער האָט דעם טשאַרטער ניט געקאָנט קריגן אין ניו יאָרק, נאָר ער האָט געדאַרפט נאָך אים פאָרן קיין שיקאַגאָ.

דאָרט, אין שיקאַגאָ, זאָגט די דערמאָנטע קאָמיטע, איז פאַראַן אַן א. פ. אָוו ל. לאָקאַל פון רעג־פּיקערס, שמאַטע־קלייבער.

דער דאָזיגער לאָקאַל האָט אין יענער צייט פאַרמאָגט ניט מער ווי ארום אַ טויזנט מיטגלידער. ער איז אָבער גוט אויסגענוצט געוואָרן פון רעקעטירס.

מיט אַ צייט פריער איז ער געשטאַנען אונטער דער הערשאַפט פון דער קאַפּאָנע־גענג. נאָכדעם איז זיין הויפּט הערשער געוואָרן איינער אַ פּאָול דאָרפמאַן, וואָס האָט הינטער זיך אויך אַ רעקאָרד פון אַ רעקעטיר.

איז דאָס דזשאַני דיאָ געקומען און מיט אים געשלאָסן א „דיל” ער זאָל פאַר אים קריגן א טשאַרטער.

געגנוי וואָס דער „דיל” איז געווען איז שווער צו זאָגן.

עס איז אָבער באַוואוסט, אַז אין חודש סעפּטעמבער פון 1950 איז פּאָול דאָרפמאַן געקומען קיין ניו יאָרק און אין איינעם פון די רייכסטע האָטעלן פון שטאָט האָט ער צו דיאָ'ן און בערגער'ן איבערגעגעבן א טשאַרטער פון דער יונאַיטעד אויטאָמאָביל אַרבעטער יוניאָן פון דער א. פ. אָוו. ל.

דזשאַני איז נאָכדעם באַלד געוואָרן דער באָס פון צוויי יוניאָן־לאָקאַלן און אויך א רידזשאָנאַל־דירעקטאָר (א ראַיאָנער באַאַמטער) פון דער אויטאָמאָביל אַרבעטער יוניאָן פון דער א. פ. אָוו ל.

אָבער פון די דרעס־ביזנעס איז ער אויך ניט אַרויס. נאָר פאַר־קערט, זיינע געשעפטן האָט ער דאָרט נאָך מער אויסגעבריייטערט. ער האָט זיי אויסגעברייטערט סיי אין דער דרעס־אינדוסטריע און סיי אין אייניגע אַנדערע אינדוסטריעס.

באַריכטן האָבן אין יענער צייט דערציילט, אַז צוזאַמען מיט זיינע יוניאָן־ביזנעס איז ער אין דער זעלביגער צייט געווען אויך א באָס אין די ביזנעס פון די פאָלגענדע פירמעס:

די ל. און ד. אויטאָמאָטיוו סוירוויס.

סעילעם אינקאָרפּאָרעיטעד.

א פלאָריסט פירמע.

א טראָקינג פירמע.

לעידי פעיר דרעס קאָמפּאַני.

פיינפעיר פעשאָנס.

ראָזמער פעשאָנס.

קווין ען פראָקס.

יונאַיטעד ספּאָרטוועיר קאָמפּאַני.

ריד שאָולדער פעד קאָמפּאַני.

די דאָזיגע קלאָוק און דרעס־פירמעס זיינען כמעט אַלע געווען אָפּען־שאָפּ פירמעס. נאָר דורך די קאָמפּעינס פון דער קלאָוק און דרעסמאַכער יוניאָן האָט מען שוין אייניגע פון זיי נאָכדעם יוניאָניזירט.

ביי דער קאָנווענשאָן, וואָס די יוניאָן פון די פרויען קליידער־אַר־בעטער (אינטערנעשאָנאַל לעידיס גאַרמענט וואָרקערס) האָט אָפּגעהאַלטן

אין 1953 האָט מען לויט אַ רעקאָמענדאַציע פון איר פּרעזידענט דוד דובינסקי און פון אירע וויצע־פּרעזידענטן אויסגעדריקט אַ „שאַרפן פאַר־וואורף" צום מענעדזשער פון דעם לאָקאַל 102 דערפאַר, וואָס ער האָט דזשאָני'ן געהאָלפן אַריינצוקומען אין די יוניאָן־ביזנעס. אָבער דער פאַקט יועגן דער דאָזיגער האַנדלונג איז דאָך פאַרבליבן.

דער יחוס פון אירווינג שערמאַן

אַ גרויסע ראָלע אין דער אינדוסטריע פון די פּרויען־קליידער אין ניו־יאָרק האָט געשפּילט דער רעקעטיר אירווינג שערמאַן.

ווען די קיפאָווער סענאַט־קאָמיטע האָט די ערשטע חדשים פון 1951 געפירט אירע פאַרהערן אין ניו־יאָרק איז דער נאָמען אירווינג שערמאַן אַ סך מאָל דערמאָנט געוואָרן.

די קאָמיטע האָט אים געוואָלט קריגן און אים שטעלן אַ ריי פראַגן וועגן זיינע פאַרבינדונגען מיט די רעקעטירס פרענק קאָסטעלאָ, דזשאָ אַדאָניס. מען האָט אים געוואָלט אויספרעגן וועגן זיינע פאַרבינדונגען מיט טעמעני, באַזונדערס וועגן זיין פריינטשאַפט מיט דעם געוועזענעם מעיאָר אָ'דווייער. אַגענטן פון דער עף־בי־אַי האָבן זיך ארויסגעלאָזט אים זוכן. מען האָט אים אָבער צו די ערשטע ניו־יאָרקער פאַרהערן פון דער קאָמיטע ניט געקאָנט קריגן און זיין יחוס איז ביי די דעמאָלטדיגע פאַרהערן פון דער קיפאָווער־קאָמיטע ניט פאַרעפנטלעכט געוואָרן.

ערשט מיט אַ צייט שפּעטער, ווען די קאָמיטע האָט זיך אַ צווייטן מאָל גענומען צו אירע פאַרהערן אין ניו־יאָרק, האָט ער זיך געיאַוועט און אַביסל דערציילט ווער ער איז.

זיין יחוס איז אָבער יעדנפאַלס געווען באַוואוסט און לויט אייניגע באַריכטן איז עס בקיצור געווען אַזוי:

געבוירן געוואָרן איז ער אין 1897 און דווקא ניט אין אויסלאַנד, נאָר אין ניו יאָרק. ער איז, הייסט עס, ניט קיין „פאַרעינער", חלילה.

ווען די לעפּקע און גורא גענג האָט אין דער אונטערוועלט געקראָגן די יוריסדיקציע צו זיין די הויפּט־גענג אין די ניו־יאָרקער נאָדל־פאַכן, איז אירווינג שערמאַן געוואָרן אַ פאַרמיטלער פון דער דאָזיגער גענג. דורך אים פלעגט די גענג פירן אירע פאַרהאַנדלונגען מיט פירער פון דער אינטערנעשאָנאַל לעידיס גאַרמענט וואָרקערס יוניאָן.

אין 1928, ווען די לינקע האָבן געהאַט איבערגענומען די פירער־

שאפט פון די מערסטע ניו יארקער קלאוק און דרעססמאכער לאקאלן און פון זייער דעמאלטדיגער פאראייניגטער דזשאינט באארד, האט נאך די קוירלי־גענג געהאט די אונטערוועלט־„יוריסדיקציע" אין דער קלאוק און דרעס־אינדוסטריע. נאר, ווי שוין דערמאנט, אזוי ווי די לינקע האבן ניט געוואלט האבן קיין געשעפטן מיט קיין גענגסטערס, האט דעמאלט דערפאר סאשע זימערמאן, וואס איז געווען דער לינקער הויפט־באאמטער פון דעם דרעססמאכער־דעפארטמענט אין דער יוניאן, געקראגן פון דער קוירלי־גענג א צעקאליעטשעטן נאז און א פאר בלויע אויגן.

די טענה פון דער גענג איז געווען, אז דערמיט וואס די לינקע האבן איבערגענומען דעם קאנטראל פון דער דזשאינט באארד, האט מען ביי דער גענג אוועקגענומען זייער א סך ביזנעס.

אבער ווען די לעפקע און גורא־גענג האט געקראגן די „יוריסדיק־ציע" איבער די אונטערוועלט געשעפטן אין דער קלאוק און דרעס־אינ־דוסטריע, האט שוין דעמאלט די זיגמאן אדמיניסטראציע פון דער יו־ניאן געהאט דורכגעפירט א נייעם פאגראם אויף די קלאוק און דרעס־מאכער און ווידער מיט גוואלד איבערגענומען די הערשאפט איבער דער יוניאן. דעמאלט האבן זיך פאר די העלדן פון דער אונטערוועלט גע־עפנט נייע מעגלעכקייטן און אורווינג שערמאן איז געווארן דער הויפט־פארמיטלער אין די פארשיידענע פארהאנדלונגען, וואס פלעגן אפט אנ־גיין צווישן דער לעפקע און גורא־גענג און געוויסע פירער פון דער יוניאן.

אורווינג שערמאן איז דעמאלט אליין אויך אריין אין א צאל גרויסע רעקעטיר־געשעפטן.

ער איז אויף שנעל געווארן א גרויסער יחסן ניט נאר אין דער אונטערוועלט, נאר אויך צווישן גרויסע פאליטישנס. ער איז געווארן איינער פון די נאענטסטע פריינט פון פרענק קאסטעלא, דזשא אדאניס, דעמאלטדיגער ברוקלינער דיסטריקט אטוירני וויליאם א'דווייער, זיין רעכטע האנט דזשעימס דזש. מאראן. ער איז געווארן א נאענטער פריינט ביי איינעגע גרויסע פאליציי באאמטע. ער האט געקראגן א גרויסן פא־ליטישן איינפלוס צווישן די אנפירער פון דער טעמעני־מאשין, געווארן א צווייטער קאסטעלא.

אין 1943 איז ער אויך אריין אין די סאלון־ביזנעס. ער און א צווייטער רעקעטיר האבן געעפנט א „באר און גריל" אין 1578 בראדוועי. דארט איז אויך גלייך געווארן א העדקוואדערס פאר דער קאסטעלא און

אדאָנים גענג און פאַר זייערע אַלע פּאָליטישע פריינט.

דער צוועק פון דעם דאָזיגן „באַר און גריל" האָט זיך אָבער צו שנעל אויפגעדעקט און מען האָט פון אים געמוזט צוריקציען די לאַיסענס.

ווען אירווינג שערמאַן האָט זיך געיאָוועט צו דער סענאַט־קאָמיטע איז עס געווען דעם 15טן אויגוסט 1951. זיין אַדוואָקאַט, דער „סאָציאַליסט" לואיס וואַלדמאַן, וואָס איז אויך געווען דער שטענדיגער פאַרטיידיגער פון דער ראַיען־גענג, האָט פאַר שערמאַנ'ען פריער „אויסגעבעט א וועג" און ערשט דעמאָלט אים צוגעשטעלט.

האָט ער ביי דער קאָמיטע וועגן זיין יחוס דערקלערט, אז מיט א צייט צוריק איז ער געווען „אַן אַדזשאַסטער פאַר דער אַמעריקען קלאָוק און סוט אַסאָסיעישאַן", וואָס איז די אָרגאַניזאַציע פון די ניו־יאָרקער קלאָוק־קאָנטראַקטאָרס.

אָבער וואָס איז דאָס פאַר אַן אַרבעט? וואָס האָט ער דאָרט גע־דאַרפט „אַדזשאַסטן"?

האָט ער דערקלערט, אז „אַן אַדזשאַסטער" האָט געמיינט צו זיין א „מין אַרביטרעיטאָר", א שלום־מאַכער.

זיין אַרבעט, האָט ער געזאָגט, איז באַשטאַנען אין דעם, וואָס ער האָט געדאַרפט העלפן „שליכטן סכסוכים" צווישן באַלעבאַטים און אַר־בעטער אין דעם ניו־יאָרקער קליידער־צענטער.

פאַר דער סענאַט קאָמיטע איז אָבער די זאַך געבליבן אומפאַר־שטענדלעך.

מען האָט עס ניט געקאָנט פאַרשטיין, ווייל באַוואוסט איז, אז אין דער ניו־יאָרקער קלאָוק אינדוסטריע איז פאַראַן א מאַשינערי פון אַן „אומ־פּאַרטייאיש טשערמאַן". ער, דער דאָזיגער טשערמאַן, איז דער הויפּט־„אַדזשאַסטער" דורך וועלכן עס ווערן געשליכטעט סכסוכים.

טאָ וואָס איז פאָרט געווען די ראָל פון אירווינג שערמאַן?

איז די דאָזיגע פראַגע ביי דער סענאַט־קאָמיטע טאַקע געבליבן אַן אָן ענטפער.

זיין אַלגעמיינער יחוס און זיין ראָל איז אָבער אין יענער צייט, ווי אויבן דערמאָנט, שוין יעדנפאַלס געווען באַוואוסט.

זיין אָפּשניט ביי די פּאָריערס

א שטיקל אָפּשניט האָט דער דאָזיגער אירווינג שערמאַן איינמאָל

געקראָגן ווען ער האָט געפּרואווט זיך אריינמישן אין אַ סטרייק פון די פאַריערס.

דאָרט, ביי די פאַריערס, האָט מען נאָך דער באַפרייאונג פון דעם אַמאָליגן קאופמאַן־רעזשים מער ניט געוואָלט וויסן פון קיין גענגסטעריזם. דאָרט האָט מען זינט דער באַפרייאונג פון דעם קאופמאַניזם שטענדיג געהאַט דעם מוט צו שטעלן זיך געגן מערדער־באַנדעס און אין דער פאַר־אינדוסטריע האָבן זיי געבעך קיין מזל ניט געהאַט.

האָט די פאַריערס יוניאָן איינמאָל געפירט אַ סטרייק ביי איינעם פון די גרעסערע פאַר־פאַבריקאַנטן, וואָס האָט זיך געהאַט פאַרמאָסטן געגן דער יוניאָן.

האָט דער פאַבריקאַנט נאָך אַ פּאָר וואָכן סטרייקן טעלעפאָנירט דעם מענעדזשער פון דער יוניאָן און אים איינגעלאַדן ער זאָל קומען צו אים אין אָפיס.

האָט דער מענעדזשער געכאַפּט אַ שמועס מיט איניגע אַנדערע פירער פון דער יוניאָן און עס איז געבליבן ער זאָל גיין און הערן וואָס דער באָס וויל האָבן.

ער האָט געמיינט, אַז ביים באָס אין אָפיס וועט ער טרעפן בלויז אים אַליין.

ווען ער איז אריין אין אָפיס האָט ער אָבער דאָרט געטראָפן אויך צוויי אַנדערע מענטשן.

האָט ער געמיינט, אַז דאָס זיינען אפשר צוויי געשעפטסלייט, וואָס זיינען געקומען פאַר ביזנעס און ער וועט דאַרפן אביסל וואַרטן.

האָט אים אָבער דער פאַר־מאַנופעקטשורער דערקלערט, אַז מען קאָן אָנהויבן פאַרהאַנדלען גלייך און אַז די צוויי מענטשן „וועלן ניט זיין קיין שטערונג", פאַרקערט, האָט ער געזאָגט, ער וויל, אַז זיי זאָלן אויך זיין דערביי. ער דענקט, אַז זיי וועלן זיין אַ הילף אין די פאַר־האַנדלונגען.

און איידער וואָס ווען האָט טאַקע איינער פון די צוויי מענטשן, אַ הויכער פיין אויסגעפּוצטער יונגערמאַן, מיט אַן אויסזען פון אַ באַנקיר, זיך גענומען צו טענה'ן, אַז דער סטרייק דאַרף געסעטלט ווערן. ער האָט זיך אויך באַלד גענומען צו רעדן וועגן באַדינגונגען.

איז עס דעם מענעדזשער פון דער יוניאָן ניט געפעלן געוואָרן און ער האָט ביים באָס אַ פרעג געטאָן:

— קאָן איך וויסן ווער עס איז אָט־דער דזשענטלמאַן?

האָט דער באָס אויף אים דערלאַנגט אַ קוק מיט פאַרוואונדערונג און געענטפערט:

— איר ווייסט גאָר ניט ווער דאָס איז? דאָס איז דאָך אירווינג שערמאַן!

האָט אים דער יוניאָן מענעדזשער געענטפערט, אַז ער האָט געהערט, אַז עס איז דאָ אַזאַ מענטש, וואָס רופט זיך אירווינג שערמאַן.

געוואוסט האָט ער דאָס דערפאַר, ווייל אין קרייזן פון די פרויען־פאַכן האָט מען שטאַרק גערעדט, אַז אירווינג שערמאַן איז אַ פאַרמיטלער אין פאַרשידענע פאַרהאַנדלונגען, וואָס גייען אָפּט אָן צווישן דער לעפּקע און גורא־גענג מיט געוויסע יוניאָן־פירער פון די פרויען־קליידער פאַכן. אָט־דאָ איז ער עס געווען דער „אַדזשאַסטער".

— איך בין אָבער אהער געקומען צו פאַרהאַנדלען בלויז מיט אייך, האָט דער מענעדזשער פון די פאַריערס צום באָס געזאָגט. אָבער מיט קיין אירווינג שערמאַן, האָט ער דעם באָס מיט שערמאַנ'ען צוזאַמען דערקלערט, האָט ער דאָ ניט וואָס צו פאַרהאַנדלען און ער איז אַוועק.

דער פאַר־מאַנופעקטשורער איז דעמאָלט געבליבן נאָך מער פאַרוואונדערט און ער האָט עס ניט געקאָנט פאַרשטיין.

סטייטש, ווי וואַגט מען דאָס צו זאָגן, אַז מען וויל ניט האָבן צו־טאָן מיט אַזאַ „גאון" ווי אירווינג שערמאַן?

ער האָט אָבער נאָכדעם געמוזט שליכטן דעם סטרייק אָן שערמאַנ'ען.

די געענדערטע ראָלן פון דער לעפּקע און גורא גענג

די ראָלן, וואָס די לעפּקע און גורא־גענג האָט געשפּילט אין די פריערדיגע פעריאָדן פון דעם גענגסטעריזם האָבן אין די שפּעטערדיגע פעריאָדן זיך אויך געענדערט.

אַמאָל האָט די לעפּקע און גורא־גענג געאַרבעט בלויז פאַר די, וואָס האָבן זיי געדונגען. מען האָט געשפּאָלטן קעפּ פאַר וועלכע מען האָט באַצאָלט.

אין די שפּעטערדיגע יאָרן פון דער דאָזיגער גענג איז זי אָבער אַליין אויך געוואָרן דער באָס פון אַ סך אַזוינע געשעפטן צוליב וועלכע אירע רעוואָלווערן און „בלעקדזשעקס" האָבן פריער געאַרבעט בלויז פאַר אַנדערע.

אין אלע לעצטע יאָרן פון דער צאוזנער־אַדמיניסטראַציע ביי די פיינ־טערס האָט די גענג געהאַט דעם פולן קאָנטראָל איבער דער יוניאָן. ניט זי האָט געאַרבעט פאַר צאוזנער׳ן, נאָר צאוזנער און זיינע מיטהעלפער האָבן געאַרבעט פאַר איר. לעפּקע׳ס קאָמיסאַר אָסקאַר אַמבערג האָט אין דער יוניאָן געהאַט מער דעה פון צאוזנער׳ן.

„דזשעק די באָם" איז געווען די האַנט דורך וועלכער די לעפּקע און גורא־גענג האָט נאָכן מאָרד פון „ליטל אָגי" און פון הײַמי קוירלי קאָנטראָלירט די פּעינטערס יוניאָן פון ברוקלין.

די לעפּקע און גורא־גענג האָט אַ שטיק צייט געהאַט דעם פולן קאָנטראָל איבער דעם קאַטערס לאָקאַל פיר פון דער אַמאַלגאַמעיטעד קלאָ־דינג וואָרקערס יוניאָן.

זי האָט געקראָגן אַ שטאַרקן קלאַפּ ווען זי האָט דורך איר פולן קאָנ־טראָל אויפן לאָקאַל פיר און דורך אירע נאָענטע פאַרבינדונגען מיט דער בעקערמאַן און אָרלאָווסקי חברה פון דער יוניאָן געזוכט אַריינצו־קריגן אין אירע הענט דעם קאָנטראָל איבער דער גאַנצער אַמאַלגאַ־מעיטעד.

דער דעמאָלטדיגער אַמאַלגאַמעיטעד־פּרעזידענט סידני הילמאַן האָט זיך זייער שטאַרק געשטעלט נעגן דעם און די גענג האָט געמוזט מאַכן אַ צוריקטריט.

זי האָט אָבער אין יענער צייט באַוויזן אויסצושפּרייטן איר הער־שאַפט איבער די מעל־ביזנעס, די פּאַר־דרעסינג ביזנעס און איבער אַ צאָל אַנדערע געשעפטן. נאָר אין די פּאָר דרעסינג ביזנעס איז סוף כל סוף געקומען איר מפּלה און דערפאַר איז אויך אַהיבש ביסל קרעדיט געקומען די פירער פון די פאָריערס.

אין דער מעל־אינדוסטריע, האָט ער צו דעם דאָזיגן געשעפטסמאַן ציילט האָט זי דאָס געטאָן אויף אַזאַ אופן:

לעפּקע איז געקומען צו איינעם פון די הויפּט־אָנפירער פון דער מעל־אינדוסטריע און אים אָן צערעמאָניעס דערקלערט, אַז ער „גייט ווערן זיינער אַ שותף".

אין דער מעל־אינדוסטריע, האָט ער צו דעם דאָזיגן געשעפטסמאַן גע׳טענה׳ט, קאָן מען זייער אַ סך אויפטאָן.

ער האָט דעם מאַן דערציילט, אַז זיין גענג האָט שוין אַ קאָנטראָל איבער די דזשאָבערס, די גרויסע הענדלער פון מעל, און די טראָקערס

וואס פירן די מעל.

דאס ווייטערדיגע, האט ער דערקלערט, וועט זיין א קאנטראל איבער די בעקער און די בעקערייען.

דער געשעפטס־מאן האט לעפקע'ן פאר קיין שותף ניט געוואלט אננעמען. האט אים די גענג אנגעהויבן דערגיין די יארן און זי האט געהאט מיט וואס.

אין אירע הענט איז שוין דעמאלט געווען די יוניאן פון די מעל־טראקערס. דער לאקאל 138 פון די טימסטערס איז אינגאנצן געשטאנען אונטער איר קאנטראל.

איר לוטענאנט מאקס סילווערמאן האט פאר איר דעמאלט אויך ארגאניזירט א „פלאור טראקמענס אסאסיעישאן". סטרייקס זיינען דערקלערט געווארן ביי יעדן טראקינג־באס, וואס האט זיך אנטזאגט ארייננצוטרעטן אין דער אסאסיעישאן.

די גענג האט דעמאלט אויך באוויזן דורכצופירן א מארד:

וויליאם שניידער, דער פרעזידענט פון דעם מעל טראק דראיווערס לאקאל האט אנגעהויבן קריגן א חשק צו ווערן א שטיקל באלעבאס פאר זיך אליין און ניט צו ארבעטן בלויז לויט אינסטרוקציעס פון דער גענג.

איז איינער אין א נאכט פון סעפטעמבער 1934 אריין אין גארפיינ'ס רעסטאראן אויף עוועניו „עי", וואו שניידער איז געזעסן ביי א קאנפערענץ פון דער פלאור טראקמענ'ס אסאסיעישאן און האט אים דערשאסן.

מאריס גאלדיס איז ארעסטירט געווארן פאר דעם מארד, נאר מען האט אים באפרייט. אלע פערזן מענטשן, וואס זיינען געזעסן ביי דער קאנפערענץ האבן עדות געזאגט, אז זיי האבן אין צייט פון דער שיסעריי „ניט געקאנט זען" ווער דער מערדער איז געווען.

„וואלפי" גאלדיס, א ברודער פון מאריס גאלדיס, האט אבער נאכדעם גלייך איבערגענומען דעם אמט, וואס דער דערשאסענער וויליאם שניידער האט פריער געהאט אנגעהאלטן.

לעפקע'ס מעל־רעקעט האט אזוי אויך איבערגענומען דעם קאנטראל איבער די „פעיסטרי" און „פאי"־ אפטיילונגען פון דער בעיקינג־אינדוסטריע. מאקס סילווערמאן און „וואלפי" גאלדיס האבן דעמאלט ארגאניזירט די „יונאיטעד פעיסטרי און פאי בעיקערס אסאסיעישאן". באלעבאטים פון פעיסטרי און פאי בעקערייען, וואס האבן זיך אנטזאגט

צו גיין אין שפּאַן האָבן געגן זיך געקראַגן פאַרשידענע כלומרשט „צו־פעליגע אומגליק־פאַלן״, אָדער מען האָט געגן זיי דערקלערט סטרייקס און מען האָט אַרבעטער געצוואונגען צו גיין אין סטרייק.

דער פאַר־דרעסינג רעקעט, וואָס לעפּקע און גורא האָבן געהאַט אָנגעפירט צוזאַמען מיט די געווענע יוניאָן־באַאַמטע אב. בעקערמאַן פון דער אַמאַלגאַמעיטעד און מאָריס קאופמאַן פון די פאַריערס איז גע־ווען אַ דאָפּלטער. ער האָט אויף זיך געטראָגן צוויי נעמען. איין טייל פון רעקעט האָט געהייסן: „פאַר דרעסינג פּעקטאָר קאָרפּאָרעישאָן״ און אַ צווייטער האָט געהייסן: „פאַר רעביט דרעסינג אַסאָסיעישאָן״.

אָבער אָט־דער רעקעט איז געווען דער סוף פון זייער ממשלה.

דער מעל־רעקעט איז דווקא נאָך פריער צעקלאַפּט געוואָרן. „וואָלפּי״ גאָלדים און סעם שאָר, די באַאַמטע פון דעם מעל־טראָקערס לאָקאַל 138 און די באַאַמטע פון דער פּעיסטרי און פּאַי בעקערס אַסאָסיעישאָן זיי־נען אין 1937 פאַר׳משפּט געוואָרן אויף דריי יאָר טורמע. מאָריס גאָלדים איז דעמאָלט ווידער געשטעלט געוואָרן אונטער אַ קלאַגע פון מאָרד. מאַקס סילווערמאַן איז דעמאָלט אויך אַרעסטירט געוואָרן, אָבער לעפּקע און גורא זיינען אָנגעקלאָגט געוואָרן פאַר זייער ראָל אין דעם פאַר־דרעסינג רעקעט.

ביידע זיינען אין נאָוועמבער 1936 פאַר׳משפּט געוואָרן אויף צוויי יאָר טורמע.

לעפּקע האָט זיך דערפון צייטווייליג אַרויסגעדרייט דורך אַן אַפּיל אין דעם יונאַיטעד סטעיטס סירקוט קאורט. דער אורטייל געגן גורא (שאַפּירא) איז גוטגעהייסן געוואָרן, נאָר ער האָט געלאָזט פאַלן זיין בעיל און איז ניט געקומען צו גיין זיצן אין טורמע.

ביידע זיינען אָבער אין יוני 1938 ווידער גע׳משפּט געוואָרן פאַר זייערע פאַרברעכנס אין דעם פאַר־רעקעט און מען האָט זיי איינגעטיילט נאָך גרעסערע שטראָפן ווי פריער. ביידע האָבן זיך אַ שטיקל צייט פאַר דעם פּראָצעס געהאַט אויסבאַהאַלטן, נאָר זיי האָבן זיך שפּעטער אונ־טערגעגעבן.

ביים פּראָצעס איז איינער פון די הויפּט־עדות געגן זיי געווען זייער איינגענער קאָלעגע בעקערמאַן, וואָס איז דעמאָלט אַליין אויך געווען אַ פאַר׳משפּט׳ער אויף פופצן חדשים טורמע. ער איז דעמאָלט דערווייל געווען פריי אויפן גרונט פון אַן אַפּיל.

אבער די סאמע ערשטע און מוטיגסטע עדות, וואס האבן געוואגט ארויסצוטרעטן געגן לעפקע און גורא זיינען געווען אוירווינג פאטאש און סעם בוירט פון דער פאריערס יוניאן. זיי זיינען געגן די צוויי גענג־סטערס געווען עדות ווען קיין אנדערע האבן נאך ניט געהאט געוואגט געגן זיי ארויסצוטרעטן.

אין 1932, מיט איינינגע יאר פאר דעם משפט, איז פאטאש געקומען אין גאווערנאר קלינטאן האטעל צו קאנפערירן מיט סעמועל מיטעלמאן, וואס איז געווען דער אפציעלער פרעזידענט פון דער „פראטעקטיוו פאר רעביט דרעסינג אסאסיעישאן". מען האט געדארפט פארהאנדלען וועגן א יוניאן־אפמאך.

איז צו דער קאנפערענץ פלוצלינג אריין אויך דער גענגסטער דזשעיקאב „גורא" שאפירא און מיטעלמאן האט זיך געכאפט אים פארצושטעלן פאר פאטאש'ן.

האט פאטאש דערקלערט, אז ער איז אים מוחל די פארשטעלונג, נאר ער וויל וויסן, וואס דער גענגסטער טוט דא.

האט אים מיטעלמאן געענטפערט, אז גורא איז אויך א מחותן צו די פארהאנדלונגען.

האט פאטאש דערקלערט, אז אין גורא'ס אנוועזנקייט וועט ער ניט אנהויבן צו פארהאנדלען און אז מיט אים וויל ער ניט האבן קיין געשעפטן.

האבן ביידע, סיי מיטעלמאן און סיי גורא, געסטראשעט פאטאש'ן, אז ער וועט מיט גורא'ן „מוזן פארהאנדלען".

דעם זעלביגן סטראשונעק האט מען נאכדעם געגעבן אויך צו בען נאלד און צו סעם בוירט. מען האט זיי אפילו געסטראשעט, אז אויב זיי וועלן בלייבן פאר'עקשנ'ט געגן פארהאנדלונגען מיט דער גענג וועלן זיי האבן דעם זעלבן סוף ווי דער געוועזענער יוניאן־ארגאנאיזער לואיס לאנגער, וועלכן די גענגסטערס האבן פריער געהאט דערמארדעט.

דער ענטפער איז אבער געווען, אז מיט קיין גענגסטערס וועלן זיי ניט פארהאנדלען און נאכדעם זיינען פאטאש און בוירט ארויסגעטראטן אין געריכט געגן דער לעפקע און גורא־גענג.

גענגסטעריזם אונטער שוץ פון אנטי־קאמוניזם

אויף א סך ערטער איז דער געשריי געגן קאמוניזם און א פרומער אנשטעל פון פאטריאטיזם געניצט געווארן אלס שוץ פאר דעם גענג־סטעריזם.

ווען מען האָט זיך גענומען אויפצודעקן די רעקעטיר־געשעפטן פון ווילי ביאָף אין דער פילם־אינדוסטריע האָט ער זיך צע׳טענה׳ט, אַז די באַשולדיגונגען געגן אים שטאַמען פון קאָמוניסטן.

ווען די קיפאָווער־סענאַט קאָמיטע האָט זיך גענומען צו פירן אַ פאַרהער וועגן די געשעפטן פון דער ראַיען־גענג אויפן ניו־יאָרקער וואַ־סער־פראָנט האָט ראַיען אין אַ דערקלערונג צו צייטונגס־רעפּאָרטערס זיך צע׳כעס׳ט הלמאי די קיפאָווער־קאָמיטע רעכנט זיך ניט מיט זיין קאַמף געגן קאָמוניסטן.

דאָס פאַר׳שיכור׳ן צענדליגער טויזנטער דאָלער פון יוניאָן־געלטער אויף הולטאַיסקע הוליאַנקעס האָט ביי אים אויך געהייסן „קאַמף געגן קאָמוניסטן״.

ווען מען פלעגט אויפדעקן די רעקעט־געשעפטן פון דער צאַוזנער־אַדמיניסטראַציע ביי די פעינטערס פלעגט ער אוודאי שטענדיג שרייען, אַז די אויפדעקונגען זיינען „בלבולים פון קאָמוניסטן״.

ווען מיטגלידער פון דער פעינטערס־יוניאָן האָבן אָנגעוויזן אויף די שווינדלען פאַר וועלכע צאַוזנער׳ס און ראַרבאַק׳ס פריינט סעם לעמקין איז פאַר׳משפט געוואָרן אויף יאָרן אין טורמע, האָט ער אויך געשריגן, אַז די שווינדל־אָנווייזונגען זיינען „בלבולים פון קאָמוניסטן״.

דער רעקעטיר דזשאָזעף פעי האָט זיינע ריזיגע פאַרברעכנס זייער אָפט אויך געזוכט צו פאַרדעקן מיט טענות, אַז די באַשולדיגונגען געגן אים „שטאַמען בלויז פון קאָמוניסטן״.

טשיקאַווע איז אָבער געווען ווען אַזאַ געשריי איז אין אָקטאָבער 1935 גענוצט געוואָרן צו באַשיצן דעם שווידערלעכן רעקעט, וואָס „טוצי״ הערבערט האָט אָנגעפירט אין דעם עופות־האַנדל אויפן טשיקן־מאַרקעט און אין די יוניאָן־לאָקאַלן פון די שוחטים און די דראַיווערס פון די טשיקנס.

רעקעטירינג איז זייער ברייט געווען פאַרשפּרייט אין אַלע טיילן פון דער שפּייז־אינדוסטריע.

אין 1937 האָט מען אויפגעדעקט אַ שווידערלעכן רעקעט, וואָס מענטשן פון דער אונטערוועלט האָבן בשותפות מיט אייניגע יוניאָן־אַגענטן און באַלעבאַטים אָרגאַניזירט אין די רעסטאָראַנען און קאַ־פעטעריעס.

אפילו דזשעק דעמפּסי, אַט־דער גרויסער קולאַקן־העלד, דער אַמאַ־

ליגער שטארקסטער פאיט־טשעמפיאן, האט זיך דעמאלט ביי א געריכט־פראצעס נעגן א גרופע רעקעטירם באקלאגט, אז מען האט ביי אים אין זיין רעסטאראן ארויסגעפרעסט עטלעכע הונדערט דאלער גרעפט.

אנגעקלאגט און גע׳משפט האט מען דעמאלט פאול ל. קאולטשער, א סעקרעטאר־טרעזשורער פון דעם רעסטאראן ארבעטער לאקאל 16; אלאדער ריטעק, ארגאנאיזער פון לאקאל 16; טשארלס ב. באום, פרע־זידענט פון לאקאל 16; דזשאון דזש. וויליאמס, ביזנעס־אגענט פון קאפעטעריע לאקאל 302; אוירווינג עפשטיין, ביזנעס־אגענט פון דעליקא־טעסן קלוירקס לאקאל 60; פיליפ גראסעל, סעקרעטאר טרעזשורער פון א „מעטראפאליטן רעסטאראנט ענד קאפעטעריע אונערס אסאסיעישאן"; אייבראהאם קאהען, א לאיער און מענעדזשער פון דער אסאסיעישאן; הערי א. פאגעלשטיין, אויך א לאיער און אן ארגאניזאטאר פון דער אסא־סיעישאן; לואיס בייטשער, וואס איז לויט דער אנקלאגע געווען דער גרעפט־קאלעקטאר פון דעם רעקעט.

איינער פון די אנגעקלאגטע, מאקס פינקוס, א פרעזידענט פון דעם קאפעטעריע לאקאל 302 איז פאר דעם פראצעס אראפגעשפרונגען פון א דאך און דערמיט באגאנגען זעלבסטמארד.

צוזאמען מיט די אלע אנגעקלאגטע האבן דעמאלט אויך געזאלט גע׳משפט ווערן די גענגסטערס דאטש שולץ, דזשולוס מארטין, הערי ס. קאניג און אב. בארסאן. זיי זיינען אויך געווען שותפים פון דעם רעקעט.

זיינען זיי אבער אין א משך פון א פאר יאר פאר דעם משפט אויס־גע׳הרג׳עט געווארן און דערמיט זיינען זיי שוין פון משפט געווען בא־פרייט.

זייער א גרויסע ראלע האט געשפילט די סאקס לאנזא גענג, וואס האט געבושעוועט אין דעם פיש־מארקעט.

באוויזן נעגן די אלע רעקעטירס זיינען געווען, אז מען האט געריסן ריזיגע סומען געלט אלס גרעפט סיי פון ארבעטער און סיי פון בא־לעבאטים.

א בינטל רעקעטירם און גרעפטערס האט מען מיט א צייט צוריק אויך אויפגעדעקט אין דעם וועיטערס (קעלנערס) לאקאל איינס.

אבער „טוצי" הערבערט׳ס טשיקן־רעקעט האט אלע אנדערע שווינד־לער און שווינדלען פון דער שפייז־אינדוסטריע איבערגעשטיגן.

פעדעראַלע רעגירונגס באַאַמטע האָבן פעסטגעשטעלט, אַז אין 1928 האָט „טוצי׳ס״ איינקונפט אין דורכשניט באַטראָפן 3,925 דאָלער אַ וואָך.
אין די ווייטערדיגע יאָרן איז זיין הכנסה נאָך מער געשטיגן.

פאַרשטייט זיך, אַז פון די שכירות, וואָס די שוחטים־יוניאָן האָט געצאָלט האָט ער אַזאַ הכנסה ניט געהאַט. ער און זיינע ברידער, וואָס האָבן צוזאַמען מיט אים געפירט דעם טשיקן־רעקעט האָבן געמאַכט ריזיגע סומען געלט בלויז פון גרעפט, וואָס זיי האָבן געצוואונגען מען זאָל זיי צאָלן.

האָט אָבער דער ניו־יאָרקער מאַרקעט־קאָמישאָנער אין 1935 אויפגענומען אַ קאַמף געגן דעם דאָזיגן רעקעט און ביי אַ מיטינג פון דעם טשיקן־דראַיווערס לאָקאַל 167 האָבן פאַרטרעטער פון דעם קאָמישאָנער אַפּעלירט, אַז מען זאָל פון לאָקאַל באַזייטיגן די רעקעטירס. מען האָט די מיטגלידער אויך געראַטן, אַז די וואָס ווערן פאַרפאָלגט ווען מען זאָגט אַ וואָרט געגן „טוצי׳ן״ מיט זיינע ברידער זאָל מען וועגן דעם טעלעפאָנירן צום מאַרקעט דעפּאַרטמענט.

איז אָבער צו יענעם מיטינג געקומען מאַיקל דוש. קאַשעל, אַ נאַציאָנאַלער וויצע־פּרעזידענט פון דער טימסטערס יוניאָן און ער האָט צו די מיטגלידער גע׳טענה׳ט:

„די דאָזיגע גאַנצע זאַך (דער קאַמף געגן דער „טוצי״־גענג און דער אפילו פון דעם מאַרקעט־קאָמישאָנער) איז נאָר אַ רויך־פאָרהאַנג אויף אָראָפּצורייסן אייערע באַדינגונגען. איר האָט אַ וואונדערבאַרע אָרגאַניזאַציע און וואונדערבאַרע פירער. די גאַנצע אידייע פון די וואָס שטעלן זיך געגן אייערע פירער איז אַ קאָמוניסטישע. איר וועט צעשטערן אייער יוניאָן אויב איר וועט זיך באַנוצן מיט קלאַגן אויפן טעלעפאָן־נומער וואָרט 2-5050 (פון דעם מאַרקעט־דעפּאַרטמענט). בלויז די קאָמוניסטן ווילן דאָס. איך בין ניט קיין קאָמוניסט, ניט קיין סאָציאַליסט, נאָר אַ הונדערט פּראָצענטיגער אַמעריקאַנער. קעמפט צוריק!״

אָט אַזוי האָט מען דעמאָלט אפילו דעם מאַרקעט־קאָמישאָנער און די אַנדערע שטאָטישע מאַרקעט־באַאַמטע אויך געמאַכט פאַר „קאָמוניסטן״ אָבי צו פאַרטיידיגן אפילו אַזוינע שוידערלעכע רעקעטירס ווי „טוצי״ הערבערט איז געווען.

די יוניאָנס
און די סאַוט



די יוניאָן־באַוועגונג און די סאָוט

אין די גרויסע צייטונגען פון לאַנד דרוקט מען אָפט גרויסע אַד־וועරטאַיזמענטס (גוט באַצאָלטע אַנאָנסן) פון פּאָליטישע און קאָמער־ציעלע גרופּן פון דער סאָוט.

מען פּויקט, אַז אין דער סאָוט (אין די דרום־שטאַטן פון לאַנד) וואַקסן זייער שנעל אַלערליי אינדוסטריעס. מען פּויקט, אַז דאָרטן קריגט מען ביליגע אַרבעטער־הענט; אַז דאָרטן צאָלט מען קלענערע שטייערן. מען אַגיטירט, אַז פּאַר פאַבריקאַנטן פון די אַנדערע טיילן פון לאַנד לוינט זיך אַריבערצופירן זייערע פאַבריקן אין דער סאָוט.

די יוניאָנס פון לאַנד זעען די דאָזיגע אַדוועරטאַיזמענט, נאָר מען שענקט דערצו וויניג אויפמערקזאַמקייט. איינציגע גיבן זיך אַ כאַפּ אויף ווען מען דערזעט פאַר זיך אַזוינע פאַלן, ווי עס האָבן אין אָנהויב פון 1953 געטראָפן ביי דער „אַמעריקען לעד פּענסיל קאָמפּאַני", „דזשענע־ראַל עלעקטריק קאָמפּאַני", „אַמעריקען העט קאָמפּאַני" און ביי אַ צאָל אַנדערע גרויסע פירמעס. אָבער בכלל איז מען וועגן די אַנאָנסן און די לויפּעניש אין דער סאָוט וויניג באַאומרואיגט.

דער ענין סאָוט איז אָבער פאַר דער יוניאָן־באַוועגונג פון לאַנד שוין לאַנג צוריק זייער אַן ערנסטער.

פאַרוואָס איז דער ענין סאָוט אַזוי ערנסט?

איז כדאַי פריער צו כאַפּן אַ קוק אויף איינציגע פאַקטן פון די גע־שעענישן ביי דער אַמעריקען לעיד פּענסיל קאָמפּאַני און ביי די אַנדערע דערמאָנטע פירמעס.

דער סוף פון אַ פריילעכן וואַלץ

אַ סצענע אין אַן אַלטן פילם האָט אַמאָל געוויזן ווי אַן עלעגאַנטער קאַוואַליער האָט ביי אַ באַל געוואָרפן אַן אויג אויף׳ן האַלזבאַנד פון אַ דאַמע. האָט ער זי איינגעלאַדן צו טאַנצן אַ וואַלץ און ביידע זיינען דערביי גלייך געוואָרן לעבעדיג און פריילעך. נאָר ווען דער וואַלץ האָט זיך פאַרענדיגט האָט די דאַמע דערזען, אַז אויף איר האַלז איז נישטאָ

מער דער האַלזבאַנד און אַז אין זאַל איז שוין אויך נישטאָ דער קאַוואַליער.

אַזוי איז די סצענע געווען אויפ'ן לייוונט.

האָט אָבער ענלעכעס אויך פּאַסירט ביי דער אַמעריקען לעד פּענסיל קאָמפּאַני:

מיט איינינע יאָר פאַר 1953 האָט די אַמעריקען לעד פּענסיל קאָמפּאַני פון האָבאָקען, ניו דזשוירזי, זיך אַרומגעכאַפּט מיט דער פירערשאַפט פון דער סי־אַי־אָ טעקסטיל אַרבעטער יוניאָן און מען איז אַוועק א וואַלץ.

אין דעם טאַנץ האָט מען אייגנטלעך אַריינגעשטופּט די 400 אַרבעטער פון דער קאָמפּאַני.

דעם טאַנץ האָט מען דורכגעפירט מיט א בראַזנעריי פון פויקן און טאַצן.

מען האָט זיך צעלאָזט מיט א געזאַנג:

אָט קומט און זעט א ביישפּיל, וואָס ווייזט ווי אַזוי באַסעס און אַרבעטער קאָנען צווישן זיך לעבן „האַרמאָניש" און „צופרידן".

דער רייכער זשורנאַל „פאָרטשון" האָט די חתונה און דעם טאַנץ פון דער אַמעריקען לעד פּענסיל קאָמפּאַני מיט אירע אַרבעטער באַשריבן זייער פּראָמינענט אין א ספּעציעלן אַרטיקל.

מען האָט וועגן דעם אויך געמאַכט א פילם.

דעם פילם האָט מען פאַרשפּרייט איבער פיל לענדער פון דער וועלט.

אומעטום האָט מען דערמיט געפּויקט: אָט זעט, ווי אַזוי די סיסטעם פון „פרייער, פּריוואַטער אונטערנעמונג" („פרי־ענטערפּראַיז") אַרבעט.

אָבער אין אָנהויב פון 1953 איז געוואָרן אוים חתונה און אוים טאַנץ.

און וואָס נאָך?

צוזאַמען דערמיט האָט שוין אויך ניט געסטייעט דער „האַלזבאַנד" און שוין אויך אַנטרונען דער „קאַוואַליער" פון וועמען מען האָט זיך געלאָזט פאַרנאַרן, אַז מען זאַל מיט אים וואַלצירן.

די אַמעריקען לעד פּענסיל קאָמפּאַני, וואָס האָט געשפּילט די ראָל פון דעם עלעגאַנטן טענצער, האָט פּלוצלינג געלאָזט וויסן, אַז זי גיט אויף איר פאַבריק אין האָבאָקען און אַז זי קלייבט זיך אַריבער אין דער

סאוט. אַנשטאָט צו האָבן אַ פאַבריק אין האָבאָקען עפנט זי שוין בעַ־סער אַ פאַבריק אין טענעסי.

נו, און די 400 אַרבעטער, מיט וועלכע זי האָט געטאַנצט?

זיי ווערן אַרויסגעוואָרפן פון זייער אַרבעט און בלייבן אינגאַנצן אָן פּרנסה.

און נאָך מער: זיי פאַרלירן אויך זייערע בענעפיטן, פאַר וועלכע זיי האָבן געצאָלט פון זייערע מאָגערע שכירות.

סטייטש? וואו איז יושר?

האָבן די פירער פון דער אַמעריקען לעד פּענסיל קאָמפּאַני גע־טענה'ט, זיי דאַרפן זאָרגן פאַר דער צוקונפטיגער פּראָספּעריטי פון זייער קאָמפּאַני. די ליידן פון די אַרבעטער, הייסט עס, גייט זיי גאָרניט אָן.

אין דער סאוט, האָבן זיי געזאָגט, וועלן זיי קריגן ביליגערע אַר־בעטער־הענט. דאָרט וועלן זיי אויך צאָלן קלענערע שטייערן.

און נאָך עפּעס: פאַר דעם אויפבוי פון דער פאַבריק, וואָס זיי עפענען אין דער סאוט, צאָלט פּאַקטיש בלויז די רעגירונג. די פירער פון דער קאָמפּאַני קאָנען די קאָסטן פון דער פאַבריק אַראָפּנעמען פון די שטייער־צאָלונגען, וואָס זיי דאַרפן מאַכן אין פינף יאָר.

טאָ פאַרוואָס זאָל מען דאָס ניט טאָן? זיינען זיי דען צו זייערע אַרבעטער אין האָבאָקען טאַקע פאַרהייראַט? ניין, דער וואָלף איז שוין פאַרענדיגט...

די דזשענעראַל עלעקטריק קאָמפּאַני האָט זיך אין דער זעלביגער צייט אויך גענומען דורכפירן אַזאַ פּלאַן, ווי די אַמעריקען לעד פּענסיל קאָמפּאַני.

די דזשענעראַל עלעקטריק קאָמפּאַני האָט זיך דעמאָלט גענומען צו צומאַכן אירע פאַבריקן אין טרענטאָן, ניו דזשוירזי, און אין וואַיט פּלעינס, ניו יאָרק.

אַנשטאָט אָנצוהאַלטן די דאָזיגע צוויי פאַבריקן האָט זי אויפגע־בויט אַ נייע גרויסע פאַבריק אין לואיוויל, קענטאַקי. אַ צווייטע גרויסע פאַבריק האָט זי געבויט אין טאַילער, טעקסאַס.

די דאָזיגע פאַבריקן האָט מען געבויט מיט'ן געלט, וואָס מען וועט אין אַ משך פון פינף יאָר אַראָפּנעמען פון די שטייערן, וועלכע מען דאַרף צאָלן דער רעגירונג.

די אַלע ניי־געבויטע פאַבריקן בלייבן נאָכדעם דאָס אייגנטום פון

די קאָמפּאַניס. זיי פאַרגרעסערן דאָרט זייערע פּראָפיטן דערמיט, וואָס זיי נעמען אהין אריין ביליגערע און ניט קיין יוניאָניזירטע ארבעטער־הענט. אָבער אין די ערטער וואו פאַבריקן ווערן איבער דעם צוגעמאַכט בלייבן די אַרבעטער אָן פּרנסה. זיי פאַרלירן אויך אייניגע בענעפיטן, פאַר וועלכע זיי האָבן געצאָלט געוויסע שטייערן.

די ליבע וואָס זייער פיל גרויסע אינדוסטריעלע קאָרפּאָרעישאָנס האָבן אין די לעצטע יאָרן געקראָגן צו דער סאָוט קאָן מען זען אין דער גרויסער צאָל נייע פאַבריקן, וואָס זיינען דאָרט אין די לעצטע יאָרן צו־געקומען און אויך אין אייניגע אַנדערע אַנטוויקלונגען, וואָס דער אינ־דוסטריעלער וואוקס האָט דאָרט געשאַפן.

למשל, אַזוינע פאַקטן:

עס וואַקסט אין דער סאָוט זייער פיל די באַפעלקערונג אין די שטעט וואו די נייע פאַבריקן ווערן געבויט און עס פאַלט די באַפעלקערונג פון די פאַרם־געגנטן.

אין אַלאַבאַמאַ, צום ביישפּיל, איז די אַלגעמיינע באַפעלקערונג אין די יאָרן פון 1940 ביז 1950 געשטיגן בלויז אויף אַכט פּראָצענט. אָבער די שטאָטישע באַפעלקערונג (אָן די פאַרם־געגנטן) איז אין די דאָזיגע צען יאָר געשטיגן אויף 43 פּראָצענט.

דער וואוקס פון דער אינדוסטריאַליזאַציע האָט אין דער סאָוט אויך זייער פיל פאַרגרעסערט די פינאַנציעלע הכנסה.

די דורכשניטלעכע הכנסה פאַר יעדן פּערזאָן (דער פּער־קעפּיטאַ אינ־קאָם) איז פון 1929 ביז 1951 פאַר דעם גאַנצן לאַנד געשטיגן אויף 111 פּראָצענט, אָבער אין דער סאָוט אַליין איז די הכנסה אין דער דאָזיגער צייט געשטיגן אויף 179 פּראָצענט.

די אָרימערע מאַסן פון דער סאָוט זיינען טאַקע אין 1951 געבליבן פּונקט אַזוי אָרעם און אפשר נאָך אָרעמער ווי אין 1929, אָבער די רייכע זיינען רייכער געוואָרן. דער וואוקס פון דער אַלגעמיינער הכנסה איז געווען זייער געוויגס.

א 1952 באַריכט פון דער „סאָוטמערן אַסאָסיעישאָן אָוו סאַיענס ענד אינדאָסטרי" האָט דערציילט, אַז אין די לעצטע עלף יאָר האָט די סאָוט צוגעקראָגן אַכצן טויזנט נייע פּאָבן, וואָס באַשעפטיגן אַרום אַ מי־ליאָן אַרבעטער און וואָס האָבן צו דער הכנסה פון דער סאָוט צוגעגעבן נאָך זעקס ביליאָן דאָלאַר אַ יאָר.

די טעקסטיל־אינדוסטריע איז דאָרט דערוויייל נאָך אַלץ די גרעסטע. אָבער ווי גרויס?

ווייזן באַריכטן פון דער דאָזיגער אינדוסטריע, אַז ניט ווינציגער ווי 85 פּראָצענט פון דער גאַנצער טעקסטיל־פּראָדוקציע פון לאַנד איז שוין אין סוף פון 1952 געווען קאָנצענטרירט בלויז אין פיר שטאַטן פון דער סאַוט.

די פיר שטאַטן זיינען נאָרט קאַראָלאַינאַ, סאַוט קאַראָלאַינאַ, דזשאָר־דזשיע און אַלאַבאַמאַ.

מיט אַ לענגערער צייט צוריק, ווען די טעקסטל־אינדוסטריע האָט זיך אָנגעהויבן אריבערצוקלייבן אַלץ מער און מער פון די ניו ענגלענ־דער שטאַטן צו דער סאַוט, איז געווען אָנגענומען, אַז מען טוט דאָס ניט נאָר, כדי צו קריגן ביליגערע אַרבעטער־הענט, נאָר צוליב נאָך עפּעס.

די טענה איז געווען, אַז מען טוט דאָס אויך דערפאַר, ווייל אין דער סאַוט זיינען פאַרן די קאָטן־פעלדער, וואָס שטעלן צו דעם רויען מאַטעריאַל פאַר דער טעקסטיל־אינדוסטריע.

איצט זיינען שוין אָבער אין דער סאַוט קאָנצענטרירט אויך אָט־די פאַבריקן, וואָס פּראָדוצירן די סינטעטישע טעקסטילס. אָט־די סחורות מאַכט מען שוין מערסטנס פון „וואוד־פּאַלפּ" (צעמאַלענעם האָלץ) און ניט פון קיין קאָטן.

דעם וואוקס פון די פאַרשיידענע אינדוסטריעס אין דער סאַוט קאָן מען ווייטער זען אויך אין אַזוינע פאַקטן:

בלויז אין איין יאָר, אין 1947, האָט מען אין דער סאַוט אויס־געגעבן איבער אַ ביליאָן דאָלער אויף דעם געבוי פון נייע פאַבריקן.

פון יענעם יאָר און ווייטער האָט דאָרט דער יערלעכער געבוי פון נייע פאַבריקן באַטראָפן נאָך מער ווי אַ ביליאָן דאָלער אַ יאָר.

למשל, אין 1950 האָט מען אין נאָרט קאַראָלאַינאַ אַליין אויסגע־געבן איבער 104 מיליאָן דאָלער אויף דעם געבוי פון נייע פאַבריקן.

ניט קלענער איז אין יענעם יאָר געווען דער געבוי אין די שטאַטן סאַוט קאַראָלאַינאַ, דזשאָרדזשיא, אַלאַבאַמאַ און טענעסי.

לעבן די ליניעס פון בלויז איין באַן־קאָמפּאַניע, „די סאַוטהערן", האָט מען אין איין יאָר אויפגעבויט 142 פאַבריקן.

אחוץ דער דאָזיגער צאָל נייע פאַבריקן האָט מען לעבן די זעלביגע באַן־ליניעס אין דעם איינעם יאָר אויך צוגעבויט 107 נייע אָפּטיילונגען

צו אַלטע פאַבריקן.

די סאָוטהערן בעל טעלעפאָן קאָמפּאַני האָט אין די לעצטע פינף יאָר באַריכטעט אַן אויסגאַבע פון פיל מיליאָנען דאָלער אויף נייע איינאָרדענונגען אין אירע דיסטריקטן פון דער סאָוט. אירע אויסגאַבן, זאָגט זי, האָבן אויף דעם אין די לעצטע פינף יאָר באַטראָפן מער ווי די סומע, וואָס זי האָט אויף אַזוינע זאַכן פריער אויסגעגעבן אין אַ משך פון זעכציק יאָר.

די דיו פּאָנט קאָמפּאַני האָט פאַר דער פּראָדוקציע פון סינטעטישן טעקסטיל אָוועקגעשטעלט לעבן קינסטאָן, נאָרט קאַראָלאַינאַ, אַ פאַבריק, וואָס קאָסט 24 מיליאָן דאָלער.

די זעלביגע קאָמפּאַני האָט פאַר דעם זעלביגן צוועק אָוועקגעשטעלט אַ פאַבריק אויך אין קעמדען, סאָוט קאַראָלאַינאַ.

די קעסטרענד קאָרפּאָרעישאָן האָט לעבן דעקעיטאָר, אַלאַבאַמאַ, אויפגעבויט אַ פאַבריק, וואָס קאָסט זעכציק מיליאָן דאָלאַר.

נייע גרויסע פאַבריקן זיינען אויפגעבויט געוואָרן פון דער קאַראַבאַיד און קאַרבאָן קאָרפּאָרעישאָן און פון אַ צאָל אַנדערע קאָרפּאָרעישאָנס.

די סאָוט האָט אַזוי אין די לעצטע עטלעכע יאָר צוגעקראָגן אויך זייער פיל שעפער, וואָס פּראָדוצירן קלאָוקס, דרעסעס, מענער־קליידער און אַוודאי אויך אַלערליי קאָטן־גאַרמענטס.

פאַרוואָס די ליבע צו דער סאָוט?

וואָס זיינען די אורזאַכן פון דער ליבע, וואָס אַ סך גרויסע אינדוסטריעלע קאָרפּאָרעישאָנס האָבן צו דער סאָוט?

האָט אַ טרעיד־יוניאָן דעלעגאַציע ניט לאַנג צוריק געמאַכט וועגן דעם אַ שטיקל חשבון און אָנגעגעבן פאָלגענדע אורזאַכן:

ערשטנס, ווייל דער טעפט־האַרטלי געזעץ שטערט צו אָרגאַניזירן די אַרבעטער פון דער סאָוט און ווייל דאָרט זיינען דעריבער די אַרבעטער־שכירות אַ סך קלענער ווי אין דער נאָרט.

צווייטנס, ווייל דער געזעץ דערלויבט די באַלעבאַטים אָנצוהאַלטן אַזאַ נידעריגן מינימום־לוין ווי 75 סענט אַ שעה.

דריטנס, ווייל די אַמענדעמענטס צום וואָלש־הילי געזעץ, וואָס זאָגט, אַז ביי אַרבעט פאַר רעגירונגס־באַשטעלונגען מוז מען צאָלן אַ לוין, וואָס

זאָל זיין ניט נידעריגער פון דורכשניט (א „פּריוועילינג וועידזש”), דער־לויבן אין פאבריקן פון דער סאוט נידעריגערע מינימום לוין־סטענדאַרדס ווי אין דער נאָרט.

פערטנס, ווייל די רעגירונג האָט דערלויבט, אז די קאָסטן פון די נייע פאבריקן אין דער סאוט זאָל מען אין א משך פון פינף יאָר מעגן אראָפּנעמען פון די שטייערן, וואָס די קאָרפּאָרעישאָנס (די בויער פון די פאבריקן) דאַרפן צאָלן צו דער רעגירונג.

נו, פארשטייט זיך, אז אין די דאָזיגע אורזאכן ליגט טאקע זייער א סך אמת. אָבער פאַראַן זיינען אויך אַנדערע אורזאכן.

דער אמת איז, אז דערפאר וואָס די ארבעטער פון דער סאוט זיינען זייער ווייניג אָרגאַניזירט איז שולדיג ניט נאָר דער טעפט־הארטלי געזעץ, נאָר א גרויסע שולד ליגט אויך אויף די אָנפירער פון דעם סי־אי־אָ און פון דער א. פ. אָוו ל.

זיי האָבן נאָך ביז היינט ניט באוויזן אָנצואווענדן אין א געהעריגער מאָס אזוינע מעטאָדן, וואָס זאָלן אָרגאַניזירן די ארבעטער פון דער סאוט.

די אָרגאַניזיר־קאַמפּעינס, וואָס זיי האָבן דאָרט געפירט זיינען געווען זייער שוואך. די מעטאָדן וואָס מען האָט גענוצט זיינען געווען אזעלכע, אז יעדע קערפּערשאפטן, דער סי־אי־אָ און די א. פ. אָוו ל. האָבן פאקטיש בלויז קאָנקורירט איינע געגן דער צווייטער.

אין די קאַמפּעינס האָט מען געזוכט פריער פון אלץ צו געווינען די פריינטשאפט פון די דאָרטיגע באַלעבאַטים און מען האָט ווייניג געבויט אויף אַן אַנטוויקלטן באוואוסטזיין און אויף דער פריינטשאפט פון די ארבעטער.

דער רעזולטאט איז, אז די א. פ. אָוו ל. האָט נאָך אין אָנהויב פון 1953 געהאט איבער דער גאַנצער סאוט (לויט פארשיידענע אָפּשאַצונגען) ניט מער ווי ארום אָנדערהאַלבן מיליאָן מיטגלידער.

און דער סי־אי־אָ, האָט מען געשאצט, האָט דאָרט געהאט א סך ווינציגער ווי א האַלבן מיליאָן.

א גרויסע אורזאך פון דער לויפעניש אין דער סאוט ליגט אין דעם, וואָס דאָרט קאָן מען באזונדערס זייער שטאַרק עקספּלואטירן גרעסערע מאסן פון נעגערשע ארבעטער.

מען צאָלט דאָרט זייער קליינע שכירות צו די ווייסע ארבעטער, אָבער

מען צאָלט נאָך פיל קלענערע צו די נעגערשע אַרבעטער.

דער דורכשניט פון די פאַרדינסטן פון די ווייסע פאַמיליעס אין דער סאַוט איז אַרום צוויי טויזנט דאָלאַר אַ יאָר. אָבער איבער פופציג פּראָצענט פון די נעגערשע פאַמיליעס אין דער סאַוט קריגן נאָך אַזוינע פאַרדינסטן, וואָס זיינען בלויז אַ טויזנט און נאָך ווינציגער ווי טויזנט דאָלאַר אַ יאָר.

אינדוסטריעלע קאָרפּאָרעישאָנס פון דער נאָרט גייען אַלץ מער סאַוט אויף דערפאַר, ווייל דאָרט קריגן זיי פאַרשיידענע קאָנצעסיעס פון די סטעיט און שטאָט־רעגירונגען.

אין אַ סך ערטער באַפרייט מען זיי אינגאַנצן, אָדער טיילווייז פון געוויסע לאָקאַלע שטייערן.

מען „קעבעלט" זיי. די אָרטיגע טשעמבער אָוו קאָמערס גרופּן שטעלן צו זייער הילף די דאָרטיגע רעגירונגס אַפּאַראַטן און די פּאָליציי. עס פעלט ניט פאַר די באָסעס קיין פּאָליצייאישע הילף אין די אַנדערע טיילן פון לאַנד, אָבער זיי קריגן דאָס נאָך מער אין דער סאַוט.

די סאַוט, און די נעגער־פּראַגע

פאַרוואָס זיינען די אַרבעטער פון דער סאַוט נאָך אַלץ אַזוי ווייניג אָרגאַניזירט?

פאַרשטייט זיך, אַז איינע פון די הויפּט־אורזאַכן ליגט אוודאי קודם כל אין דער געשיכטע פון דער סאַוט.

די הערשער פון דער סאַוט האָבן פון אָנהויב אָן אָנגענומען די פעאָדאַלע סיסטעם פון שקלאַפעריי און זיי ווילן זיך פון איר איצט אויך ניט אָפּזאָגן. דער אַמאָליגער קריג צווישן דער נאָרט מיט דער סאַוט, דער קאַמף, וואָס לינקאָלן האָט אָנגעפירט, האָט די באַראָנען פון דער סאַוט געצוואונגען צו מאַכן אַ געוויסן צוריקטריט, אָבער די שקלאַפן־סיסטעם ווערט נאָך פון זיי איצט אויך אין אַ גרויסער מאָס אָנגעהאַלטן.

שולדיג זיינען אָבער אויך די, וואָס זאָגן, אַז זיי קעמפן געגן דער דאָזיגער סיסטעם, נאָר אין דער ווירקלעכקייט נוצן זיי אַליין אַזוינע מע־טאָדן, וואָס שעדיגן דעם קאַמף.

אין אַלע עלף שטאַטן פון דער סאַוט הערשט פּאַקטיש בלויז איין־פּאַרטיי סיסטעם. קיין אַנדער פּאַרטיי אַחוץ די דעמאָקראַטישע קאָן דאָרט צום לעבן ניט קומען.

פאַרוואָס איז דאָס אַזוי?

ווייל זייער אַ קליינער טייל פון די בירגער קריגט דאָרט די פאַקטישע רעכט צו באַטייליגן זיך אין דעם פּאָליטישן לעבן און ווייל די גרויסע מערהייט באַטייליגט זיך דעריבער ניט.

אָט זיינען עטלעכע ביישפּילן:

די עלף שטאַטן פון דער סאַוט האָבן אין 1950 געהאַט אַ באַפעל־קערונג פון 36 מיליאָן מיט 600 טויזנט.

דאָס איז געווען מיט 900 טויזנט מער ווי עס איז די באַפעלקערונג פון בלויז די דריי שטאַטן ניו יאָרק, פענסילוועניע און קאַליפאָרניע.

האָבן אָבער די דאָזיגע דריי שטאַטן אין די פּרעזידענט־וואַלן פון 1948 אָפּגעגעבן דרייצן מיליאָן מיט 800 טויזנט שטימען, און די עלף שטאַטן פון דער סאַוט האָבן אָפּגעגעבן בלויז פינף מיליאָן מיט איין הונ־דערט טויזנט שטימען.

די עלף שטאַטן פון דער סאַוט האָבן אָבער דערפאַר אויף דער דער־ווײלונג פון דעם פּרעזידענט 128 עלעקטאָרס און די דריי שטאַטן, וואָס גיבן אָפּ באַלד דריי מאָל אַזוי פיל שטימען האָבן נאָר 109 עלעקטאָרס.

די צאָל פון די שטימען, וואָס ווערן אָפּגעגעבן פאַר קאָנגרעסלייט איז אין לאַנד אַ דורכשניט פון אַרום 100 טויזנט אין אַ קאָנגרעס־דיסטריקט.

אין דער סאַוט ווערן קאָנגרעסלייט דערוויילט בלויז מיט אַ דורכ־שניט פון אַרום צען טויזנט שטימען.

וואָס זיינען די אורזאַכן?

גאָר פּשוט: די נעגערישע מאַסן פון דער סאַוט זיינען כמעט אינ־גאַנצן באַרויבט פון דעם רעכט צו שטימען אין צייט פון וואַלן. זיי לאָזט מען כמעט גאָר ניט צו צום רעכט פון אָנטייל אין פּאָליטישן לעבן.

אָבער אפילו גרויסע טיילן פון די ווייסע מאַסן זיינען דערפון אויך באַרויבט.

מען נוצט געגן אַלע אָרעמע מאַסן די פּאָל־טעקס סיסטעם.

געגן די נעגערישע מאַסן נוצט מען אַלערליי טעראָר־מעטאָדן, וואָס לאָזן זיי ניט באַטייליגן זיך אין שטימען.

די נעגערישע באַפעלקערונג ווערט אַזוי אונטערדריקט און פאַר־פאָלגט אויך ביי דער אַרבעט אויף די פּלאַנטאַציעס און אין די פאַבריקן.

זיי ווערן געצוואונגען צו שקלאַפן פאַר אַ הונגער־לוין.

דער צוואַנג געגן די נעגערשע מאַסן ווערט אין דער זעלבער צייט גענוצט אַלס בייטש אויך פאַר דער אונטערדריקונג פון די דאָרטיגע ווייסע אַרבעטער.

אַרום און אַרום האָט זיך דאָרט געשאַפן אַזאַ לאַגע, אַז די עקספּלואַטאַציע דריקט און שטיקט אַלעמען.

פאַרשטייט זיך, אַז פּונקט ווי דער צוואַנג געגן די נעגערשע אַרבעטער ווערט אין דער סאַוט גענוצט ווי אַ בייטש און אַ ך געגן די דאָרטיגע ווייסע אַרבעטער, אַזוי ווערט די גאַנצע שקלאַפן־סיסטעם פון דער סאַוט גענוצט ווי אַ בייטש פון קאָנקורענץ אויך געגן די אַרבעט־באַדינגונגען אין די אַנדערע טיילן פון לאַנד.

די יוניאָנס און די נעגער־פראַגע

אָבער וואָס טוט וועגן דעם די יוניאָן־באַוועגונג, וואָס דאַרף דאָס באַקעמפן?

און ווי אַזוי ווערט איר קאַמף געפירט?

איז פאַראַן אַ כלל: פּריידיגט ניט געגן זינד ביי אַנדערע, ווען די זעלביגע זינד ווערן באַגאַנגען אויך ביי אייך אַליין.

איר מוזט פריער מאַכן ריין אייער אייגן הויז, איידער איר הייסט רייניגן די וואוינונגען פון אייערע שכנים. איר קאָנט ניט באַקעמפן קיין פאַרברעכערישע מעטאָדן פון אַנדערע מענטשן, ווען איר אַליין פּראַקטיצירט די זעלביגע מעטאָדן.

אין די קאַמפּעינס, וואָס די אַ. פ. אָוו ל. און דער סי־אײ־אָ האָבן געפירט און וואָס דאַרפן נאָך ערשט איצט ווידער געפירט ווערן אין דער סאַוט, איז שטענדיג נויטיג געווען פריער פון אַלץ צו שטעלן דעם טראָפּ אויף דעם קאַמף פאַר נעגער־רעכט.

מען מוז פריער פון אַלץ אָנווענדן אַלע מעגלעכע מיטלען צו באַקעמפן די ספּעציעלע דיסקרימינאַציעס און די פאַרפאָלגונגען, וואָס ווערן אין דער סאַוט גענוצט באַזונדערס געגן די נעגערשע מאַסן.

וואָס־זשע טוען וועגן דעם די פירער פון דער אַ. פ. אָוו ל. און פון סי־אײ־אָ?

איז וואָס אָנבאַלאַנגט די אַ. פ. אָוו ל. זעען מיר, אַז די זעלבע מענטשן, וואָס וואָלטן געדאַרפט באַקעמפן די אַנטי־נעגערשע דיסקרימינאַציעס און

פארפאלגונגען אין דער סאוט, פראקטיצירן אליין די זעלבע דיסקרימינאַציעס אין אַ סך פון זייערע אייגענע יוניאַנס.

אמת, ביי יעדער קאַנווענשאַן פון דער אַ. פ. אַוו. ל. נעמט מען אָן רעזאָלוציעס, אין וועלכע מען פאָדערט די איינפירונג פון ציווילע רעכט פאַר די מאַסן פון דער סאוט. מען נעמט אָן רעזאָלוציעס, אין וועלכע מען פאָדערט אַ פעדעראַלן געזעץ פאַר אַ „פעיר עמפּלאָמענט פּרעקטיס". באַלעבאַטים זאָלן זיין געצוואונגען צו באַנוצן אַ יושר'דיגע פּראַקטיק ביים אָנשטעלן און באַשעפטיגן אַרבעטער.

מיט די דאָזיגע רעזאָלוציעס איז אָבער ווי דאָס ווערטל גייט: אליין זינדיגט מען און אַנדערע שטראָפט מען.

אָט לאָמיר דאָ איצט ברענגען עטלעכע גוט־באַוואוסטע ביישפּילן:

אין חודש יולי פון 1952 האָט אַ געריכט אין קאָנעטיקוט געדאַרפט צווינגען דעם לאָקאַל 35 פון דער אַ. פ. אַוו ל. עלעקטרישנס יוניאַן, ער זאָל אריינגעמען אלס מיטגלידער צוויי נעגערשע אַרבעטער, וועלכע מען האָט פריער באַין אופן ניט געוואָלט אַריינגעמען. דער ביזנעס־אַגענט פון לאָקאַל האָט גע'טענה'ט, אַז נעגערשע אַרבעטער זיינען פאַר אים „שלעכטע יוניאַן־מיטגלידער" און ער וויל זיי ניט האָבן.

מען פאָדערט אין אַ. פ. אַוו ל. רעזאָלוציעס אַ פעדעראַלע „עף־אי־פּי־סי" קאָמיסיע, וואָס זאָל ניט דערלאָזן קיין ראַסן־דיסקרימינאַציעס ביים אָנשטעלן אַרבעטער. אָבער אין קאָנעטיקוט האָבן די צוויי דערמאָנטע נעגערשע אַרבעטער געמוזט גיין צו דער סטעיט „עף־אי־פּי־סי" קאָמיסיע און דאָרט זיך קלאָגן געגן די ראַסן־דיסקרימינאַציעס, וואָס מען נוצט אין דעם אַ. פ. אַוו ל. לאָקאַל פון די עלעקטרישנס.

דען טרעיסי, דער פּרעזידענט פון דער עלעקטרישנס יוניאַן, איז אַ וויצע־פּרעזידענט פון דער אַ. פ. אַוו ל. ער האָט אָבער חלילה גאָרניט געגן דעם, וואָס אין זיין יוניאַן נוצט מען דיסקרימינאַציעס געגן נעגערשע אַרבעטער.

איינער פון די וויצע־פּרעזידענטן פון דער אַ. פ. אַוו ל. איז טשאַרלס מעקגאָוען, פּרעזידענט פון דער באָילערמאַכערס יוניאַן.

האָט מען אין זיין יוניאַן אויך ניט געוואָלט אַריינגעמען קיין נעגערשע מיטגלידער. נאָר אַזוי ווי אַ סך מיטגלידער פון זיין יוניאַן זיינען אין צייט פון דער לעצטער וועלט־מלחמה געווען באַשעפטיגט ביי מלחמה־אַרבעט, האָט די „עף־אי־פּי־סי" קאָמיטע, פון דער מלחמה־צייט, גע־

צוואונגען די מעקאָועס אדמיניסטראַציע פון דער יוניאָן, זי זאָל זען מען זאָל יאָ אריינגעמען נעגערשע ארבעטער.

די מעקגאָועס־אדמיניסטראַציע האָט זיך אָבער דערביי פון די אַנטי־נעגערשע דיסקרימינאַציעס אינגאַנצן ניט אָפּגעזאָגט.

מען איז טאַקע געצוואונגען געוואָרן אריינצונעמען נעגערשע אַר־בעטער אַלס מיטגלידער אין דער יוניאָן. אָבער די דאָזיגע אַרבעטער ווערן דאָרט אין מעסטע פאַלן אָנגעהאַלטן אין באַזונדערע אָקזילערי־לאָקאַלן און זייער רעכט אין דער יוניאָן איז אַ באַגרענעצטע. זיי האָבן אַ „רעכט" צו צאָלן דיוס... אָבער אַחוץ דעם איז זייער רעכט אין דער יוניאָן ניט בעסער ווי אין פּאָליטישן לעבן פון דער סאָוט. זיי קריגן זייער ווייניג שטים־רעכט אין דער סאָוט און זיי האָבן זייער ווייניג שטים־רעכט אויך אין מעקגאָועס'ס יוניאָן. די אָקזילערי לאָקאַלן קאָנען זיך ניט באַטייליגן אין אָפּשטימונגען וועגן דעלעגאַטן צו קאָנווענשאָנס, זיי האָבן ניט קיין דעות אין פראַגן וועגן בענעפיט־צאָלונגען. זיי אַליין קריגן ניט די זעלבע בענעפיטן, וואָס די אַנדערע יוניאָן־מיטגלידער קריגן.

די אָקזילערי־סיסטעם פאַר נעגערשע מיטגלידער ווערט אויך אָנ־געהאַלטן אין דער רעילוועי קלוירקס יוניאָן, וואו דער וויצע־פּרעזידענט פון דער א. פ. אָוו ל. דזשאָרדזש העריסאָן איז דער פּרעזידענט, און אין אַ צאָל אַנדערע יוניאָנס.

אין דעם סי־אַי־אָ זיינען די דיסקרימינאַציעס אַ סך ווייניגער.

אין די גרויסע יוניאָנס, וואָס דער סאַי־אַי־אָ האָט אין די אינדוס־טריעס פון מאַסן־פּראָדוקציע, קאָן מען זיך אַזאַ „לוקסוס", ווי אַנטי־נע־גערשע דיסקרימינאַציעס, ניט דערלויבן.

אָבער אויך אין סי־אַי־אָ איז מען נאָך ניט אינגאַנצן פריי פון די דיסקרימינאַציעס.

און אין דער פּראַקטיק פון די אָרגאַניזיר־קאַמפּעינס, וואָס די א. פ. אָוו ל. און דער סי־אַי־אָ פירן אָן אין דער סאָוט, זיינען פאַראַן אויך אַנ־דערע אַזוינע מעטאָדן, מיט וועלכע מען קאָן דאָרט קיין סך ניט אויפטאָן.

די סאָוט איז דעריבער נאָך איצט אויף דער שקלאַפן־צענטער פון לאַנד און ווער ווייסט וויפיל צייט עס וועט נאָך דויערן ביז די דאָזיגע לאַגע וועט ראַדיקאַל געענדערט ווערן.

מ׳קאָן לעבן, נאָר מ׳לאָזט ניט

„לאָוו דהעם ענד ליוו דהעם"

לעבן א בוים פון שיינע בלומען, וואָס א רייכער פאַרמער האָט גע־לאָזט וואַקסן לעבן זיין הויז אין א שטעטעלע פון קאַליפאָרניע האָט ער אוועקגעשטעלט א שילד מיט אן אויפשריפט:

„לאָוו דהעם ענד ליוו דהעם", האָב זיי ליב, נאָר טשעפּע זיי ניט.

פאַר זייער א סך מענטשן האָט מען אויף דעם לעבן אליין אויך אויפגעהאָנגען אזא שילד.

מען זאָגט זיי (א זאך, וואָס קיינער קאָן אין דעם גאָרניט צווייפלען), אז לעבן דאַרף מען, אז דאָס לעבן איז זיס. נאָר מען לאָזט ניט גע־ניסן פון לעבן.

אזוי ווייזן אפילו אזוינע פאַקטן, וואָס קומען פון פאַרשידענע רע־גירונגס־אגענטורן און אזוי זעט מען דאָס אין דעםווירקלעכן לעבן.

למשל, אין זומער פון 1952 האָט די סטאַטיסטישע ביוראָ פון דעם יונאַיטעד סטעיטס דעפּאַרטמענט אָוו לעיבאָר פאַרעפנטלעכט א באַ־ריכט פון אן אויספאָרשונג וועגן די קאָסטן, וואָס א דורכשניטלעכע פאַ־מיליע פון א מאַן, א פרוי און צוויי קינדער מוזן האָבן אויף די נוי־טיקסטע מיטלען צום לעבן.

האָט דער באַריכט געזאָגט, אז לויט די פרייזן, וואָס מען האָט פאַר לעבנס־מיטלען געמוזט צאָלן אין אָקטאָבער, 1951, האָט אזא פאַ־מיליע אויף די סאַמע נויטיגסטע זאַכן געמוזט האָבן דריי טויזנט מיט 812 דאָלאַר א יאָר, אויב זי האָט געוואוינט אין ניו אָרלינס, וואו די קאָסטן זיינען געווען די נידעריגסטע, און פיר טויזנט מיט 454 דאָלאַר א יאָר, אויב זי האָט געוואוינט אין וואַשינגטאָן, די. סי., וואו די קאָסטן זיינען געווען די העכסטע.

און קיין זאַכן אויף קיין ראַסקאָשנעס לעבן האָבן די אויספאָרשער אין דעם ניט אריינגערעכנט.

דער חשבון איז דערביי געווען, אז די פרוי דאַרף אליין קאָכן און צוגרייטן די שפּייז פאַר זיך און איר מאַן מיט די צוויי קינדער. זי דאַרף אליין וואַשן די וועש, אליין פּרעסן, אליין רייניקן די וואוינונג און אלע זאַכן פון וואוינונג.

אין דער באַקליידונג פאַר דער פאַמיליע האָט מען גערעכנט, אז

דער מאַן דאַרף זיך קויפן בלויז איין וואָלענעם גאַרניטור איינמאָל אין צוויי יאָר; איין לייכטן זומערדיגן גאַרניטור איינמאָל אין דריי יאָר; פינף העמדער און צוויי פּאָר שיך אַ יאָר.

פאַר דער פרוי האָט מען אין חשבון איינגעשלאָסן איין וואָלענעם מאַנטל איינמאָל אין פיר יאָר; פיר ביליגע דרעסעס און דריי פּאָר שיך אַ יאָר. דאָס מיינט שוין סיי זומערדיגע און סיי ווינטערדיגע שיך; סיי שיך אויף גיין אין גאַס און סיי שטעק־שיך אויף אַרומצוגיין אין הויז.

וועגן דער באַקליידונג פאַר די צוויי קינדער האָט מען אויך קיין איבעריגע זאַכן חלילה ניט גערעכנט.

פאַר דעם אינגל האָט מען גערעכנט איין סוועטער אָדער אַ וואַ־רעמען רעקל איינמאָל אַ יאָר; צוויי פּאָר הויזן, דריי העמדער און דריי פּאָר שיך אַ יאָר. פאַר דער מיידל האָט מען אַריינגערעכנט די קאָסטן פון איין סנאָוסוט, אָדער אַ וואַרעמען מאַנטל איינמאָל אין צוויי יאָר; פיר קליידלעך און פיר פּאָר שיך אַ יאָר.

די אַנדערע זאַכן, וואָס מען דאַרף צום לעבן האָט מען דערביי אויך גערעכנט זייער ווינציג.

דער חשבון האָט דער פאַמיליע דערלויבט צו קויפן בלויז איין ציי־טונג אַ טאָג; 32 קאָפּיעס פון אַלערליי זשורנאַלן דורכ׳ן גאַנצן יאָר. קיין ביכער ווערט אינגאַנצן ניט אַריינגערעכנט.

קיין טעלעפאָן אין דער וואוינונג, זאָגט דער באַריכט, דאַרף מען גאָר ניט. מען דערלויבט דאָרט נאָר דער גאַנצער פאַמיליע אָן אויסגאַבע אויף דריי טעלעפאָן־קאָלס אַ וואָך.

מען רעכנט דאָרט אוודאי ניט אַזאַ זאַך ווי חלילה אָן אייגענעם אויטאָמאָביל. מען דערלויבט דאָרט נאָר אָן אויסגאַבע אויף קאַרפעיר צו פאָרן צו דער אַרבעט און פאַר די קינדער צו פאָרן אין סקול.

אויף רייזעס אויף אַ וואַקאַציע, אָדער אַ וויזיט אויסער דער שטאָט רעכנט מען אין באַריכט אָן אויסגאַבע אויף פאָר־געלט און בלויז „איין מאָל אין דריי אָדער אין פיר יאָר״.

אָט אויף אַזוינע סאַמע נויטיגסטע לעבנס־מיטלען, האָט אַ פאַ־מיליע פון 4 פערזאָן אין אָקטאָבער 1951, לויט דער דערמאָנטער אויס־פאָרשונג, געמוזט האָבן אַ מינימום פון 3,812 דאָלער ביז 4,454 דאָ־לער אַ יאָר.

און נאָך אָקטאָבער 1951 זיינען דאָך די קאָסטן פון לעבנס־מיטלען אַ סך מער געשטיגן.

אָבער וואָס זיינען די פאַרדינסטן פון די אַרבעטער?

האָט די זעלביגע רעגירונגס־ביוראָ דעמאָלט אויסגערעכנט, אַז אין פעברואַר 1952 איז דער דורכשניט פון אַרבעטער־פאַרדינסטן געווען 67 דאָלער מיט דריי סענט אַ וואָך.

דאָס מיינט, אַז ווען דער אַרבעטער, דער ברויט־געבער פון דער פאַמיליע, וואָלט אפילו געאַרבעט פולע 52 וואָכן אַ יאָר וואָלטן זיינע פאַרדינסטן אויך געווען ניט מער ווי דריי טויזנט מיט 485 דאָלאַר און 56 סענט אַ יאָר.

די גאַנצע הכנסה פון אים און זיין פאַמיליע וואָלט נאָך, הייסט עס, דעמאָלט געווען מיט קנאַפע 400 דאָלאַר אַ יאָר ווייניגער ווי די קאָסטן פון לעבנס־מיטלען פאָדערן אין ניו אָרלינס און מיט קנאַפע טויזנט דאָלאַר אַ יאָר ווי די קאָסטן פון לעבנס־מיטלען פאָדערן אין וואַשינגטאָן.

נו, קאָן מען לעבן?

***

„לאָוו דהעם ענד ליוו דהעם", האָט ליב דעם לעבן, נאָר טשעפּעט עס ניט.

אָט־אַזאַ לאָזונג האָט זיך נאָכדעם געטראָגן אויך פון אַנדערע אָפּי־ציעלע רעגירונגס־באַריכטן.

למשל, אַ באַריכט פון אַן אויספאָרשונג, וואָס די „נעשאָנאַל סאָ־שעל וועלפעיר אַסעמבלי" האָט אין 1951 דורכגעפירט פאַר אַ קאָנגרעס־קאָמיטע האָט דערציילט, אַז אין לאַנד זיינען אין יענעם יאָר געווען צען און אַ האַלב מיליאָן אַזוינע פאַמיליעס, וואָס זייערע פאַרדינסטן זיי־נען געווען ניט מער, נאָר פאַר אַ סך נאָך ווינציגער ווי צוויי טויזנט דאָ־לער פאַר אַ פאַמיליע.

דער יונאַיטעד סטעיטס דעפּאַרטמענט אָוו קאָמערס, דער האַנדלס־דעפּאַרטמענט פון דער רעגירונג האָט אין 1953 פאַרעפנטלעכט אַ באַ־ריכט, וואָס זאָגט, אַז דער דורכשניטלעכער פאַרדינסט פון אַרבעטער און

אָנגעשטעלטע — די אַלע, וואָס קריגן שכירות און סאַלאַרים — איז אין 1951 געווען דריי טויזנט מיט 650 דאָלאַר אַ יאָר.

דאָס מיינט, אַז אפילו ווען מען רעכנט צונויף די פאַרדינסטן פון די לוין־אַרבעטער און סאַלאַרי־נעמער צוזאַמען איז דער יערלעכער דורכ־שניט געווען מיט נאָענט צו 600 דאָלאַר ווייניקער ווי מען דאַרף האָבן צו קאָנען נאָכקומען די נויטיגסטע פאָדערונגען פון לעבן.

פאַרשטייט זיך, אַז ווען מען רעכנט בלויז די פאַרדינסטן פון די לוין־אַרבעטער איז דער דורכשניט פון זייער הכנסה אַ סך ווייניקער ווי די דריי טויזנט און 650 דאָלאַר אַ יאָר.

דער דאָזיגער באַריכט פון דעם קאָמערס דעפּאַרטמענט ווייזט שוין טאָקע ווייטער, אַז די פאַרדינסטן פון איבער 25 פּראָצענט פון אַלע פאַ־מיליעס פון לאַנד באַטרעפן אין דורכשניט נאָך ווייניקער ווי 25 הונדערט דאָלאַר אַ יאָר.

איבער 33 פּראָצענט פון אַלע פאַמיליעס האָבן אַ דורכשניט, וואָס איז ווייניקער ווי דריי טויזנט דאָלאַר אַ יאָר.

אַ דעטאַליזירטער רעכענונג פון דער אויספאָרשונג ווייזט, אַז די פאַרדינסטן פון קנאַפּע אַכט און אַ האַלב פּראָצענט פון אַלע אַמעריקאַ־נער פאַמיליעס זיינען פון צוויי טויזנט ביז 24 הונדערט דאָלאַר אַ יאָר. די פאַרדינסטן פון קנאַפּע זעקס פּראָצענט פון די פאַמיליעס זיינען פון 15 הונדערט ביז 19 הונדערט מיט 99 דאָלאַר אַ יאָר.

פיר מיט אַ פינפטל פּראָצענט פון די פאַמיליעס קריגט אַ פאַרדינסט פון איין טויזנט ביז 14 הונדערט מיט 99 דאָלאַר אַ יאָר. פיר מיט איין צענטל פּראָצענט פאַרדינט פון 500 ביז 999 דאָלאַר אַ יאָר. די פאַרדינסטן פון פינף פּראָצענט פון די פאַמיליעס איז נאָך ווייניקער ווי צו 500 דאָלאַר אַ יאָר.

אַ באַזונדער רעכענונג, וואָס האָט געוויזן די קבצנ׳עשאַפט פון די מאַסן פון לאַנד האָט אין אָקטאָבער 1953 געגעבן דער „עקאָנאָמיק אוט־לוק״ פון דעם ריסוירטש דעפּאַרטמענט פון דעם סי־אײַ־אָ.

דער „אוטלוק״ האָט דערציילט, אַז פון 53 מיליאָן פאַמיליעס אין לאַנד האָבן די פאַרדינסטן פון פערצן מיליאָן פון זיי אין 1952 באַ־טראָפן אַ דורכשניט פון ווייניגער ווי צוויי טויזנט דאָלאַר אַ יאָר.

אַזוי איז דאָס געווען נאָכן אָפּצאָל פון הכנסה־שטייערן.

איבער צען מיליאָן אַנדערע פאַמיליעס האָבן אין 1952 געהאַט

פארדינסטן, וואס האבן באטראפן צווישן צוויי און דריי טויזנט דאלאר א יאר.

***

ווי אזוי לעבט מען מיט אזוינע פארדינסטן?

האט מען אין דער אויספארשונג פון דער דערמאנטער „נעשאנאל סאשעל וועלפעיר אסעמבלי" געגעבן איניגע קאנקרעטעביישפילן.

איינער פון די ביישפילן איז געווען וועגן א פאמיליע פון א מאן, וועלכן מען האט דארט אנגערופן מיטן נאמען דזשאזעף עדווארדס.

מען דערציילט דארט וועגן אים אזוי:

עדווארדס איז 50 יאר אלט און מיט זיינע פארדינסטן דארף ער מפרנס זיין זיך, זיין פרוי און דריי קינדער אין עלטער פון 8, 9 און 11 יאר.

ער ארבעט שוין דעם פערטן יאר אלס א וועקום־קלינער אין א באסטאנער האטעל. זיין פרוי האלט אפט אין קרענקען און קאן ניט ארבעטן. די קינדער גייען נאך אין סקול. עדווארד'ס פארדינסטן זיינען אכצן הונדערט דאלער א יאר.

ווי אזוי לעבט אט־די פאמיליע?

זיי צאלן פאר אן אפארטמענט פון פיר צימערן בלויז פופצן דא־לאר א חודש. נאר די וואוינונג געפינט זיך לעבן עלעוועיטער־טרעין. איינער פון די צימערן, וואו צוויי פון די קינדער שלאפן איז אינגאנצן אן פענצטער. דער אפארטמענט איז אויפן סאמע אונטערשטן שטאק. דארט איז שטענדיג נאס און קאלט.

יעדער איינער פון דער פאמיליע ליידט אפט פון פארקילונגען, אדער פון קייך־הוסט. מיט א יאר צוריק איז די פרוי געווען אזוי קראנק, אז זי האט געמוזט דורכמאכן אן אפעראציע.

פון די פארדינסטן גיבן זיי אוים פערצן דאלאר א וואך אויף שפייז. אויב עס איז ניט געגוג הונגערט מען צו. זיבן דאלאר א וואך גיט מען אוים אויף באהייצן דעם אפארטמענט און אויף אויל צום קאכן. א דאלאר מיט פופציג סענט א וואך גיט מען אוים אויף אינשורענס.

ווען די פרוי האט געדארפט אפערירט ווערן האט מען געמוזט אפע־לירן צו טשאריטי, אז מען זאל דעקן די קאסטן. אבער פון די אייגענע פארדינסטן האט מען אויף איר קרענק אין משך פון יאר אויך געמוזט

אויסגעבן אַכציג דאָלאַר. ווען מען דאַרף אַ דענטיסט גייט מען אין די דענ־טאַל קליניקס וואו מען דאַרף ניט צאָלן.

אָט אַזוי, זאָגט דער באַריכט, לעבן אויך די מערסטע אַנדערע פאַ־מיליעס, וואָס זייערע פאַרדינסטן זיינען נאָך ווינציגער ווי צוויי טויזנט דאָלאַר אַ יאָר.

נו, איז עפּעס גרינג צו לעבן?

די ליבעס פון אַ קרענק

ווען מ'עפנט אויף אַ צייטונג, אָדער אַ זשורנאַל, געפינט מען דאָרט געוויינלעך אַ סך מעשיות וועגן פאַרשידענע ליבעס.

מען זעט דאָרט מעשיות וועגן ליבעס פון בחורים צו מיידלעך, אָדער פאַרקערט. מען זעט דאָרט מעשיות וועגן ליבעס פון גנבים צו גנב'־ענען; ליבעס פון שווינדלער צו שווינדלען.

מען שרייבט אָבער זייער זעלטן וועגן די ליבעס פון אַ קרענק. איר וועט זעלטן געפינען אין אַ צייטונג, אָדער זשורנאַל אַן אַרטיקל וואָס זאָל דערציילן אין וועמען אַ קרענק (ניט אַזעלכע וואָס גייט חלילה אַרום אויף צוויי פיס) איז אַלם כלל פאַרליבט שטאַרקער און אין וועמען שוואַכער. מען דערציילט דאָרט זייער זעלטן ווער עס קרענקט אַלם כלל לענגער און ווער עס קרענקט ווינציגער.

עטלעכע אויספאָרשונגען האָבן אָבער פעסטגעשטעלט, אַז ווען עס באַפאַלט חלילה אַ קרענק, איז דערביי פאַראַן אַן אמת, ווי מיין מאַמע פלעגט עס אָנרופן.

איך געדענק, אַז ווען זי פלעגט מיך שיקן אַ גאַנג, צו וועלכן איך האָב געהאַט אַ קנאַפּן חשק, פלעגט זי אַמאָל אַ זאָג טאָן:

„זע נאַר, ער רירט זיך ווי אַ נגיד אויף אַ קרענק".

עס איז ביי אַלעמען געווען אָנגענומען, אַז אַ קרענק איז שטענדיג זייער שטאַרק פאַרליבט דערהויפּט אין דעם קבצן. ער קרענקט געוויינלעך אָפטער און לענגער. אָבער דער נגיד יאָגט זיך ניט נאָך דער קרענק. ער קרענקט זעלטענער און אויך אַ סך ווינציגער. פאַרשטייט זיך, אַז דאָס איז דערפאַר, ווייל די קרענק איז אויך ווינציגער פאַרליבט אין דעם נגיד.

איינע פון די אויספאָרשונגען, וואָס האָבן אָט־דעם אמת באַוויזן, איז יאַנואַר 1953 פאַרענדיגט געוואָרן פון דעם „ריסוירטש קאַונסיל פאָר עקאָנאָמיק סעקיוריטי".

דעם זעלביגן אמת האָט מען אביסל פריער געקאַנט זען אויך אין דעם באַריכט פון דער העלט־קאָמישאָן, וואָס האָט דעם ענין געפאָרשט לויט אַן אינסטרוקציע פון פּרעזידענט טרומאַן.
אָבער מער פון אַלץ האָט עס באַוויזן אַן אויספאָרשונג, וואָס איז באַריכטעט געוואָרן אין אַ בוך פון דעם ברוקינגס אינסטיטוט.

אַלע דריי אויס פאָרשונגען ווייזן (איינע מיט מער ציפערן און אַ צווייטע מיט ווייניגער) איין כּלל:

קראַנקהייט איז אַזאַ זאַך, וואָס איז אין דעם קבצן פאַרליבט מער ווי אין דעם גביר. פאַמיליעס, וואָס זייערע פאַרדינסטן זיינען קלענער, ווערן געוויינלעך אָפטער באַפאַלן פון פאַרשידענע קראַנקהייטן און זיי ווערן ניט אַזוי שנעל אויסגעהיילט ווי די, וואָס האָבן בעסערע פּרנסות און גרעסערע פאַרדינסטן.

דער באַריכט פון (עקס) פּרעזידענט טרומאַנ׳ס קאָמישאָן האָט וועגן דעם געזאָגט:

„אַלע פאַקטן ווייזן, אַז צווישן פאַמיליעס מיט קליינע פאַרדינסטן זיינען פאַראַן ערגערע און לענגערע קראַנקהייטן ווי צווישן פאַמיליעס מיט גרעסערע פאַרדינסטן. דאָס איז באַזונדערס ריכטיג אין פאַלן פון כראָנישע קראַנקהייטן און צעשעדיגונגען. צווישן די קראַנקהייטן, וואָס מען זעט אין די רייען פון די אָרעמערע פאַמיליעס אַ סך מער ווי צווישן די רייכערע זיינען באַזונדערס פאַראַן אַזוינע קראַנקהייטן ווי געבריכט־קייטן, פאַרקראַמפּטע אָדערן און שווינדזיכט”.

די קאָמישאָן גיט דערביי צו, אַז די הילף, וואָס אָרעמע פאַמיליעס קאָנען אין פאַלן פון קראַנקהייט קריגן פון אָרגאַניזירטער טשאַריטי (וואָס שליסט אויך איין קהל׳ש שפּיטאָלן) איז זייער אַן אָרעמע און אָפט זייער אַ ביטערע. „די דאָזיגע הילף”, זאָגט די קאָמישאָן, איז אָפט אַזעלכע, אַז „מען רעכנט זיך דערביי ווייניג מיט דער ווירדע פון דעם מענטשן, וואָס דאַרף די מעדיצינישע הילף”. די מעדיצינישע באַדינונג, וואָס מען קריגט אין אַזוינע פאַלן איז אַ „צווייט־קלאַסישע”.

פון אַ פיל גרעסערער באַדייטונג זיינען נאָך אין דעם פּרט געווען אַ ריי פאַקטן, וואָס זיינען אַרויסגעבראַכט געוואָרן אין דעם באַריכט פון דעם ברוקינגס אינסטיטוט.

אין דעם דאָזיגן באַריכט האָט מען איינגעשלאָסן אַ ספּעציעלע אָפּ־טיילונג, וואָס ווייזט ווי גרויס עס זיינען די קראַנקהייטן אין דער נע־

גערשער באַפעלקערונג, וואָס איז בכלל די אָרעמסטע פון לאַנד און וואָס פאַר אַ מעדיצינישע הילף זי קריגט.

זעט מען דאָרטן אַזוינע פאַקטן:

די שטערבלעכקייט פון דער אַמעריקאַנער באַפעלקערונג איז אין די לעצטע פופציג יאָר פאַרקלענערט געוואָרן אויף 45 פּראָצענט. דער מענטשלעכער לעבן איז אין דורכשניט פאַרלענגערט געוואָרן.

אָבער אויף וויפיל מענטשן שטאַרבן דאָך און אויף וויפיל מען קרענקט, איז צווישן די ווייסע און די נעגערשע פאַראַן אַזאַ אונטערשייד:

די צאָל פון מענטשן, וואָס זיינען אין 1950 געשטאָרבן פון שווינדזיכט איז אין דער ווייסער מענערשער באַפעלקערונג געווען עטוואָס ווייניגער ווי 33 פון יעדע הונדערט טויזנט מענטשן. אָבער אין דער מענערשער נעגערשער באַפעלקערונג איז די צאָל געווען איבער 105 פון יעדע הונדערט טויזנט מענטשן.

צווישן ווייסע פרויען האָט שווינדזיכט אין 1950 געטויט 15 פון יעדע הונדערט טויזנט. נעגערשע פרויען האָט עס געטויט איבער 67 פון יעדע הונדערט טויזנט.

קראַנקהייטן פון צעשעדיגטע בלוט־אַרטעריעס האָבן אין דער מענערשער ווייסער באַפעלקערונג אין 1950 אַוועקגענומען די לעבנס פון 87 און אַ האַלב פון יעדע הונדערט טויזנט מענטשן. אָבער אין דער מענערשער נעגערשער באַפעלקערונג האָבן די דאָזיגע קראַנקהייטן געטויט 143 און אַ האַלב פון יעדע הונדערט טויזנט מענטשן.

די צאָל פון ווייסע פרויען, וואָס די דאָזיגע קראַנקהייטן האָבן אין 1950 געטויט איז געווען — 81 און אַ האַלב פון יעדע הונדערט טויזנט. אָבער נעגערשע פרויען האָט עס געטויט 159 און אַ האַלב פון יעדע הונדערט טויזנט.

די נעגערשע באַפעלקערונג ליידט געוויינלעך ניט נאָר פון אָרעמקייט, נאָר אויך פון אוממענטשלעכע דיסקרימינאַציעס. דערפאַר ווערט זי אָבער שוין גאָרניט דיסקרימינירט פון קראַנקהייטן און פון שטערבלעכקייט.

די קרענק און דער טויט זיינען אַזוי אַלס כלל אין די אָרעמע און אונטערדריקטע — צום באַדויערן — מער פאַרליבט ווי אין די רייכע און אין די וואָס פירן־אָן מיט דיסקרימינאַציעס און אונטערדריקונג.

„סובוועריסיווע" הינער און בהמות

עס איז געווען אין דער צייט ווען דער „דאַים" (די צען־סענטיגע מטבע) איז מיטאַמאָל, לויט איינגע מעלדונגען, געוואָרן א „ניקל", בלויז א „פּיאַטאַק".

איך בין געזעסן אין סאַבוועי און אַריינגעקוקט אין אַן אוונט־צייטונג.

לעבן מיר איז געזעסן א דיקלעכע קריסטלעכע פרוי פון מיטעלן עלטער און אויפן שויס האָט זי געהאַלטן א „שאַפּינג־בעג" (א מאַרק־זעקל) מיט אביסל גרינצייג, וואָס זי האָט ערגעץ איינגעהאַנדלט, און איינגע אַנדערע זאַכן.

האָט זי אויף מיין צייטונג דער־זען א נייעס־קאָפּ, וואָס האָט אָנ־געזאָגט די בשורה, אַז פאַר דעם קלייניקן (ניט־אָנגעפילטן) טע־פּעלע קאַפע, וואָס פלעגט אין די אויטאָמאַט־רעסטאָראַנען קאָסטן א „ניקל" וועט מען שוין איצט דאַרפן צאָלן צען סענט.

גיט זי מיר א זאָג:

„וואָס, שוין? פאַר די דריי זופ קאָפּע אין אויטאָמאַט איז זיי שוין אויך ניט גענוג קיין „ניקל"? בעסטאַרדס!"

עס טרעפט זייער זעלטן, אַז א פרוי זאָל אין א סאָבוועי־טרעין זיך נעמען רעדן צו א מאַן, וואָס איז איר אינגאַנצן אומבאַקאַנט.

אָבער די פרוי, וואָס האָט ביי מיר אין צייטונג דעם סוף פון דעם „ניקל" דערזען, האָט זיך צערעדט מיט א ביטערן צאָרן:

„מען ברעכט האַלז און נאַקן איידער מען פאַרדינט דעם דאָלאַר. אָבער ווען מען גייט אריין אין א קראָם אָדער אין א רעסטאָראַן ווערט פון דעם דאָלאַר גאָרניט".

די פרוי ציט אראפ איינע פון די ביליגע און טיילווייז־צעריסענע הענטשקעס, וואס זי האט געהאט אויף די הענט און זי ווייזט מיר ווי די האנט איז צעריבן, צעריסן און קוקט אוים ווי איין שטיק וואונד.

פון אירע רייד דערוויים איך זיך, אז זי ארבעט אלס א קלינערין און וואשערין פון פלארס, ווענט, טיש און בענק אין אן אפיס־געביידע.

„פאר די לעצטע וואלן” (פון 1950), זאגט זי, „האט מען גערעדט, אז נאך די וואלן וועט מען שאפן א פרייז־קאנטראל און כאטש אביסל צאמען דאס רייסעניש פון הויכע פרייזן. איצט שינדט מען פון אונז יעדן טאג אלץ מער די הויט און וועגן א קאנטראל איבער פרייזן האלט מען נאך אלץ בלויז אין רעדן”.

איך רייס איבער אירע רייד מיט א באמערקונג, אז די באסעס פון לאנד ווילן מען זאל בעסער איינשטעלן א קאנטראל איבער אר־בעטער־שכירות.

גיט זי א געשריי:

„א, העל! וואס ווילן זיי ביי מיר קאנטראלירן? די דרייסיג דא־לאר, וואס איך מאך פאר א וואך שווערער ארבעט?

„איך מיין קאנטראל איבער פרייזן!” — האט זי אויסגעשריען.

***

ווען איך האב גראדע גלייך נאך דעם שמועס דערלאנגט א קוק אין א זשורנאל האב איך דערזען א געשיכטע, וואס האט געוויזן, אז כדי אנצוהאלטן הויכע פרייזן פאדערט מען דוקא יא א קאנטראל.

און נאך מער:

לויט דער דאזיגער געשיכטע האט עס אויסגעזען, אז פאר ניט נאכ־קומען דעם דאזיגן קאנטראל איז מעגלעך, אז די וואס האלטן אין זוכן סאבאטאזשניקעס און „סובווערסיווע” וועלן אפשר אפילו די הינער און די בהמות אויך דארפן אנקלאגן, אז זיי זיינען „סובווערסיווע”.

די געשיכטע האט זיך אנגעהויבן מיט די הינער.

קודם כל וועגן די אייער, וואס זיי לייגן.

דער פרייז פון אייער איז אין יענעם חודש געווען זייער הויך.

די גרויסע הענדלער פון אייער האבן אויף דעם אנגעגעבן עטלעכע אורזאכן:

ערשטנס, האבן זיי געזאגט, זיינען די פרייזן הויך דערפאר, ווייל

עס האָט „שטאַרק געשטיגן״ דער געברויך פון אייער. א צווייטע אורזאַך זייערע איז געווען, אַז דער וועטער איז אַ געוויסע צייט געווען צו וואַרעם און אַז אַ סך „פּולעטס״ (יונגע הינער) האָבן איבער דעם זיך אויפגעהערט צו לייגן.

עס איז אָבער געווען אַ „געפּאַר״, אַז אין איינינגע וואָכן אַרום זאָלן די אַרויפגעשרויפטע פּרייזן פון די אייער פאַלן און אויף דער מעגלעכקייט פון אַט־דער „געפּאַר״ האָט מען אויך אָנגעגעבן צוויי אורזאַכן.

די דאָזיגע אורזאַכן זיינען געווען:

ערשטנס, ווייל ביי די הינער הויבט זיך אָן „צעפּלאַקערן״ אַ סעזאָן פון לייגן אייער.

צווייטנס, ווייל די רעגירונג האַלט ביים אָפּשטעלן די סובסידיעס, וואָס זי האָט געגעבן אויף אויפצוהאַלטן די הויכע פּרייזן אויף די אייער.

אָבער פאַרוואָס גייט מען אָפּשטעלן די סובסידיעס און מען גייט דערלאָזן צו אַזאַ „געפאַר״, אַז די הויכע פּרייזן פון די אייער זאָלן פאַלן?

אין אויף דעם געווען אַן ענטפער, וואו דער אַגריקולטור דערפּאַרטמענט פון דער רעגירונג האָט געזאָגט:

„ווייל די רעגירונג האָט גענוצט יעדן מיטל, וואָס זי האָט נאָר געקאָנט", כדי צו פּועל׳ן ביי די פאַרמערס זיי זאָלן זען, אַז די אייער־פּראָדוקציע פון זייערע הינער זאָל געשניטן ווערן. „אָבער די פאַרמערס (און אויך זייערע הינער, הייסט עס) האָבן זיך דערמיט ניט גערעכנט, נאָר פאַרקערט. זיי האָבן די אייער־פּראָדוקציע נאָך מער פאַרגרעסערט״.

געהייסן האָט עס, אַז דער אַגריקולטור דעפּאַרטמענט האָט געוואָרנט, אַז מען זאָל לייגן ווינציגער אייער. די הינער האָבן אָבער „געסאַבאָטאַזשעוועט״ געגן דער וואָרנונג און ווי צו להכעיס דעם אַגריקולטור דעפּאַרטמענט האָבן זיי דוקא געלייגט מער אייער.

***

און מיט דער מילך פון די בהמות איז עס געווען דאָס זעלביגע ווי מיט די אייער פון די הינער.

די פאַקטן, וואָס מען האָט אין יענער געשיכטע אָנגעגעבן זיינען געווען אַזוי:

אין די פינף יאָר פון 1946 ביז 1950 איז די מילך־פּראָדוקציע אין לאַנד אַ סך געשטיגן.

דעם פּרייז, וואָס די מילך־קאָמפּאַניס צאָלן צו די פאַרמערס האָט

מען אין דער דאָזיגער צייט געשניטן.

פאַר יעדע דריי דאָלאַר מיט 98 סענט, וואָס דער פאַרמער פלעגט פאַר זיין מילך קריגן אין 1948, האָט ער אין 1950 שוין געקראָגן בלויז צוויי דאָלאַר מיט 98 סענט. דאָס מיינט עטוואָס מער ווי מיט אַ פערט־חלק ווינציגער.

די פרייזן פאַר מילך צו די קאָנסומערס האָט מען פון 1946 ביז 1950 געהעכערט אויף איבער אַ דריט־חלק. אַנשטאָט יעדע צוויי דאָלאַר, וואָס דער קאָנסומער פלעגט צאָלן פאַר מילך האָט ער שוין אין 1950 געצאָלט נאָך מער ווי דריי דאָלאַר.

דער געברויך פון מילך איז אין די לעצטע פינף יאָר געפאַלן. די מילך־פּראָדוקציע איז טאַקע פאַרגרעסערט געוואָרן, אָבער דער געברויך איז פאַרקלענערט.

מילך נוצט מען מיט עלף פּראָצענט ווינציגער ווי אין 1945, קרים נוצט מען מיט צען פּראָצענט ווינציגער.

די מילך־קאָמפּאַניס האָבן ביי זיך דעריבער אַ ריזיגן סורפּלוס (אַן איבערפלוס) פון מילך. אַ רעכענונג ווייזט, אַז ניו יאָרק, פילאַדעלפיע און באָסטאָן, האָבן אַ סורפּלוס פון דריי־פערטל ביליאָן קוואָרט מילך.

ווער איז אין דעם שולדיג?

האָט מען ניט געוואָלט זען, אַז די שולד פאַר דעם פאַרקלענערטן געברויך און פאַרגרעסערטן סורפּלוס פון מילך ליגט אין דעם, וואָס מען רייסט הויכע פרייזן. מען האָט אָבער יאָ אָנגענומען, אַז די שולד פאַר דעם סורפּלוס פון דער מילך ליגט אויף די פאַרמערס און זייערע בהמות דערפאַר, וואָס די בהמות מעלקן זיך צופיל און שאַפן אַ גרויסע פּראָדוקציע פון מילך.

***

ווען איך האָב אָט־די פאַקטן געוויזן דער פרוי, וואָס איז לעבן מיר געזעסן איז איר כעס געוואָרן נאָך שטאַרקער ווי געווען.

די שולד פון די הינער און די בהמות האָט עס אָבער ניט אָראָפּגענומען און דער יקרות איז נאָכדעם געוואָרן נאָך גרעסער ווי געווען.

דריי איינלאַדונגען

די אַרבעטער פון דער דזשענעראַל עלעקטריק קאָמפּאַני האָלטן אָפּט אין פּראָטעסטירן געגן דעם וואוקס פון דעם אוממענטשלעכן ספּיד־אַפּ, דעם געיעג, וואָס מען צווינגט אויף זיי אַרויף ביי דער אַרבעט.

האָט איינמאָל לעמועל ע. באָולוועיר, איינער פון די הויפּט־אָנפירער פון דער קאָמפּאַני אַריינגעגעבן אין אַ זשורנאַל אַן אַרטיקל און דאָרט האָט ער זיך ניט געפוילט צו זאָגן:

„עס איז ניט די פּאָליסי פון אונזער קאָמפּאַני צו לאָזן די אַרבעטער פרייטאָג נאַכט נאָך דער אַרבעט גיין אַהיים אַזוי מיד און אויסגעמאַטערט ווי זיי זיינען ווען זיי קומען מאָנטאָג פרי צו דער אַרבעט פאַרמאַטערטע פון שבת און זונטאָג".

האָבן די אַרבעטער פון דעם לעיט־דעפּאַרטמענט פון דער דזשע־נעראַל עלעקטריק פאַבריק פון סקענעקטעדי אים צוגעשיקט אַ בריוו מיט אַן איינלאַדונג.

זיי האָבן אים איינגעלאַדן ער זאָל קומען און כאָטש איין וואָך אַריינכאַפּן אַ „וואַקאַציע" ביי דער לעיט־אַרבעט אין פאַבריק.

זיי האָבן אים דערקלערט, אַז אויב ער נעמט אָן די איינלאַדונג אויף דער וואָך „וואַקאַציע" ביי דער אַרבעט אין פאַבריק וועלן זיי דער־פאַר זיין גרייט איבערצונעמען די „מאַטערניש", כאָטש פון אַ פּאָר פון זיינע אייגענע יום־טוב טעג.

ער האָט די איינלאַדונג ניט אָנגענומען.

*
**

טשאַרלס ע. ווילסאָן, דער הויפּט־באָס פון דער דזשענעראַל עלעק־טריק קאָמפּאַני, איז אין אָנהויב פון 1952 געוואָרן אין כעס דערפאַר, וואָס די דעמאָלטדיגע לוין־סטאַביליזאַציע באָארד האָט רעקאָמאַנדירט, אַז די אַרבעטער פון דער שטאָל־אינדוסטריע זאָלן קריגן אַ לוין־העכע־רונג און ער האָט דערפאַר רעזיגנירט פון זיין דעמאָלטדיגן רעגירונגס־אַמט אַלס דירעקטאָר פון סטאַביליזאַציע.

אין אַ דערקלערונג האָט ער זיך צעקאָכט און צע'טענה'ט, אַז די שכירות, וואָס די שטאָל־אַרבעטער קריגן זיינען גרויס גענוג און אַז

אויב מען וועט זיי העכערן ווי די לוין־סטאביליזאציע באארד האט רע־קאמענדירט וועט עס זיין אן אומגליק.

האט אן ארבעטער פון א שטאל־פאבריק פון אהאיא אים געשיקט א בריוועלע און געזאגט אזוי:

„איך וואלט זיך געוואלט בייטן מיט אייער ארבעט, איר זאלט אי־בערנעמען מיין דזשאב ביים אויוון פון שטאל־גיסעריי און איך זאל אי־בערנעמען אייערע דזשאבס.

ווייס איך אבער, אז איר וועט מיין ארבעט ניט קאנען טאן. אחוץ דעם ווייס איך, אז איר זענט דאך איצט שוין נעבעך גאר אן ,ארבעט־לאזער'.

„וויל איך אייך אבער מאכן אזא פארשלאג:

„לאמיר זיך בייטן ניט מיט דער ארבעט, נאר מיט דעם געלט, וואס איך קריג פאר מיין ארבעט אין דער שטאל־גיסעריי און וואס איר קריגט פאר ארומגיין ליידיג.

„און נאך מער: איך בין גרייט אייך אוועקצוגעבן מיינע ,גרויסע' פארדינסטן פון א גאנצן יאר און איר זאלט מיר דערפאר אוועקגעבן די פארשידענע ,נישטיגע פארדינסטלעך', וואס איר קריגט כאטש בלויז פאר איין חודש.

„נעמט איר עס אן?"

מר. ווילסאן האט די איינלאדונג צוריקגעוויזן.

***

אין א פאבריק, וואס געפינט זיך אין איינער פון די קלענערע שטעט פון אהאיא איז געווען א דורכגאנג אויף טרעפ וועגן וועלכע די אר־בעטער האבן זיך באקלאגט, אז זיי זיינען א געפאר.

די טרעפ זיינען געווען צו שמאל און ארבעטער האבן זיך אויף זיי א סך מאל פארטשעפעט און שיעור צע'מזיק'ט געווארן.

האט די יוניאן פון די ארבעטער געפאדערט מען זאל די טרעפ אויס־בעסערן, נאר עס האט ניט געהאלפן. די באלעבאטים פון פאבריק האבן די פאדערונג ניט געוואלט נאכקומען.

האט מען אריינגעשיקט אן אנקלאגע צו דער סטעיט־רעגירונג.

די יוניאן האט אין דער אנקלאגע גע'טענה'ט, אז דער געבוי פון די טרעפ איז אזעלכער, וואס איז געגן די בילדינג־רעגולאציעס פון סטעיט.

די יוניאָן האָט דערביי געגעבן אָן איינלאַדונג, אַז אַן אינספּעקטאָר זאָל קומען און באַטראַכטן די טרעפּ.

איז אין פאַבריק געקומען אַ פרוי, אַן אינספּעקטאָרשע פון דער „סטעיט דיוויזשאָן אָוו פימעילס ענד מאַינאָרס״ און זי האָט באַטראַכט די טרעפּ.

אָבער צו דער דערשטוינונג פון די אַרבעטער איז איר אַנטשיידונג געווען, אַז די טרעפּ זיינען געבויט לויט געזעץ און אַז קיין געפאַר איז אין זיי נישטאָ.

האָט די יוניאָן נאָכדעם אַריינגעשיקט אַ נייע אָנקלאַגע. זי האָט געפאָדערט, אַז די „דיוויזשאָן אָוו פעקטאָרי ענד בילדינג אינספּעקשאָן״ זאָל שיקן פאַרטרעטער צו באַטראַכטן די טרעפּ און זען צי זיי זיינען ניט קיין געפערלעכע.

איז געקומען אַן אינספּעקטאָר פון דער דאָזיגער רעגירונגס־אָפּטיילונג און זיין אַנטשיידונג איז שוין געווען דוקא גאָר אַן אַנדערע. ער האָט דערקלערט, אַז די טרעפּ זיינען געווים אַ געפאַר, און אַז זייער געבוי איז ווייט ניט אין איינקלאַנג מיט די רעגולאַציעס פון דעם סטעיט־געזעץ.

זיין באַפעל איז געווען, אַז די טרעפּ זאָלן באַלד איבערגעבויט ווערן.

די פרוי, די אינספּעקטאָרשע, וואָס האָט פריער געהאַט באַטראַכט די טרעפּ און זיי גע׳כשר׳ט, איז קענטיג ניט געווען זייער צופרידן דערפון.

דער דזשענעראַל סופּערוואַיזער פון פאַבריק איז דערפון אויך ניט געווען צופרידן.

איז די פרוי געקומען, כדי כאָטש נאָך אַמאָל צו כאַפּן אַ קוק אויף די טרעפּ.

האָט זי זיך גענומען צו גיין איבער די דאָזיגע טרעפּ און — זי אַליין האָט זיך אויף זיי איבערגעקוליעט און זיך צעקלאַפּט. מען האָט זי גלייך געמוזט נעמען אין אַ שפּיטאָל.

באַלד נאָך דעם האָט דער דזשענעראַל סופּערוואַיזער זיך אויך גע־נומען צו שפּאַנען איבער די טרעפּ און — ער האָט זיך אויף די טרעפּ איבערגעקוליעט און זיך צעבראָכן אַ פינגער פון אַ פוס.

זיי האָבן, הייסט עס, די „איינלאַדונגען״ שוין יאָ אָנגענומען...



מאָטל דעם סטאָליער׳ס טענות

הינטישער מזל

זיצט ביי מיר מאטל דער סטאליער לעבן דער ראדיא און הערט ווי א זינגערין פון דער פארשטעלונג „גאים ענד דאלס” זינגט:

„ווען זי וואלט געווען א גלאק, וואלט זי געקלונגען”, און „ווען זי וואלט געווען א דאק (א קאטשקע, הייסט עס) וואלט זי זיך גענומען צו קווא־קווא׳קען”.

טענה׳ט מאטל: און וואס איז פאר אזא גליק צו זיין א גלאק אדער א קאטשקע? פארוואס ניט בעסער א קאץ אדער א הינטל?

וויל איך וויסן:

מיט וואס איז דאס דער יחוס פון א קאץ אדער א הונט גרעסער ווי דער יחוס פון א גלאק אדער א קאטשקע?

ענטפערט מאטל: — איך וועל דיר זאגן דעם אמת: איך וויים שוין פשוט ניט וועמען מקנא צו זיין.

אט געדענקסטו, זאגט ער, די מעשה וועגן דעם „טעסטימאניעל”, וואס די פרינצעסין העלענא סולוקיטסא האט געפראוועט פאר איר קאץ באנטיפא אין דעם רייכן קאק רוזש רעסטאראן?

דו אליין האסט דערציילט, אז די פרינצעסין האט פאר דעם „טעסטימאניעל” ארויסגעשיקט שיין־גראווירטע איינלאדונגס־קארטן, געלאדן רייכע דאמען, אז זיי זאלן קומען מיט זייערע קעץ און הינט. די קעץ האט מען אויסגעפוצט מיט קאלנערס פון הערמעלין פוטער און מיט קארסאזשן. די הינט האט מען אויסגעפוצט מיט באנטיקלעך און מיט מינק און אוירמין מאנטלען. א טייל פון די קעץ און הינט האט מען אויך באפוצט מיט צירונג. און אט־דער טעסטימאניעל איז געווען בלויז א „דרעסריהווירסל”. די פרינצעסין סולוקיטסא האט זיך דעמאלט אין א דערקלערונג צו רעפארטערס פון צייטונגען בארימט, אז דאס איז נאך אלץ בלויז א מין פארשפיל צו נאך א גרעסערער פארטי מיט נאך גרעסערע צערעמאניעס, וואס ווערט געגרייט לכבוד דער זעלבער קאץ.

נו, זאָגט ווייטער מאַטל, האָב איך איצט געזען אַ באַריכט וואו מען באַשרייבט ווי אַזוי די גרעסערע פּאַרטי האָט אויסגעזען.

דערציילט זיך דאָרט, אַז די קעץ און די הינט, וואָס די רייכע דאָמען האָבן געבראַכט צו דער דאָזיגער פּאַרטי האָט מען פריער אַ שטיק צייט געהאַלטן אין אַ ספּעציעלן ביוטי־פּאַרלאָר, אָנגעגרייזלט זייערע האָר, זיי באַגאָסן מיט פּערפיום.

אין דעם קאָק רוזש רעסטאָראַן, וואו אויך אָט די פּאַרטי איז פאָרגעקומען, זיינען די קעץ און די הינט געזעסן ביי אַ טיש וואו קעלנערס האָבן זיי דערלאַנגט פּאַרטערהאוז סטעיק און אַנדערע מאכלים.

איינע פון די לעידים האָט צו איינעם פון די קעלנערס געהייסן דערלאַנגען פאַר איר קאַץ אַ „מאַרטיני קאָקטעיל״. זי האָט דערביי באַפוילן מען זאָל דאָס מאַכן „ווערי דראַי״. דאָס מיינט, אַז דער „ספּירי״ פון דעם בראָנפן זאָל זיך דאָרט זייער שטאַרק פילן.

איין דאַמע איז צו דער פּאַרטי געקומען געקליידט מיט אַ רייכן מינק־מאַנטל און דאָס הינטל, אַ „פראַנצויזישער פּודל״, וואָס זי האָט מיט זיך געבראַכט, האָט אויף זיך געטראָגן אַזאַ מינק־מאַנטל, וואָס איז אַזוי געמאַכט געוואָרן, אַז עס זאָל „מעטשן״ צום מאַנטל פון דער דאַמע.

איינס פון די הינטלעך איז ביי דער פּאַרטי געווען געקליידעט אין אַ ווייסן אוירמין מאַנטל און אַרום האַלז האָט עס געטראָגן אַ דימענטענעם האַלזבאַנד, וואָס קאָסט צען טויזנט דאָלאַר.

און טאָמער גלויבסטו מיר ניט, זאָגט מיין פריינט מאַטל, איז נאַ, אָט קאָנסטו דאָ אויך זען אַ פאָטאָגראַפיע פון דער דאַמע מיט איר הינטל, וואָס האָט אויף זיך געטראָגן דעם טייערן ווייסן מאַנטל און דעם דימענטענעם האַלזבאַנד.

נו, זאָגט ער, דענקסטו ניט, אַז מען דאַרף אַזוינע כלבים מקנא זיין? איך, מאַטל, און נאָך אַזוינע ווי איך, ווערן אויסגעריסן. איך טראָג זיך אַרום מיט מיין שווערער „שאַרעמאַנקע״, מיטן קעסטל סטאָלאַירסקע געצייג אויף די אַקסלען, און זייער פיל טעג קאָן מען אפילו קיין שטיקל ברויט ניט פאַרדינען. אָבער די קעץ און די כלבים פון די רייכע דאַמען פוצט מען מיט מינק און מיט דימענטן און מען קאָרמעט זיי מיט סטעיקס און מיט אַנדערע טייערע מאכלים.

מאַטל ווייזט מיר ווי אין דעם באַריכט וואו מען באַשרייבט די הוליאַנקע פון די הינט און קעץ דערציילט זיך אויך וועגן אַנדערע אַזוינע

זאכן, וואס צינדן אין אים אן א קנאה און א צארן.

למשל, אן אנפירער פון א געוויסער קאמפאני האט זעקס פריינט אריינגעפירט אין דעם עלעגאנטן קאלאני־רעסטאראן, אין ניו יארק, זיי דארט געגעבן א „מאלצייט" (מיט געטראנקען אלס „צוביים") און פאר דעם באצאלט זעקס הונדערט דאלאר.

די יורש'טע פון א פארמעגן אין דער מאשין־אינדוסטריע איז אויף דער פינפטער עוועניו אריין אין א טייערן דרעס־שאפ און אין איין שטונדע צייט האט זי פאר זיך דארט אויף א וואקאציע אין א ווארימען געגנט איינגעהאנדלט פאר זעקס טויזנט דאלאר קליידער.

א פרוי פון א געוויסן מאן, וואס איז זייער אנגעזען אויף וואל סטריט און אין וואשינגטאן, איז אריין אין א גרויסן דזשולערי געשעפט און באשטעלט פאר איר הינטל א פעקל צירונג, וואס באטרעפט צען טויזנט דאלאר.

מאטל לייענט פאר מיר ווי אין באריכט דערציילט זיך וועגן א שמועס, וואס א רעפארטערקע האט געהאט מיט איינעגע פון די קיד־אנגעשטעלטע פון דעם קאלאני־רעסטאראן, וואו מען האט פאר דעם מאל־צייט פון זעקס מענטשן אויסגעגעבן זעקס הונדערט דאלאר.

דערציילט זי, אז די דאזיגע אנגעשטעלטע האבן זיך געוואונדערט פאר וואס זי איז גאר איבערראשט דערפון, וואס מען באצאלט פאר א מאלצייט אזוי פיל געלט.

פאר זיי, האבן זיי געזאגט, איז דאס שוין גאר קיין נייעס נים. זיי האבן שוין ניט איינמאל געזען ווי מענטשן צאלן פאר איין מאלצייט צו הונדערט דאלאר פון א פערזאן.

זיי האבן אויך אויסגערעכנט די מאכלים און די געטראנקען, וואס די דערמאנטע זעקס מענטשן האבן פאר די זעקס הונדערט דאלאר געקראגן.

דאס צעטל פון די מאכלים ווייזט, אז פון דער דאזיגער וועטשערע זיינען די זעקס מענטשן קיין הונגעריגע ניט געבליבן.

צי זיי זיינען געבליבן ניכטער, האט קיינער ניט געקאנט זאגן.

און מיין פריינט מאטל ווייסט עס אויך ניט.

אבער א טענה האט ער:

— נו, איז דען מעגלעך צו וויסן וועמען איצט מער מקנא צו זיין? בין איך טאקע, זאגט ער, זייער שטארק מקנא את־די מענטשן, וואס

קאָנען זיך דערלויבן צו באַצאָלן פאַר איין מאָלצייט ניט ווינציגער ווי צו הונדערט דאָלאַר אַ שטיק. איך מוז אָבער מקנא זיין אפילו אויך די קעץ און די הינט, וואָס טראָגן אויף זיך די צען טויזנט דאָלאַרדיגע האַלז־בענדלעך און פאַר וועלכע מען פראַוועט אַזוינע „טעסטימאָניעלס" ווי די פרינצעסין סולקיטסאַ האָט עס געטאָן.

מיליאָנערסקע „פּראָלעטאַריער"

איינמאָל גיט מיך אַ כאַפּ מיין פריינט מאָטל דער סטאָליער און דערקלערט מיר, אַז ער האָט זיך דערטראַכט צו אַ נייעס.

וואָס איז? ער האָט באַשטימט, זאָגט ער, צו ווערן אַ קאַפּיטאַליסט. אפילו די לעצטע פּאָר פלודערן צו פאַרקויפן, אבי צו ווערן אַ קאַפּיטאַליסט.

זאָג איך אים: אויב דו וועסט די לעצטע פּאָר פלודערן פאַרקויפן, וועסטו טאַקע בלייבן אָן מאַיטקעס, נאָר קיין קאַפּיטאַליסט וועסט נאָך דערמיט אַליין ניט ווערן. אָבער זאָג מיר: פאַרוואָס ביסטו עפּעס איצט געקומען צו אַ שלוס, אַז דו מוזט ווערן אַ קאַפּיטאַליסט?

דערלאַנגט ער מיר גלייך אַ סטאַק פון אפשר אַ טוצן אורזאַכן, וואָס האָבן אים געבראַכט צו אַזאַ באַשלוס.

ערשטנס, פרעגט ער מיך:

— האָסטו געזען דעם בוך, וואָס איז אַ נייע ביאָגראַפיע פון דעם אויטאָמאָביל־מאַגנאַט, וואָלטער פּ. קראַיסלער?

— ניין, איך האָב דאָס ניט געזען.

כאַפּט מאָטל און ווייזט מיר:

— זעסטו, דער נאָמען פון דעם דאָזיגן בוך איז „לאַיף אָוו אַן אַמעריקען וואָרקמען" (די לעבנס־ביאָגראַפיע פון אַן אַמעריקאַנעם אַרבעטסמאַן).

דו פאַרשטייסט? אַ מאַגנאַט, וואָס האָט פאַר זיך געשאַפן צענדליגער מיליאָנען דורך דעם בלוט און שוויים פון צענדליגער טויזנטער אַרבעטער הייסט אין זיין ביאָגראַפיע אַן אַרבעטסמאַן.

נו, טענה'ט מאָטל, אויב וואָלטער פּ. קראַיסלער הייסט אַן אַרבעטסמאַן, מוז איך, מאָטל דער סטאָליער, שוין בעסער ווערן אַ קאַפּיטאַליסט.

וואָס דענקסטו, — בין איך עפּעס אַ מחותּן מיט קרײַסלער׳ן? קאָ־נען מיר דען געהערן צו איין קלאַס?

מאָטל דערלאַנגט מיר נאָך דעם אַ צווייטע אורזאַך:

פאַראַן אין פלאָרידאַ סטעיט אַ „פלאָרידאַ קאָמיטע פאַר אַמעריקען עקשאָן". דאָס איז אַ סטעיט־קאָפּיע פון דער אונאַמעריקען קאָמיטע פון וואַשינגטאָן.

פירט מען פאַר אָט־דער פלאָרידאַ־קאָמיטע אַן אונטערזוכונג צווישן די לערן־ביכער, וואָס מען נוצט אין די סקולס פון סטעיט. מען פאָרשט צי די דאָזיגע ביכער זיינען כּשר אָדער אפשר גאָר סובווערסיווע פּראָ־פּאַגאַנדע.

ליגט שוין איצט פאַר דער קאָמיטע אַ רעקאָמענדאַציע, אַז אייניגע פון די לערן־ביכער זאָל מען גלייך פּסל׳ענען, ווייל זיי זיינען שרעק־לעך טריף.

וואָס איז דאָרט די שרעקלעכקייט?

זאָגן די אויספאָרשער, אַז די ביכער זיינען מורא׳דיג טריף דער־פאַר, ווייל זיי האָבן אין זיך עטלעכע מאָל דאָס וואָרט „וואָרקער", דאָס וואָרט „אַרבעטער".

— נו, זעסטו שוין? — זאָגט מיר מאָטל.

דאָס וואָרט „אַרבעטער" איז שוין געוואָרן „סובווערסיוו".

און ווער ווייסט וואָס עס קאָן נאָך פּאַסירן? עס קאָן זיין, אַז פאַר נוצן דאָס וואָרט אַרבעטער זאָל מען נאָך אפשר אויך רופן צו אַ פאַר־הער ביי דער אונאַמעריקען קאָמיטע.

איז צו וואָס, זאָגט מאָטל, דאַרף איך אויף זיך טראָגן דעם נאָמען אַר־בעטער? זאָל עס קרײַסלער האָבן. שוין טאָקע צייט, אַז מיר זאָלן זיך בייטן. זאָל ער הייסן אַרבעטער און איך זאָל זיין דער קאַפּיטאַליסט.

און אויב מען וועט פאַר דעם וואָרט אַרבעטער רופן צו דער אונ־אַמעריקען קאָמיטע, זאָל וואָלטער פּ. קרײַסלער אַהין גיין און ניט איך. איך, מאָטל דער סטאָליער, וויל בעסער זיצן אין קרײַסלער׳ס אַ פּאַ־לאַץ און ניט ביי דער אונאַמעריקען קאָמיטע.

דענקסטו, אַז איך בין אומגערעכט?

מאָטל ווייזט מיר נאָכדעם, אַז אפילו אָן אָט־די אורזאַכן לוינט זיך אויך בעסער צו זיין אַ קאַפּיטאַליסט איידער אַן אַרבעטער.

ער דערלאַנגט מיר אַזאַ ביישפּיל:

ווען די מלחמה האָט זיך צעפלאַקערט אין קאָרייע איז אין אַמעריקע געוואָרן אַ מאַנגל אויף אַלומינום. צענדליגער טויזנטער אַרבעטער פון וויכטיגע אינדוסטריעס זיינען איבער דעם אָפּגעלייגט געוואָרן פון דער אַרבעט.

אָבער פאַרוואָס איז געוואָרן דער מאַנגל אין אַלומינום?

ווייזט מיר מאָטל, אַז דאָס איז דערפאַר, ווייל די באָסעס פון דעם אַלומינום־טראַסט זיינען קלוגער פון די הינער און די בהמות.

ווען מען זאָגט די הינער זיי זאָלן לייגן ווינציגער אייער, כדי צו קאָנען אָנהאַלטן הויכע פרייזן, הערן זיי אייך ווי דעם קאָטער און זיי לייגן דווקא אַ סך אייער.

און ווען איר זאָגט די בהמות, אַז זיי זאָלן זיך ווייניגער מעלקן, כדי צו קאָנען רייסן נאָך העכערע פרייזן פאַר מילך, טוען זיי דאָס זעלביגע ווי די הינער און צו להכעיס די מילך־קאָמפּאַניס לאָזן זיי זיך דווקא אַ סך מעלקן.

די באָסעס פון דעם אַלומינום־טראַסט דאַרף מען אָבער ניט זאָגן, אַז כדי צו קאָנען רייסן פאַר אַלומינום הויכע פרייזן, דאַרף מען שאַפן ווייניגער אַלומינום. זיי ווייסן דאָס אַליין. אָט נאָר דערפאַר, זעסטו איז דאָס אין אַלומינום געוואָרן אַ מאַנגל.

האָט מען פון זיי געמאָנט, אַז ווינציגסטנס אין דער מלחמה־צייט זאָלן זיי צובויען איינינגע נייע אַלומינום־פאַבריקן און אַביסל אויסברייטערן זייער פּראָדוקציע.

האָבן זיי געזאָגט: ניין. זייער טענה איז געווען, אַז צוליב דער מלחמה־פּראָדוקציע קאָן טאַקע דער צובוי פון אַלומינום־פאַבריקן זיין נויטיג. אָבער זיי ווילן זיך רעכענען אויך דערמיט, וואָס נאָך דער מלחמה קאָנען די דאָזיגע פאַבריקן ווערן איבעריג.

נו, האָט מען מיט זיי געשלאָסן אַ דיל אין וועלכן די רעגירונג האָט זיי גאַראַנטירט:

ערשטנס, אַז ביז פינף יאָר זאָל די רעגירונג ביי זיי אָפּקויפן יעדן סורפּלוס פון אַלומינום, אויב עס וועט נאָר זיין אַזאַ סורפּלוס; צווייטנס, אַז דאָס געלט וואָס זיי וועלן אויסגעבן אויף דעם צובוי פון די פאַבריקן, זאָלן זיי אין אַ משך פון פינף יאָר אַרונטערנעמען פון די שטייערן, וואָס זיי דאַרפן צאָלן; דריטנס, אַז אויב זיי דאַרפן אויף דעם איצט געוויסע הלוואות אין מזומן, זאָל די פעדעראַל ריזורוו באָאַרד זען, אַז

זיי זאָלן דאָס קריגן.

אָט אזוינע ביישפּילן, זאָגט ווייטער מאָטל, זיינען פאַראַן נאָך און נאָך.

נו, פאַרשטייסטו שוין, זאָגט ער, פאַרוואָס איך וויל ווערן א קאַ־פּיטאַליסט?

אַ סאָלדאַטסקע „פּראָספּעריטי״

אין זומער פון 1951 איז מיין פריינט מאָטל אַריינגעלאָפן צו מיר מיט אַ טענה:

— ווייסטו וואָס איך טראַכט? איך דענק אויפצוגעבן מיין סטאָליעריי און נעמען זיך צו אַן אַנדער מלאכה.

וואונדער איך זיך:

— דו, מאָטל, שוין ניט קיין צוציק, וועסטו זיך ערשט איצט נעמען צו אַן אַנדער מלאכה?

— יאָ, יאָ! — זאָגט מאָטל.

— און ווייסטו וואָס? איך האָב באַשלאָסן, — זאָגט ער, — אַז איידער צו זיין אַ סטאָליער איז שוין אפילו איצט, אין די עלטערע יאָרן, בעסער צו ווערן אַ סאָלדאַט אין דייטשלאַנד.

— פאַרוואָס עפּעס אינמיצקע דערינען ווערן אַ סאָלדאַט?

הויבט מאָטל אָן מיר צו דערקלערן זיינע מאָטיוון:

ערשטנס, זאָגט ער מיר, ווייסטו דאָך, אַז סטאָלעריי איז בכלל גאָר אַ קנאַפּע מציאה. בלויז אַמאָל, אין אַלטן רוסלאַנד, ווען אַ מיידל האָט געדאַרפט טאָן אַ שידוך, איז געווען אָנגענומען, אַז אַ סטאָליער־יונג איז אַ גרעסערער יחסן ווי אַ שניידער, אַ שוסטער, אָדער אַן אַנדער באַל־מעלאָכע פון דעם סאָרט. אָבער דאָ אין אַמעריקע איז איצט שניידעריי אין דער ערד, שוסטעריי אין דער ערד און סטאָלעריי, דאַכט זיך מיר, איז נאָך טיפער אין דער ערד.

מען בויט גרויסע פּראָיעקטן, אַ סך קליינע כאַטקעס, אָדער „באַקסעס״, ווי אונזערע סטאָליאַרעס רופן עס. אָבער אַלע מאָנטאָג און דאָנערשטאָג דאַרף מען נעמען די שאַרעמאַנקע אויף די אַקסל און גיין זוכן אַ נייעם דזשאַב.

ווען מען קריגט דעם דזשאַב איז דער גערעג ביי דער אַרבעט אומדערטרעגלעך. מען שיסט! און ניין, שוין ניט פאַר מאָטל׳ס כוחות.

צווייטנס, וואָס איז שייך די פאַרדינסטן, ווייסטו דאָך, אַז אין איצטיגן יקרות האָבן זיי גאָר אַ קליינעם ווערט. ווען מען מאַכט שוין אפילו אַ גאַנצע וואָך שכירות קלעקט עס אויך ניט אויף אַלץ, וואָס מען דאַרף.

נו, זאָגט ווייטער מאָטל, איז שוין טאַקע בעסער צו ווערן אַ סאָל־דאַט אין דער אַמעריקאַנער אַרמיי אין דייטשלאַנד.

— און פאַרוואָס גראַדע אין דייטשלאַנד? — פרעג איך.

קוקט אויף מיר מאָטל ווי אויף עפּעס אַ „גרינעם" און ער זאָגט:

— וואָס־זשע, האָסט גאָרניט געזען די געשיכטע, וואָס די „טאַימס" האָט דערציילט אין אַ דעפּעשע פון פראַנקפורט, דייטשלאַנד?

אָט זע, וואָס די דעפּעשע דערציילט:

אַ סך פון די סאָלדאַטן, וואָס געפינען זיך אין דער אַמעריקאַנער אַרמיי אין דייטשלאַנד זיינען טאַקע פאָרמעל סאָלדאַטן. אָבער אַלס אַ „סאַיד־לאַין", אַלס אַ זייטיגע מלאכה, האָבן זיי פאַר זיך אַנטוויקלט אַ גאַנץ גוטן געשעפט דורך אַ מסחר מיט קאַפי.

אויבנאויף קאָן זיך דאַכטן, אַז דאָס איז אַ קלייניגקייט. אָבער לויט די פאַקטן, וואָס די דעפּעשע האָט איבערגעגעבן זעט עס אויס, אַז דאָס איז שוין גראַדע ניט קיין קלייניגקייט.

מאָטל ווייזט מיר נאָכדעם די פאַקטן בקיצור:

די פרייזן פון קאַפי זיינען פון מאָנאָפּאָליסטן אַרויפגעשרויפט גע־וואָרן ניט נאָר דאָ אין אַמעריקע, נאָר אויך אין דייטשלאַנד.

דאָרט זיינען די קאַפי־פרייזן זייער הויך אויך דערפאַר, ווייל מען רעכנט אַ הויכן שטייער פאַר דעם אימפּאָרט פון קאַפי.

אַמעריקאַנער סאָלדאַטן, וואָס וואוינען דאָרט מיט זייערע פרויען קויפן זייער קאַפי אין די אַרמיי־קראָמען און זיי צאָלן פאַר דער קאַפי אַזאַ פּרייז, וואָס איז ניט מער ווי האַלב פון דעם פרייז, וואָס מען צאָלט אויפ'ן אָפענעם מאַרק.

און וויפל קאַפי קאָן אַ סאָלדאַט פאַר זיך קויפן?

זאָגט די דעפּעשע, אַז אַ סאָלדאַט קאָן פאַר זיך מיט אַ פרוי קויפן יעדן טאָג דריי קענס אינסטענט קאַפי.

דאָס מיינט, אַרום ניינציג קענס אַ חודש.

און דאָס שליסט ניט איין די קאַפי, וואָס זיי קריגן אַלס זייער רע־גולערע רעישאָן, זייער געוויינלעכע פּאָרציע.

אין דעם באַריכט זאָגט זיך, אַז די רעישאָן איז פאַר אַ סאָלדאַט מיט זיין פרוי "24 קענס קאַפי אַ חודש". און ווי איינע פון די פרויען האָט דאָרט וועגן דעם אַליין באַמערקט, „קאָן קיינער ניט אויסטרינקען אַזוי פיל קאַפי".

וואס־זשע טוט מען מיט דער קאפי?
האבן דערמיט א סך סאלדאטן געמאכט פאר זיך א גרוים געשעפט:
מען נעמט די 24 פונט קאפי, וואס מען קריגט אלס רעישאן, און די ניינציג קענס וואס מען קויפט פאר א האלבן פרייז און מען פאר־קויפט עס פאר פיל העכערע פרייזן אויפ'ן אפענעם מארק.
— נו, זאגט מיר מאטל, דענקסטו אז דאס איז א שלעכטער מסחר?
איז דערפאר, זאגט ער, רעכנט ער, אז פאר אים לוינט זיך שוין אויך בעסער אוועקצואווארפן זיין סטאלעריי און ארייננצוגעבן אן אפ־ליקאציע צו ווערן א סאלדאט אין דייטשלאנד.
— אבער ווי אזוי וועסטו מאטל, פרעג איך, קאנען זיין א סאלדאט?
ענטפערט מיר מאטל:
— האסטו געזען אן אנאנס, וואס מען האט אמאל געדרוקט אין א צייטונג פון פעניקס, אריזאנא?
דער אנאנס האט זיך געלייענט:
„פארלאנגט א קאובאי פאר א רענטש. ער מוז קאנען שפילן גי־טארע און קאנאסטא. ווי אזוי צו רייטן אויף א פערד וועלן מיר אים אליין לערנען".
„נו, וועט מיט מיר," זאגט מאטל, „אויך זיין דאס זעלביגע. דעם מסחר מיט דער קאפי וועל איך דאך קאנען אנפירן. איז ווי אזוי צו זיין א סאלדאט וועט מען מיך שוין לערנען".

ניט קיין איידעס אויף קעסט,
נאָר אַ „סובסידיערי"

איינמאָל כאַפּט מיך מיין פריינט מאָטל דער סטאָליער מיט אזא מעשה:

— מיין פּאַרמאַן, זאָגט ער, האָט מיך אויפ'ן דזשאָב דערזען אַ פאַרטראַכטן.

האָט ער מיט כעס אַ געשריי געטאָן:

„נו, וואָס האָסטו זיך אַזוי פאַר'חלומ'ט? דו טראַכסט וואָס דו וואָלסט געטאָן ווען דו וואָלסט געהאַט ראַקפעלער'ס פאַרמעגן?"

האָב איך אים, זאָגט מאָטל, געענטפערט:

„ניין. איך טראַכט בעסער, וואָס ראַקפעלער וואָלט געטאָן, ווען ער וואָלט געהאַט מיין פאַרמעגן".

אָבער אַנטקעגן וואָס דערציילט ער דאָס? — האָב איך ביי מאָטל'ען געפרעגט.

דערקלערט ער מיר, אַז אָט־די מעשה האָט ער זיך דערמאָנט, ווען ער האָט געלייענט די רעדע, וואָס פּרעזידענט טרומאַן האָט געהאַלטן דעם 12טן סעפּטעמבער, 1951.

— איך האָב געלייענט, זאָגט ער, טרומאַנ'ס דערקלערונג, אַז „די מענטשן פון לאַנד האָבן איצט (אין 1951) אַ דורכשניט פון אַזוינע פאַרדינסטן, אַז נאָכ'ן אָפּצאָל פון זייערע שטייערן קאָן איצט יעדע פאַמיליע אין דורכשניט קויפן מיט פערציג פּראָצענט מער לעבנס־מיטלען ווי אין 1939".

נו, זאָגט מאָטל, אַז דאָס האָט אים דערמאָנט דעם ענטפער, וואָס ער האָט געגעבן זיין פּאַרמאַן און אַז וועגן דעם האָט ער זיך באמת פאַרטראַכט:

וואָס אַשטייגער וואָלטן ראַקפעלער, אָדער אפילו פּרעזידענט טרומאַן געטאָן, ווען זיי וואָלטן געהאַט אָט־די פערציג פּראָצענט פאַרגרעסערטן קויף־קראַפט, וואָס מען שרייבט אים איצט־צו צו זיינע פאַרדינסטן?

מילא, וואָס ער אַליין קאָן דערמיט טאָן, זאָגט ער, ווייסט ער שוין. זיין אידענע ווייסט עס נאָך בעסער. זי פילט עס זייער שטאַרק ווען עס פעלט איר אָפט אוים אויף דער פלאַש מילך, וואָס זי דאַרף קויפן. זי

פילט עס נאָך שטאַרקער, ווען זי דאַרף גיין צום בוטשער און ווייסט, אַז צו אים קאָן זי מיט מיינע „פאַרגרעסערטע פאַרדינסטן" גאָר ניט צוטרעטן. אָבער ער וואָלט נאָך אויך וועלן וויסן, וואָס די ראָקפעלערס וואָלטן דערמיט געטאָן.

— ווייסטו וואָס איך וועל דיר זאָגן, טענה'ט צו מיר מאָטל: אַנשטאָט צו האָבן אָט־די פאַרדינסטן מיט די פערציג פּראָצענט „פאַרגרעסערטן קויף־קראַפט", וואָס מען שרייבט מיר צו וואָלט איך שוין בעסער געוואָלט זיין ביי ראָקפעלער'ן, אָדער ביי אַן אַנדער „קאַבצעניוק" פון דעם סאָרט אַ „סובסידיערי".

פאַרוואָס איז אים עפּעס איינמיצקע דערינען איינגעפאַלן אַזאַ פּלאַן ווי ווערן אַ „סובסידיערי"?

דערציילט ער:

אים איז גראָדע אויסגעקומען צו כאַפּן אַ קוק אויף אַ באַריכט פון דער פעדעראַל טרעיד קאָמישאָן.

ווייזט דער באַריכט, אַז די גאָר גרויסע קאָרפּאָרעישאָנס פון לאַנד האַלטן אין איין איינשלינגען אַלץ מער און מער די קלענערע קאָרפּאָרעישאָנס, מאַכן זיי פאַר „סובסידיערים", און פאַר זיי, פאַר די דאָזיגע „סובסידיערים", איז עס גאָר ניט שלעכט. עס מאַכן זייער גוט אויס די גרויסע און עס מאַכן ניט אויס שלעכטע אויך די איינגעשלונגענע, די קליינע.

מאָטל ווייזט מיר דערביי אַ צעטל:

הונדערט פון די גרויסע מאַנופעקטשורינג־קאָרפּאָרעישאָנס האָבן אַ דורכשניט פון 35 „סובסידיערים" פאַר אַ קאָרפּאָרעישאָן.

די סטענדאַרד אויל קאָמפּאַני פון ניו דזשוירזי איז אין דעם פּרט די פאַרמעגלעכסטע. זי האָט 332 „סובסידיערים".

איר פאַרמעגן, זאָגט דער באַריכט פון דער פעדעראַל טרעיד קאָמישאָן, האָט שוין אין 1948 באַטראָפן דריי ביליאָן מיט 526 מיליאָן דאָלאַר.

דזשענעראַל מאָטאָרס האָט 74 „סובסידיערים" און איר אָנגעגעבענער פאַרמעגן באַטרעפט צוויי ביליאָן מיט 957 מיליאָן דאָלאַר.

כמעט אַזוי האַלט עס שוין מיט די אַנדערע גרויסע קאָרפּאָרעישאָנס און מיט זייערע „סובסידיערים".

200 גרויסע מאַנופעקטשורינג קאָרפּאָרעישאָנס האָבן איצט צוזאַמען

4,722 „סובסידיערים" און אַלע מאַכן, קיין עין הרע, גוטע געשעפטן.

טאָ פאַרוואָס, זאָגט מאָטל, זאָל ער אויך ניט זיין ביי זיי קיין „סובסידיערי".

אמאָל, באַלד נאָך זיין חתונה, זאָגט ער, האָט אים זיין שווער גע־וואָלט מאַכן פאַר אַ „סובסידיערי", אים אַריינגעמען צו זיך אין הויז, מאַכן אים מיט זיין פרוי פאַר קעסט־קינדער.

האָט אָבער מאָטל דעמאָלט דווקא ניט געוואָלט זיין קיין „סוב־סידיערי". יאָ, אַפילו ביי אייגענעם שווער אויך ניט.

איצט, זאָגט ער, האָט ער שוין דערצו דווקא יאָ אַ חשק. ער איז גרייט מוחל צו זיין די „גרויסע פאַרדינסטן" מיט די „פערציג פּראָצענט גרעסערן „קויף־קראַפט", וואָס מען האָט אים איינגעטיילט אין פּרעזידענט טרומאַנ'ס רעדע, און ער וויל שוין בעסער ווערן ביי ראָקעפעלער'ן, אָדער ביי טשאַרלס ע. ווילסאָן אַ „סובסידיערי".

אָבער פאַרוואָס, פרעג איך אים, זאָלן זיי דאָס טאָן?

פון די אַנדערע „סובסידיערים", ווייסטו דאָך, מאַכן זיי פּראָפיטן. אָבער וואָס פאַר אַ פּראָפיטן וועלן פון דיר האָבן?

און ביי זיי, זאָג איך אים, ביסטו דאָך קיין איידעמל אויך ניט.

ענטפערט מאָטל: נו, און אויב איין „סובסידיערי" זייערע וועט זיין אַזאַ שלימזל'דיגע ווי איך בין, וועלן זיי שוין דערפון בדלות ווערן?

און בין איך דען, זאָגט ער, מחויב צו טראַכטן צי עס לוינט זיך פאַר זיי? פאַר מיר איז גענוג צו וויסן, אַז מיר וואָלט זיך עס געלוינט.

די אורזאַך פון צעריסענע פלודערן

אין מערץ 1952 קומט מיין פריינט מאָטל דער סטאָליער און גיט מיר איבער ניט קיין פריילעכע נייעס:

— דו מעגסט עס וויסן, זאָגט ער, איך האָב זיך ערשט צעקריגט מיט מיין שרה דבורה'ן.

קוק איך אויף אים מיט פאַרוואונדערונג און פרעג:

— דו, מאָטל? אַלע דיינע יאָרן, ווייס איך, האָסטו זיך מיט דיין שרה דבורה'ן ניט געקריגט, פאַרוואָס־זשע איצט דווקא יאָ?

זאָגט מאָטל: יאָ, ביז איצט האָב איך געמיינט, אַז זי, מיין שרה דבורה, באַזאָרגט אַלע אירע פליכטן. אָבער איצט האָב איך אויסגעפונען, אַז איינע פון די סאַמע וויכ־טיקסטע פליכטן ווערט פון איר גאָר אינ־גאַנצן פאַרנאַכלעסיגט.

און וואָס איז דאָס פאַר אַ פליכט?

ענטפערט ער: אָט הער.

— איך האָב דורכגעלייענט אַ לאַנגן באַריכט פון אַ קאָנווענשאָן, וואָס די נע־שאַנאַל אַסאָסיעישאָן אָוו ריטעיל קלאָ־דיערס האָט אָפּגעהאַלטן אין שיקאַגאָ. האָב איך אין דעם דאָזיגן באַריכט געזען, אַז די געשעפטן מיט די מענער־קליידער גייען לעצטנס זייער שלעכט. נאָך לויט די רעדעס, וואָס גרויסע געשעפטס־לייט און אָנפירער פון גרויסע אַדווערטאַיזינג־אַגענ־טורן האָבן דאָרט געהאַלטן איז דאָ אַ מיטל.

וואָס דאָס איז, פרעגסטו?

אַלע האָבן ביי דער קאָנווענשאָן דערקלערט, אַז מען דאַרף זיך נע־מען באָבאַרדירן מיט אַ לאָזונג:

„דרעסינג אַף אַמעריקאַ!"

מען דאַרף, הייסט עס, זיך נעמען באָמבאַרדירן מיט אַ געשריי, אַז

אַלע מענער זאָלן זיך אויספּוצן אין שיינע קאָסטיומען, שיינע מאַנטלען און זאָלן אויפהערן ארומגיין מיט טראַנטעס.

נו, זאָגט ער, בין איך געקומען צו מיין שרה־דבורה'ן און איר אָנ־געוויזן, אַז מיר האָבן ביז איצט פאַרנאַכלעסיגט אַ גרויסן חוב. דאָרט, ביי דער קאָנווענשאָן, וויז איך איר, האָט מען געליאַרעמט, אַז אַלע דאַרפן דורכפירן אַ „דרעסינג אַפּ אַמעריקאַ". אָבער איך, מאָטל, גיי נאָך אַלץ ארום מיט צעריסענע פּלודערן.

איך וויז מיין שרה־דבורה'ן, אַז ביי דער קאָנוועניאָן האָט מען געקלאָגט, אַז די אורזאַך פון די שלעכטע קליידער־געשעפטן ליגט איצט אין דעם, וואָס זייער פיל מענער גייען ארום אויף די גאַסן אָן היטלען און אָן מאַנטלען.

איך וויז איר, אַז מען האָט דאָרט אויך גענוצט פאַקטן:

סטאַטיסטיקע, האָט מען דאָרט געזאָגט, באַווייזט, אַז איין מאַן פון יעדע צען האָט גאָר קיין סוט ניט און גייט כמעט אינגאַנצן נאַקעט. צוויי פון יעדע צען מענער האָבן פאַר זיך אין די לעצטע פינף יאָר אפילו קיין איינציגן שטיקל גאַרניטער ני ט געקויפט. אַ העלפט פון די סוטס, וואָס זיינען אין די לעצטע פינף יאָר פאַרקויפט געוואָרן געהערן בלויז צו 18 פּראָצענט פון דער מענערשער באַפעלקערונג.

פרעגט מיך מיין שרה־דבורה:

— נו, פאַרוואָס־זשע, מאָטל, ביסטו ניט איינער פון די דאָזיגע אכצן פּראָצענט?

ענטפער איך איר, אַז ביז איצט האָב איך געמיינט, אַז די אורזאַך דערפון איז גאָר אַ פשוט'ע:

איך בין ניט איינער פון די אכצן פּראָצענט, וואָס האָבן זייער אַ סך נייע קליידער, ווייל איך בין איינער פון די 82 פּראָצענט, וואָס האָבן זייער ווייניג, אָדער גאָרניט.

ווייזט זיך אָבער ארויס, האָב איך מיין שרה־דבורה'ן ווייטער גע־זאָגט, אַז די אורזאַך איז אויך גאָר אַן אַנדערע און אַז זי אַליין טראָגט אויף זיך אויך אַ גרויסע שולד פאַר דער דאָזיגער אורזאַך.

נו, נו, זאָגט מאָטל, האָט עס מיין שרה־דבורה זייער ניט געוואָלט ליידן. אָבער איך האָב איר באַוויזן שוואַרץ אויף ווייס, אַז אויך דאָס קומט פאַקטיש פון דער דערמאָנטער קאָנוועשאָן און אַז איך אַליין האָב עס ניט אויסגעטראַכט, חלילה.

אט נא, זע, זאג איך איר:

צום לאזונג „דרעסינג אפ אמעריקא" האט מען ביי דער קאנוועג־שאן אויך צוגעגעבן א לאזונג, וועלכן איינער האט דארט אנגערופן:

„עסאלט דהי מעיל ענימעל טהרו דהי פימעיל ענימעל" (מאך דעם אנגריף אויף דער מענערשער חיה דורך דער פרויען־חיה).

דו, מיין שרה־דבורה, ביסט, הייסט עס, די „פימעיל ענימעל" און איך, דיין מאטל, בין, הייסט עס, די „מעיל ענימעל".

האט די קאנוועגשאן געזאגט, אז דעם אנגריף אויף מיר, אז איך זאל נאכקומען דעם לאזונג „דרעסינג אפ אמעריקא", דארף מען מאכן דורך דיר.

איינינע האבן עס דארט אנגערופן מיט פשוט'ערע ווערטער:

מען דארף אנפירן א פראפאגאנדע צווישן די פרויען, אז זיי זאלן זען, אז זייערע מענער זאלן זיין אויסגעפוצט אין שיינע קליידער.

איך האב ביז איצט געמיינט, אז אויב איך טראג נאך אויף זיך א פאר אלטע פארלאטענע תחתונים איז דאס נאר דערפאר, ווייל איך האב ניט קיין געלט אויף קיין נייע. האט מען אבער ביי דער קאנוועגשאן געזאגט, אז א גרויסע שולד ליגט גאר דערפאר אויף די פרויען פון אזוינע מענער ווי איך בין. דו, מיין שרה־דבורה, האסט געדארפט זען, אז דיין מאטל זאל שטענדיג זיין אן אויסגעפוצטער אין נייע בגדים און דו האסט את־די פליכט ניט דערפילט.

נו, ווייסטו שוין פארוואס דו ביסט שולדיג?

— אבער צו וואס האסטו גאר געדארפט לייענען את־די גאנצע קאנוועגשאן־מעשה? — האט זיך מיין שרה־דבורה צעשריגן.

האב איך איר געענטפערט:

— טאקע דערפאר, ווייל איך האב געוואלט אויסגעפינען פארוואס איך גיי נאך אלץ ארום אין טראנטעס און צי דו טוסט דיין חוב.

אט אזוי, זאגט מיר מאטל, האט ער זיך איצט מיט זיין וייב אביסל „צעווערטלט".

ער האט אבער מורא, זאגט ער, אז דעם לאזונג „דרעסינג אפ אמע־ריקא" וועט ער נאך פונדעסטוועגן איצט אויך ניט קאנען נאכקומען...

***

אביסל שפעטער קומט מאטל און דערציילט מיר, אז וועגן זעלביגן ענין האט ער שוין מיט זיין שרה דבורה'ן געהאט א נייעם „ראזגאוואר",

שוין מיט איר זיך ווידער „צעווערטלט".

— פאַרוואָס ווידער?

— אָט וועל איך דיר דערציילן, — זאָגט מאָטל.

איך קום צו איר און זאָג:

שרה דבורה, מיין ווייב! פון דעם לאָזונג „דרעסינג אַפּ אַמעריקאַ" האָסטו ניט געוואָלט הערן. טאָ זיי וויסן, אַז אויף קומענדיגן קריסטמעס וועסטו מיר מוזן קויפן אַ מתנה.

און די מתנה, זאָג איך איר, וועט שוין טאַקע מוזן זיין אַ סוט, אַ נייער גאַרניטער.

קוקט זי מיך אָן און פרעגט:

— וואָס איז מיט דיר די גדולה?

ווייז איך איר אַ ציימונגס־באַריכט, וואָס דערציילט:

די קליידער פאַבריקאַנטן, וואָס זיינען אָרגאַניזירט אין דער „קלאָ־דינג מאַנופעקטשורערס אַסאָסיעישאָן אָוו דהי יונאַיטעד סטעיטס" האָבן באַשטימט אַ קאַמפּאַניע צו פאַרגרעסערן דעם פאַרקויף פון נייע קליידער. די קאַמפּאַניע ווילן זיי אָנפירן באַזונדערס פאַר דעם קומענדיגן קריסטמעס.

האָבן זיי פאַר דער דאָזיגער קאַמפּאַניע שוין באַצייטנס אַרויסגע־רוקט אַ לאָזונג, וואָס הייסט:

„עי סוט איז עי סיוטעיבל גיפט פאָר קריסטמעס". (אַ גאַרניטער איז אַ פּאַסיגע מתנה פאַר קריסטמעס).

דער פּלאַן איז, אַז פאַר דעם דאָזיגן לאָזונג זאָל מען זיך נעמען שפּרייטן ליטעראַטור צווישן אַלע ריטעילערס, וואָס פאַרקויפן מענער־קליידער. אַ ברייטע פּראָפּאַגאַנדע וועט געפירט ווערן צווישן די, וואָס דאַרפן זיין די קויפער פון די קליידער. מען וועט האַמערן, אַז „עי סוט איז עי סיוטעיבל גיפט פאָר קריסטמעס". מען וועט מסתמא אויך פּויקן, אַז עס וועט זיין זייער פּאַטריאָטיש, ווען יעדער איינער וועט פאַר אַלע זיינע פריינט איינקויפן נייע גאַרניטערס אַלס מתנות לכבוד קריסטמעס.

נו, טאָ פאַרוואָס, זאָג איך צו מיין שרה דבורה׳ן, זאָלן מיר אויך ניט טאָן דאָס זעלבע?

און דענקסטו, פרעג איך ביי איר, אַז עס וואָלט געוועזן אַ קרומע זאַך ווען דו וואָלסט שוין אפילו איצט מיר איינגעהאַנדלט עפּעס אַ לייר־טישן גאַרניטער? פאַרוואָס ניט זיין קיין פּאַטריאָטן אָט שוין באַלד און ניט וואַרטן דערמיט ביז קריסטמעס?

אָבער ווייסטו, וואָס מיין שרה דבורה האָט מיר געענטפערט?
זי האָט מיר געמאַכט אַ פאָרוואורף.
און איך דענק, אַז דאָס מאָל איז זי דווקא גערעכט.
— וואָס איז דער פאָרוואורף?
איר טענה איז, אַז פון דער צייט פון דער דעפּרעסיע האָבן מיר געדאַרפט עפּעס אָפּשפּאָרן פאַר דער איצטיגער „פּראָספּעריטי”. אָבער אַזוי ווי מיר האָבן ניט אָפּגעשפּאָרט קאָן זי מיר קיין גאַרניטער אויף קריסטמעס ניט קויפן.
— און פאַרוואָס, פרעג איך ביי מאָטל'ען, דענקסטו, אַז דיין שרה דבורה איז גערעכט? איז דען די דעפּרעסיע געווען ביי דיר בעסער פון דער איצטיגער „פּראָספּעריטי”?
ענטפערט מיר מאָטל:
— אין דער דעפּרעסיע האָט מיר טאַקע אויך קיין צרות ניט געפעלט. אַרבעט איז געווען ווינציג און די פאַרדינסטן זייער קליין. אָבער איצט, זאָגט מיר מאָטל, זיינען די צרות אין איינינע פּרטים נאָך ערגער.
טענה איך צו אים:
— סטייטש, די סטאָליאַרעס האָבן דאָך ערשט ניט לאַנג צוריק געקראָגן אַ העכערונג פון פינף פּראָצענט?
און אַרבעט, זאָג איך, איז דאָך ביי דיינע סטאָליאַרעס איצט אויך פאַראַן מער ווי פריער?
שרייט מאָטל:
יאָ, אַרבעט איז טאַקע אפשר איצט פאַראַן מער, און אַ העכערונג פון פינף פּראָצענט האָט מען טאַקע אויך געקראָגן. אַזוי איז דאָס פאַרשריבן אויפן פּאַפּיר פון דעם אָפּמאַך, וואָס דער קאָונסיל פון אונזערע בוי־אַרבעטער יוניאָנס האָט פאַר אונז געשלאָסן.
אָבער האָסטו געזען, וואָס פאַר אַ חוב די פירער פון קאָונסיל האָבן דערפאַר אויף אונז אַרויפגעלייגט?
די פירער פון קאָונסיל האָבן אין זייער אָפּמאַך זיך פאַרפליכטעט צו זען, אַז דער געיעג פון די סטאָליאַרעס ביי דער אַרבעט, וואָס איז ביז איצט אויך געווען אַן אומדערטרעגלעכער, זאָל אויף ווייטער אַזוי פאַרשטאַרקט ווערן, אַז די באַלעבאַטים זאָלן דערמיט צוריקקריגן נאָך אַ סך מער ווי די פינף פּראָצענט, וואָס זיי דאַרפן צאָלן.
וואָס־זשע האָב איך דערפון? — זאָגט מאָטל.

איז דער באַלעבאָס געקומען צו מיר מיט א טענה, אַז איך קאָן שוין אַזוי פיל גאָר ניט פּראָדוצירן און ער האָט מיך אינגאַנצן אַראָפּגעוואָרפן פון דזשאָב.

נו, דענקסטו ניט, זאָגט מאָטל, אַז פאַר מיר האָט שוין אַפילו די דעפּרעסיע אויך ערגער ניט געקאָנט זיין?...

***

מיט א פּאָר חדשים שפּעטער קומט מאָטל און אהא! ער האָט שוין גאָר א נייעם קונץ ווי אַזוי צו קריגן א נייעם גאַרניטער.

— וואָס איז שוין ווידער? — פרעג איך ביי מאָטל'ען.

— איך האָב באַשלאָסן, זאָגט ער מיר, אויפצוגעבן מיין סטאָלערייַ און צו ווערן א פּריקאַזטשיק.

גיב איך אויף אים א קוק און זאָג:

— אָט מיט דיין סטאָליארסקן הילוך ווילסטו דאָס ווערן א פּריקאַזטשיק? דו האָלעדריגע! האָסטו דאָך אויף זיך ניט אַפילו קיין גאַנצע שטיקל קאַפּאָטע?!

ענטפערט ער מיר: אָט דערפאַר טאַקע, ווייל אַזאַ הילוך וויל איך איצט ווערן א פּריקאַזטשיק. אפשר וועל איך דערמיט דאָך קריגן א „טשענס" אַראָפּצוּוואַרפן פון זיך מיינע איצטיגע טראַנטעס און זיך אַריינרוקן אין א לייטישן גאַרניטער, אָנטאָן אויף זיך א נייעם מאַנטל.

— וואָס וועט דיר העלפן, פרעג איך, ווען דו וועסט זיין א פּריקאַז־טשיק?

דערלאַנגט ער מיר א געדרוקטן באַריכט און ווייזט מיר, אַז ער רעדט ניט פון וועג.

דער באַריכט דערציילט, אַז אַזוי ווי אין די געשעפטן פון די מענער־קליידער איז נאָך אַלץ שלעכט האָבן אייניגע פאַבריקאַנטן און הענדלער פון מענער־קליידער שוין אָנגעהויבן רעדן וועגן א נייעם „מיטל" ווי אַזוי צו פאַרבעסערן זייערע געשעפטן.

ניט זייער לאַנג צוריק, געדענקסטו דאָך, האָט מען ביי א קאָנווענ־שאָן פון דער „נעשאָנאַל אַסאָסיעישאָן אָוו ריטעיל קלאָדיערס" באַשלאָסן, אַז כדי צו פאַרגרעסערן דעם פאַרקויף פון מענערשע מלבושים זאָל מען זיך נעמען פירן א קאַמפּאַניע מיט א לאָזונג: „דרעסינג אַפּ אַמעריקאַ!"

א צווייטער לאָזונג ביי יענער קאָנוועגשאָן איז געווען: „עסאָלט דהי מעיל עניממעל טהרו דהי פימעיל עניממעל", מאכט דעם אַנגריף אויף דער מענערשער חיה דורך דער פרויען־חיה.

אביסל שפּעטער, נאָך דער קאָנוועגשאָן פון די „ריטעיל קלאָדיערס", זיינען פירער פון דער נאַציאָנאַלער „קלאָדהינג מאַנופעקטשורערס אַסאָ־סיעישאָן" ארויס מיט פּלאַן, מען זאָל זיך נעמען צו אַ קאַמפּאַניע, אז פּאַר קריסטמעס זאָלן אַלע מענטשן באַזאָרגן זייערע פריינט מיט מתנות און אז די מתנות זאָלן זיין נייע גאַרניטערס.

איצט, ווייזט מיר מאָטל, איז שוין פאַראַן אַזאַ פּלאַן:

אַלע באַלעבאַטים פון סטאָרס, באַזונדערס די אייגנטימער פון די קליידער־סטאָרס, זאָלן פון יעדן איינציגן פון זייערע סעילסלייט פאָדערן, אז ער זאָל זיין שיין אָנגעטאָן.

קיין פּריקאַזטשיק, זאָגט דער פּלאַן, זאָל מער ווי צוויי יאָר נישט טאָרן נוצן קיין קאָסטיום און קיין מאַנטל. יעדער פּריקאַזטשיק זאָל שטענדיג מוזן זיין אָן אויסגעפּוצטער.

און ווען עס גייט ארויס אַ נייער סאָרט מלבוש, זאָגט דער פּלאַן, זאָלן די סעילסלייט פון די סטאָרס זיין פון די סאַמע ערשטע צו טראָגן אויף זיך דעם דאָזיגן מלבוש.

די קליידער־געשעפטן, זאָגט ווייטער דער פּלאַן, וועלן דעמאָלט פאַר־גרעסערט ווערן, ערשטנס, דורך דעם, וואָס די סעילסלייט וועלן מוזן זיין אויסגעפּוצטע, און צווייטנס, ווייל דאָס וועט אָנרעגן זייערע פריינט, אז אויך זיי, זאָלן שטענדיג זיין אויסגעפּוצט אין שיינע קאָסטיומען.

נו, זאָגט מיר מאָטל, פאַרשטייסטו שוין פאַרוואָס איך וועל ווערן אַ פּריקאַזטשיק? איך האָב שטענדיג געדענקט, אז די אורזאַכן פאַרוואָס איך און אַנדערע אַזוינע גבירים גייען ארום מיט אַלטע תחתונים זיינען, ווייל פּאַר נייע מלבושים רייסט מען גרויסע פּרייזן און מיר קאָנען קיין קליינע אויך ניט צאָלן. ווייזט זיך ארויס, אז די אורזאַכן זיינען גאָר, ערשטנס, ווייל מיר היטן ניט דעם לאָזונג „דרעסינג אָפּ אַמעריקאַ"; צווייטנס, ווייל אונזערע פרויען, די „פימעיל עניממעלס", דערפילן ניט זייער פליכט און אַטאַקירן ניט אונזערע „מעיל עניממעלס"; און דריטנס, ווייל מיר זיינען ניט קיין פּריקאַזטשיקעס. טאָ פאַרוואָס זאָל איך טאַקע ניט ווערן קיין פּריקאַזטשיק?

פרעג איך ביי מאָטלען: און וואָס וועט דיין שרה־דבורה זאָגן?

דענקסטו אַז איר וועט עס געפעלן ווען איר מאָטל דער סטאָליער וועט גאָר פּלוצלינג ווערן אַ פּריקאַזטשיק?

ענטפערט ער: אויב די פריער דערמאָנטע לאָזונגען האָט זי ניט געוואָלט נאָכקומען טאָ פאַרוואָס זאָל זי נאָך זיין בייז אויב איך וועל איצט ווערן אַ פּריקאַזטשיק?

אַ דאַיעטע מיט אַ קרענק

— העלאָ, מאָטל! שוין דיך לאַנג ניט געזען.

מיט אָט־די ווערטער האָב איך מקבל פּנים געווען מיין פֿריינט מאָטל דעם סטאָליער, בשעת דער געוועזענער עקאָנאָמישער סטאַביליזאַטאָר ראַדזשער פּוטנעם איז אַרויס מיט אַ עצה ווי אַזוי צו באַקעמפֿן דעם יקרות אויף שפּייז.

— וואו ביסטו דאָס געווען? — פֿרעג איך ביי מאָטל'ען.

— וואו איך בין געווען, ווילסטו וויסן? איך בין געווען קראַנק.

און ווייסטו פֿאַרוואָס? זאָגט ער מיר גלייך ווייטער. איך בין געקומען צו מיין שרה דבורה'ן און איר געגעבן אַן עצה ווי אַזוי צו באַקעמפֿן דעם יקרות. האָט זי מיך געפֿאָלגט און זיך גענומען אַזוי שטאַרק קעמפֿן, אַז מיך אַליין האָט זי דערמיט שיעור אומגע־בראַכט.

— וואָס איז דאָס געווען פֿאַר אַן עצה? — פֿרעג איך מאָטל'ען.

— אָט הער, זאָגט ער, וועל איך דיר דערציילן:

מיין שרה דבורה האָט זיך געמאַכט אַ מאָדע, אַז ווען איך קום פֿון דער אַרבעט אַהיים האָלט זי כמעט יעדן טאָג אין איין פֿרעגן: „האָסט עפּעס געלט?״

זי האָלט מיר אין איין דערמאָנען, אַז מען דאַרף אויף עסן; אַז דער יקרות איז גרויס. זי רעכנט מיר אויס די שרעקלעך הויכע פּרייזן וואָס מען דאַרף צאָלן.

נו, האָב איך דען אַזוי פֿיל?

האָב איך אָבער איין טאָג דערזען אין אַ צייטונג אַן עצה פֿון דעם עקאָנאָמישן סטאַביליזאַטאָר ראַדזשער פּוטנעם.

זיין עצה איז כמעט די זעלבע ווי דער מיליאָנער בערנאַרד מ. באַרוך האָט ניט לאַנג צוריק געהאַט גע׳עצה׳ט.

באַרוך, ווייסטו דאָך מסתמא, איז פון קליידער־ספּעציאַליסטן אָנער־קענט געוואָרן אַלס איינער פון די צען בעסט־געקליידעטע מענער פון לאַנד.

האָט באַרוך, זאָגט מען, געגעבן אַן עצה, אַז כדי צו באַקעמפן דעם יקרות אויף קליידער זאָלן די וואָס זיינען זייער וויניג געקליידט דער־קלערן אַ סטרייק און אויפהערן קויפן די קליידער.

נו, בין איך אויף דעם שוין זייער לאַנג אַ גוטער „סטרייקער" אין זיין עצה. מיינע צעריסענע און פאַרלאַטעטע תחתונים קאָנען אויף דעם זיין אַ גוטער עדות. ווען עמיצער וואָלט זיך גענומען צו פאַרשן ניט ווער עס זיינען די צען בעסט־געקליידעטע, נאָר ווער עס זיינען די צען, וואָס טראָגן אויף זיך די סאַמע ערגסטע בגדים קאָן זיין, אַז איך, מאָטל דער סטאָליער, וואָלט דערביי געוואונען דעם העכסטן פּרייז.

קומט אָבער פּוטנעם און זאָגט, אַז כדי צו באַקעמפן דעם יקרות אויף שפּייז דאַרף מען דערביי טאָן דאָס זעלביגע ווי איך טו שוין פון לאַנג מיטן יקרות אויף קליידער. זיין עצה איז, אַז די הויז־פרויען זאָלן אויפהערן קויפן די שפּייזן פאַר וועלכע מען רייסט הויכע פּרייזן און מען זאָל זיך באַנוגענען מיט די שפּייזן, וואָס קאָסטן ביליגער.

נו, זאָגט מאָטל, בין איך געקומען צו מיין שרה דבורה׳ן און גע׳־טענה׳ט:

צו וואָס דאַרפסטו מיר יעדן טאָג דערמאָנען דעם יקרות און מיר דערציילן, אַז עסן קאָסט זייער טייער ווען מען קאָן דעם יקרות אויסמיידן?

איך וועיז איר דעם „סטאַביליזאַטאָר׳ס" עצה און זאָג: אַט זע, צו וואָס קויפן אַזוינע עסנס, וואָס קאָסטן זייער טייער, ווען מען קאָן זיך באַנוגענען מיט שפּייזן, וואָס קאָסטן ביליגער?

גיט אויף מיר שרה דבורה אַ קוק אַקוראַט ווי איך וואָלט געווען עפּעס אַזעלכער, וואָס קומט פון יענער וועלט און זי זאָגט:

— זייער גוט. פון מאָרגן אָן נעם איך זיך נאָכצופאָלגן דיין עצה פון דעם „סטאַביליזאַטאָר".

און אויף מאָרגן, ווען איך בין געקומען אַהיים האָט מיין שרה־דבורה מיך שוין טאַקע מער ניט געפרעגט צי האָב איך געלט און שוין מער ניט דערמאָנט, אַז עסן קאָסט זייער טייער. אָבער ווען איך האָב געפרעגט צי האָט זי פאַר מיר וועטשערע האָט זי געענטפערט:

וואָס־זשע, דו ווילסט איך זאָל נאָכפאָלגן די עצה פון דעם „סטאַ־ביליזאַטאָר" און נאָך עסן אויך?

און פאַרוואָס דען ניט? — פרעג איך זי.

הויבט זי מיר אָן אויסרעכענען:

ווען זי איז אַריין צום בוטשער האָט זי געזען, אַז אַ ביליג שטיקל „טשאָפּ" מיט ביינער צוזאַמען קאָסט 80 סענט אַ פונט. אַ שטיקל ראַונד סטעיק, וואָס האָט אויף זיך מער פעטס ווי פליישׁ איז אַ דאָלאַר מיט 20 סענט אַ פונט. אַלע אַנדערע פליישן זיינען אויך ניט ביליגער. האָב איך געוואָלט קויפן אייער, זאָגט זי מיר, איז זייער פרייז אויך נאָך מער געשטיגן און מען דאַרף צאָלן 90 סענט אַ טוצן.

נו, טאָ וואָס פאַר אַ וועטשערע, פרעגט זי מיך, האָב איך פאַר דיר געקאָנט אָנגרייטן?

שריי איך: און פאַרוואָס ניט עפּעס פון מילכיגס, אָדער גרינסן?

זאָגט זי מיר צו, אַז אויף מאָרגן וועט זי פּרואוון עפּעס צוגרייטן פון מילכיגס, אָדער „וועדזשעטעיבלס".

אָבער ווען איך בין אויף מאָרגן געקומען אַהיים איז ווידער געווען דאָס זעלביגע:

— דער פרייז פון מילך, זאָגט זי מיר, איז ווידער געשטיגן, דער פרייז פון קעז געשטיגן, די פרייזן פון פּרוכט און גרינסן זיינען אויך זייער הויך. טאָ ווי אַזוי קאָן מען דערפון מאַכן וועטשערעס, ווען מען מוז זיך האַלטן ביי אַן עצה ניט צו קויפן די שפּייזן, וואָס קאָסטן זייער טייער?

און ווייסטו וואָס נאָך? — זאָגט מיר מיין שרה דבורה:

האַלטנדיג זיך ביי דער עצה פון דעם סטאַביליזאַטאָר וועלן מיר נאָך אַפילו דאָס טרוקענע שטיקל ברויט אויך מוזן אויפהערן עסן.

וואָס־זשע וועט זיין? — פרעג איך ביי איר.

אויב דו ווילסט אַזוי באַקומפן דעם יקרות, זאָגט זי מיר, וועט נאָך מיט דיר חלילה זיין ווי מיט מיין טאַטנ'ס פערדל. געדענקסט די מעשה מיט'ן פערדל? דער טאַטע האָט אים געגעבן אַזוי ווייניג עסן ביז דאָס פערדל האָט, ניט פאַר קיין מענטשן געדאַכט, אויסגעצויגן די פיס־לעך און זיך איינגאַנצן „אָפּגעוואוינט" פון עסן . . .

נו, זאָגט מאָטל, איז שוין פאַר מיר טאַקע דעמאָלט געוואָרן אַ פראַגע ווער עס וועט פון דעם סטאַביליזאַטאָר'ס עצה פאַלן פריער; צי

וועל איך פֿאַלן פֿריער, אָדער צי וועלן די פּרייזן פֿאַלן. אָבער דערווייל האָט מיך די עצה ניט ווייניק אויסגעהונגערט און איך בין פּשוט קראַנק געוואָרן...

אַ לעקציע פאַר קבצנים

„ברוך הבא! האָסט געבענקט נאָך מיר? איז אָט בין איך דאָ".

אומגעפּער מיט אַזוינע ווערטער האָט מיך מיין פריינט מאָטל דער סטאָליער באַגעגנט, ווען ער האָט מיך צום ערשטן מאָל דערזען נאָכ־דעם ווי איך האָב „אַרויסגעטשעקט" פון דעם „מעקאַרען האָטעל".

— נו, און דו, פרעג איך, האָסט נאָך מיר געבענקט?

— יאָ, ניט געווען וועמען צו דרייען אַ ספּאָדיק מיט פאַרשידענע קשיות און מעשיות.

אָבער מיינסטו, זאָגט ער מיר, אַז איך בין אין דער צייט נאַרישער געוואָרן? קאָן איך דיר זאָגן, אַז איך בין דווקא געוואָרן אַזאַ חכם, אַז איך האָב אויסגעפונען גאָר אַ גרויסע זאַך.

— דהיינו, וואָס?

— איך האָב אויסגעפונען, זאָגט מאָטל, די אורזאַך פאַרוואָס איך בין אַ קבצן און איך ווייס שוין איצט ווי אַזוי מען קאָן ווערן אַ גרוי־סער גביר.

— און וואו האָסטו דאָס געלערנט? — פרעג איך.

— ניין, ניט ביי אַזוינע מענטשן ווי דו ביסט, ענטפערט מאָטל. ווייסט איר דען ווי אַזוי צו ווערן גבירים? האָט איר דען אין דעם כּאַטש אַביסעלע דערפאַרונג?

— דעם קונץ ווי אַזוי צו ווערן אַ גביר, זאָגט מיר ווייטער מאָטל, האָט ער בעסער געלערנט פון בענדזשאַמין פעירלעס, וואָס איז דער פרעז־זידענט פון דער יונאַיטעד סטעיטס סטיל קאָרפּאָרעישאָן. ער, פעירלעס, זאָגט ער מיר, ווייסט בעסער פון אונז ווי אַזוי צו זיין אַ גביר. ער האָט אין דעם אַ היבש ביסל אייגענע דערפאַרונג.

מאָטל דערציילט מיר נאָכדעם, אַז אים איז געקומען צו דער האַנט אַ געשריבענע רעדע, וואָס פעירלעס האָט געהאַלטן ביים טשעמבער אָוו קאָמערס פון פענסילווייניע.

די טעמע פון דער רעדע האָט געהייסן: „דער גרויסער טעות פון קאַרל מאַרקס".

— איז אָט נאָ, זע, זאָגט מאָטל, ווי אַזוי מען קאָן ווערן גאָר אַ גרויסער קאַפּיטאַליסט און — אויס קבצן.

קאַרל מאַרקס האָט געלערנט, אַז כדי צו באַפרייען זיך פון דעם דרוק פון קאַפּיטאַליזם דאַרפן זיך די אַרבעטער פאַראייניגן און פירן אַ שטענדיגן קלאַסן־קאַמף. אָבער בענדזשאַמין פעירלעס, ווייזט מיר מאָטל, לערנט, אַז דאָס איז גאָר ניט נויטיג. ער זאָגט, אַז אויב די אַר־בעטער ווילן, „קאָנען זיי זייער לייכט" איינגאַנצן „אָפּקויפן דעם קאַפּי־טאַליזם" און דערמיט — אַליין ווערן קאַפּיטאַליסטן.

איך קוק אַריין אין דער רעדע, וואָס מאָטל ווייזט מיר, און איך לייען דאָרט די פעירלעס־טענה. ער זאָגט דאָרטן:

„אויב די אַרבעטער פון לאַנד ווילן באמת אַליין זיין די אייגנ־טימער פון די מיטלען פון פּראָדוקציע, קאָנען זיי דאָס טאָן זייער פשוט.

„זיי דאַרפן ניט איבערנעמען די רעגירונג מיט גוואַלד. זיי דאַרפן אפילו ניט פּרואוון זי צו געווינען דורך וואַלן. אַלץ וואָס זיי דאַרפן טאָן איז נאָר אָפּצוקויפן אויפן אָפענעם מאַרק דעם קאַפּיטאַל־סטאָק פון די קאָרפּאָרעישאָנס".

מיין פריינט מאָטל ווייזט מיר ווי דער מר. פעירלעס גיט אין זיין רעדע אַ ביישפּיל פון זיין אייגענער קאָרפּאָרעישאָן:

„אונזער יונאַיטעד סטעיטס סטיל־קאָרפּאָרעישאָן", זאָגט דאָרט פעיר־לעס, „האָט אַן ערך 300 טויזנט אַרבעטער און אָנגעשטעלטע. דאָס מיינט, פאַרשטייט זיך, ניט בלויז שטאָל־אַרבעטער, נאָר עס מיינט אַלע אונזערע אַרבעטער, אפילו מיך אַליין איינגעשלאָסן. איז ווען מיר אַלע צוזאַמען וואָלטן געוואָלט אָפּקויפן דעם קאַמאָן סטאָק פון דער קאָרפּאָרעישאָן (וואָס באַטרעפט אַרום דריי ביליאָן מיט הונדערט מיליאָן דאָלער) וואָלט זיך עס אָנגענומען צו 87 שערס פאַר יעדן איינעם פון די 300 טויזנט אַרבעטער. לויט די איצטיגע פּרייזן פון די שערס וואָלטן די 87 שערס באַטראָפן דריי און אַ האַלב טויזנט דאָלער. און לויט דעם דורכשניט פון אונזערע איצטיגע שכירות (זיינע אייגענע און נאָך אַזוינע „שכירות" איינגעשלאָסן) פאַרדינט עס אַן אַרבעטער אין אַ משך פון צען חדשים. פאַרוואָס־זשע דאַרפן אַרבעטער קעמפן געגן קאַפּיטאַליזם, ווען זיי קאָ־נען אים אָפּקויפן און אַליין ווערן די קאַפּיטאַליסטן?"

נו, זאָגט מיר מאָטל, זעסטו שוין ווי אַזוי מען קאָן ווערן אויס קבצן און גאָר אַ גרויסער גביר?

פרעג איך ביי מאָטל'ען:

— דענקסטו טאַקע, אַז ווען, למשל, די אַרבעטער פון פעירלעס'עס

סטיל־קאַרפּאַרעישאַן וואָלטן געקאָנט און געוואָלט אָפּקויפן איר גאַנצן סטאַק און דערמיט מאַכן די פּעירלעסעס פאַר אוים קאַפּעליוש־מאַכער, וועלן עס די פּעירלעסעס דערלאָזן? ווייסטו דען ניט, אַז אפילו ווען די באָסעס פון אַ פּראָפיטבארער קאָרפּאַרעישאַן פּאַרקויפן סטאַק, גיבן זיי אויך אכטונג, אַז די מערהייט שערס זאָלן צוזאַמען מיט דער הויפּט־דעה און די הויפּט־פּראָפּיטן בלייבן ביי זיי?

נו, און וואו וואָלט אַזאַ שלומיאל ווי דו גענומען דריי און אַ האַלב טויזנט דאָלער, אפילו ווען די פּעירלעס־קאָרפּאָרעישאַן וואָלט טאַקע יאָ געוואָלט פּאַרקויפן איר גאַנצן סטאַק? און אויב אַן ארבעטער־פאַמיליע וואָלט עס אפילו געקאָנט פאַרדינען אין אַ משך פון צען חדשים, קאָן זי דען אַלץ אוועקגעבן בלויז אויף סטאַק? נו, און עסן דאַרף מען ניט?

דערלאַנגט זיך מיין פריינט מאָטל אַ קראַץ אין מוח און זאָגט:

— זעסטו, דאָס דערמאָנט מיר שוין גאָר שלום־עליכם'ס מעשה, וואו דער מלמד האָט אויסגערעכנט אַלץ, וואָס ער וואָלט געטאָן, ווען ער וואָלט געווען ראָטשילד. נאָר אַז ער האָט אפילו ניט וואָס צו געבן דער ווייב אויף שבת האָט ער גאָר פאַרגעסן...

***

מיט אַ קורצער צייט שפּעטער האָט שוין דערפאַר מאָטל געקראָגן טאַקע פון דעם זעלביגן מיסטער פּעירלעס נאָך אַן אנדער לעקציע.

ער גיט מיך אַ כאַפּ אַן אין גאַס און פרעגט:

— ווי געפעלט דיר עפּעס מיין שרה־דבורה?

ענטפער איך אים: צו וואָס דאַרף זי מיר געפעלן? פאַר מיר איז גענוג וואָס זי איז דיר געפעלן.

טענה'ט מאָטל: יאָ, אָבער ווען איך בין נעכטן צו איר געקומען מיט אַ פאָרשלאָג האָט זי מיך גאָר ניט געוואָלט פאַרשטיין.

— און וואָס איז געווען דער פאָרשלאָג?

אָט הער: איך בין געקומען און געזאָגט:

שרה דבורה, מייערע, האָסטו ערגעץ פאַר מיר אַ היטל אַן אַ לאַך? מען דאַרף גיין קריגן אביסל נדבות.

גיט זי מיר אַ זאָג: יאָ, לויט די שכירות, וואָס דו ברענגסט מיר לעצטנס האָב איך מורא, אַז מיר וועלן שוין טאַקע באַלד דאַרפן גיין איי־בער די הייזער.

שריי איך צו איר: שרה דבורה, ניין, ניט פאַר מיר דאַרף מען איצט

די נדבות. מען דאַרף זיי האָבן פאַר מר. בענדזשאַמין פעירלעס, וואָס איז דער פּרעזידענט פון דער יונאַיטעד סטעיטס סטיל קאָרפּאָרעישאָן.

קוקט זי אויף מיר ווי אויף אַ משוגע׳נעם און זי קאָן עס ניט פאַרשטיין.

דערמאָן איך איר:

— געדענקסטו ווי ניט זייער לאַנג צוריק האָב איך פון דעם מר. פעירלעס אויסגעפונען פאַרוואָס איך און נאָך אַזוינע ווי איך זיינען קבצנים?

ער, דער מר. פעירלעס, האָט דעמאָלט געהאַלטן אַ לעקציע, וואָס האָט געהייסן „דער גרויסער טעות פון קאַרל מאַרקס". ער האָט אונז אין זיין לעקציע געלערנט, אַז כדי צו באַפרייען זיך פון דעם דרוק פון קאַפּיטאַליזם דאַרפן די אַרבעטער זיך גאָר ניט פאַראייניגן און ניט פירן קיין קלאַסן־קאַמף, ווי מאַרקס האָט געלערנט. אַנשטאָט דעם, האָט ער געזאָגט, „קאָנען זיי בעסער זייער לייכט" אײנגאַנצן „אָפּקויפן דעם קאַפּיטאַליזם" און דערמיט אַליין ווערן די קאַפּיטאַליסטן.

ווייזט זיך אָבער איצט אַרויס, אַז עס איז גאָר זייער שווער צו זיין אַ גביר.

און ווייסטו, פרעג איך ביי מיין שרה דבורהן, וואו איך האָב דאָס געלערנט? טאַקע אויך ביי דעם זעלביגן מר. פעירלעס.

ער, דער זעלביגער מר. פעירלעס, האָט איצט געהאַלטן אַ רעדע, אין וועלכער ער האָט געקלאָגט, אַז ער און די אַנדערע באָסעס פון שטאָל־טראָסט האָבן לעצטנס אויף דער פאַרגרעסערונג פון זייערע ביזנעס אויס־געגעבן אַזוי פיל געלט, אַז דאָס האָט פאַר זיי, נעבעך, „ניט איבערגעלאָזט קיין פלייש אויף זייערע פינאַנציעלע ביינער".

נו, דענקסטו ניט, פרעג איך ביי מיין שרה־דבורה׳ן, אַז פאַר אים, פאַר דעם מר. פעירלעס, און ניט חלילה פאַר מיר, דאַרף מען איצט אויפ־קלייבן עטלעכע נדבות?

אָט גיב אַ קוק, זאָג איך איר:

מיינע „פינאַנציעלע ביינער" האָבן ניט אויף וואָס זיך צו באַקלאָגן. אונזערע ביזנעס האָבן מיר ניט אויסגעשפּרייט און פון אונזערע „פינאַנ־ציעלע ביינער" האָט מען דאָס פלייש ניט אַראָפּגענומען. אָבער ביי דעם מר. פעירלעס זיינען די „פינאַנציעלע ביינער" שוין נעבעך גאָר איב־גאַנצן „געבליבן אָן פלייש".

הייסט עס, זאָג איך איר, אַז עס איז טאַקע גאָרניט אַזוי גרינג צו זיין אַ גביר?

אָבער מיינסטו, טענה׳ט שוין מיין פריינט מאָטל צו מיר אַליין, אַז מיין שרה דבורה האָט עס אַזוי פאַרשטאַנען?

אַ נעכטיגער טאָג. זי האָט צו מיר אויסגעשריגן, אַז פונדעסטוועגן איז זי נאָך גרייט צו מאַכן מיט דער מרס. פּעירלעס אַ בייט: זי וועט דער מרס. פּעירלעס אָוועקגעבן מיינע שכירות און זאָל די מרס. פּעיר־לעס איר אָוועקגעבן דעם מר. פּעירלעס׳עס שכירות.

שריי איך צו איר:

— שרה דבורה! ווייסט וויפל שכירות ער קריגט?

זיינע שכירות, זאָג איך איר, זיינען 261 טויזנט מיט 200 דאָלער אַ יאָר.

און דאָס איז אַחוץ געוויסע פּראָצענטן פון זיין קאָרפּאָרעישאָנ׳ס פּראָפיטן, וואָס זיינען אויך ניט זייער קליין.

ענטפערט מיר שרה־דבורה:

— נו, דענקסטו, אַז דער בייט וועט זיך מיר ניט לוינען?

טענה איך צו איר:

— אָבער ווי אַזוי וועסטו גאָר קאָנען דערטראָגן איבער 261 טויזנט דאָלער? דאָס וועט דאָך פאַר דיר אוודאי זיין זייער שווער! די קע־שענעס פון דיין פאַרטוך וועלן דאָך דערפון אינגאַנצן אָפּגעריסן ווערן.

שרייט זי ווידער:

— דו, מאָטל, גיב מיר נאָר דעם מר. פּעירלעס׳עס שכירות. וועגן די קעשענעס פון מיין פאַרטוך וועלן מיר זיך נאָכדעם זאָרגן.

נו, טענה׳ט צו מיר מאָטל:

— קאָן זי דען פאַרשטיין דעם מר. פּעירלעס׳עס איצטיגע קלאָג און זיין נייע לערע?

ניין, זי וויל גאָר ניט גלויבן, אַז עס איז „שווער צו זיין אַ גביר".

דער מזל פון אַ קאָרפּאָרעישאָן־פּרעזידענט און פון שפּינען און בינען

אַמאָל, אין אַ הייסן יולי־טאָג, כאַפּט זיך צו מיר אַריין מיין פריינט מאָטל מיט אַ טענה:

— הער נאָר אויס.

מיט אַ צייט צוריק בין איך צו דיר געקומען און געבעטן זאָלסט מיר געבן אַן עצה ווי אַזוי צו ווערן אַ באַנקיר. האָסטו זיך געמאַכט ניט וויסנדיג און איך בין געבליבן אַ שלימזלדיגער סטאָליער.

איז אפשר קאָנסטו דערפאַר איצט מיר געבן אַן עצה ווי אַזוי צו ווערן אַ קאָרפּאָרעישאָן־פּרעזידענט?

און אויב ניט דאָס איז אפשר קאָנסטו כאָטש געבן אַן עצה ווי אַזוי צו ווערן אַ סוחר פון שפּינען און בינען?

קוק איך אויף מאָטל'ען און פּרואוו אויסגעפינען צי איז ער ביים זינען, אָדער צי די היץ פון דעם הייסן יולי־טאָג האָט אים שטאַרק אָנגערירט.

טענה'ט ער:

— אוודאי בין איך ביים זינען! און טאַקע דערפאַר וויל איך פּטור ווערן פון מיין סטאָלעריי.

— אָבער וואָס איז דיר עפּעס פּלוצלינג געפעלן געוואָרן צו ווערן אַ קאָרפּאָרעישאָן־פּרעזידענט? — פרעג איך.

און פאַרוואָס עפּעס גאָר אַ סוחר פון שפּינען און בינען?

— איז אָט, זאָגט ער, וועל איך דיר צוערשט געבן אַן ענטפער פאַר־וואָס מיר געפעלט איצט פריער פון אַלץ די מלאכה פון אַ קאָרפּאָרעישאָן־פּרעזידענט:

עס זיינען מיר גראַד איצט געקומען צו דער האַנט צוויי מעלדונגען פון דער וועסטינגהאוז עלעקטריק קאָרפּאָרעישאָן.

רעדט זי אין איינער וועגן פּראָפיטן און זאָגט:

„אַרבעטער דאַרפן זאָרגן וועגן די פּראָפיטן פון דער קאָרפּאָרעישאָן".

נו, בין איך איר מוחל דאָס וואָס זי זאָגט דאָרט וועגן די פּראָ־פיטן. איך ,מאָטל, בין ניט גרייט דערפאַר צו זאָרגן.

אָבער אין אַ צווייטער מעלדונג רעדט מען וועגן די שכירות פון איר פּרעזידענט, און דאָס, זעסטו, האָט מיך זייער שטאַרק פאַראינטריגירט.

שלאָג איך מאַטל'ען איבער מיט אַ פראַגע:

— פאַרוואָס האַלטסו, אַז מען דאַרף גאַרניט זאָגן וועגן אירע פּראָפיטן?

— ווייל איך געדענק נאָך אַ מעשה, וואָס מיין שרה דבורה האָט מיר דערציילט.

— וואָס איז די מעשה?

זי האָט געאַרבעט ביי אַ באַלעבאָס, וואָס האָט באַשטימט איינצופירן ביי זיך אין שאַפּ די אַזוי־גערופענע „פּראָפיט־שערינג" סיסטעם. ער האָט צונויפגערופן זיינע אַרבעטער און זיי דערקלערט, אַז אויב זיי וועלן זאָרגן פאַר דעם, אַז די אַרבעט פון שאַפּ זאָל אַריינברענגען מער פּראָפיטן וועט ער זיי אין סוף פון יאָר געבן אַ חלק פון די פּראָפיטן.

דערווייל האָט ער געהייסן די אַרבעטער צו אַרבעטן מיט מער חשק, מער געיעג, און ער אַליין איז אַוועק אויף עטלעכע שעה צו די פערד־„רעיסעס".

ווען ער איז צוריקגעקומען האָט אים מיין שרה־דבורה אין נאָמען פון די אַרבעטער פון שאַפּ באַגעגנט מיט אַ דערקלערונג:

„איצט, ווען מיר אַליין האָבן שוין אויך אַן אינטערעס אין די פּראָפיטן פון שאַפּ, האָט זי אים געזאָגט, פאָדערן מיר פון אייך צוויי זאַכן:

„ערשטנס, אַז איר זאָלט ניט אַוועק אויף אַכצן שטונדן פון שאַפּ, און צווייטנס, אַז איר זאָלט באַנוצן אַביסל „האָרס סענס", אַביסל פערדישן שכל".

„פאַרוואָס עפּעס „האָרס סענס"? — האָט דער באַלעבאָס מיט כעס אַ פרעג געטאָן.

„ווייל פערד", האָט אים מיין שרה־דבורה געענטפערט, „וועטן ניט אויף קיין מענטשן, אָבער איר נעמט אונזערע פּראָפיטן און איר פאָרט יעדן טאָג וועטן אויף פערד".

איז דער באַלעבאָס געוואָרן נאָך מער אין כעס און דער סוף איז געווען, אַז מיין שרה־דבורה, די „שותפ'טע" צו זיינע פּראָפיטן איז גלייך אינגאַנצן אַרויסגעוואָרפן געוואָרן פון שאַפּ.

נו, זעסטו שוין, זאָגט מיר מאָטל, פאַרוואָס איך וויל שוין גאָרניט זאָרגן וועגן פּראָפיטן?

אָבער אָט זע, זאָגט ער מיר, די צווייטע מעלדונג פון דער דאָזיגער קאָרפּאָרעישאָן:

גוואַילים א. פּריים, דער פּרעזידענט פון דער קאָרפּאָרעישאָן האָט אין 1951 געקראָגן (נעבעך, בלויז) 147 טויזנט מיט 590 דאָלאַר אַלס שכירות. אָבער אין 1952 זיינען שוין זיינע שכירות געווען 203 טויזנט מיט 250 דאָלאַר.

נו, זאָגט מאָטל, פרעג איך ביי דיר:

דענקסטו ניט, אַז עס לוינט זיך צו זיין א קראָפּאָרעישאָן־פּרע־זידענט?

אָט זאָג: קאָן איך דען ביי סטאָלעריי אויך קריגן א העכערונג פון איבער 55 טויזנט דאָלאַר א יאָר?

ווען איך, מאָטל, האָב — לויט אַן אָפּמאַך פון מיין יוניאָן — מיט א פּאָר יאָר צוריק געקראָגן א העכערונג פון בלויז עטלעכע סענט א שעה האָט דערפאַר דער באָס אויף מיין דזשאָב זיך גענומען צו זעצן פון מיר אַלץ מער און מער די נשמה. אָבער דער פּרעזידענט פון דער וועסטינגהאוז קאָרפּאָרעישאָן קריגט א העכערונג פון איבער 55 טויזנט דאָלאַר א יאָר און פון אים זעצט מען ניט די נשמה.

טאָ צו וואָס, פרעגט זיך, דאַרף איך, מאָטל, זיין דווקא נאָר א סטאָליער? זאָל דער מר. גוואַילים פּריים גיין זיין אַביסל א סטאָלער און זאָל מען מיך לאָזן זיין א קאָרפּאָרעישאָן־פּרעזידענט.

טענה איך צו מאָטל'ען:

— און פאַרוואָס זאָל די וועסטינגהאוז־קאָרפּאָרעישאָן מאַכן אַזא בייט? צו איר איצטיגן פּרעזידענט איז זי שוין צוגעוואוינט, טאָ צו וואָס זאָל זי איר מר. פּריים אויסבייטן אויף א מאָטל דעם סטאָליער?

דערקלערט מיר מאָטל, אַז אויב מען וועט זיך נעמען מיט אים שטאַרק דינגען וועט ער ניט ביישטיין אויף ווערן דווקא נאָר א וועס־טינג־האוז קאָרפּאָרעישאָן־פּרעזידענט. ביי אים איז אויך רעכט, זאָגט ער, צו ווערן א דזשענעראַל מאָטאָרס פּרעזידענט, אָדער, למשל, א קראַיס־לער קאָרפּאָרעישאָן־פּרעזידענט.

אין יענע קאָרפּאָרעישאָנס, זאָגט ער, קריגן פּרעזידענטן און וואַיס־פּרעזידענטן נאָך גרעסערע שכירות ווי ביי דער וועסטינגהאוז קאָרפּאָ־

רעישאָן. און אויך דאָרט האָט מען זיי לעצטן יאָר געגעבן פיינע העכערונגען.

אָבער ווי אזוי, ווי אזוי, פרעגט ער ביי מיר, ווערט מען עס אזא פרעזידענט?

***

נאָר אויב דו קאָנסט מיר אויף דעם קיין עצה ניט געבן, זאָגט ער ווייטער, איז אָט קום איך טאַקע איצט צו דער צווייטער פראַגע:

קאָנסטו מיר כאָטש זאָגן ווי אזוי צו ווערן אַ סוחר פון שפּינען, פליגן און אַנדערע זאַכן פון דעם מין?

— און פאַרוואָס איז דיר דאָס געפעלן? — פרעג איך.

ענטפערט ער:

— אָט זע דעם מזל פון אַ סטאָליער און דעם מזל פון אַזוינע מענטשן, וואָס האַנדלען מיט שמוץ און מיט אינזעקטן.

שוין עטלעכע יאָר, אַז דער סופרים קאָורט פון לאַנד האָט אַרויסגעגעבן אַן אַנטשיידונג, אַז די סטאָליאַרעס און אַנדערע באַלמעלאָכעס, וואָס האָבן אין די יאָרן פון דער מלחמה געאַרבעט צו זיבעציג שעה אַ וואָך פאַר דער אַלאַסקא ראָוד קאָמישאָן דאַרפן קריגן באַצאָלט פאַר „אָווערטאַים" (עקסטרא שטונדן) אַרבעט.

און די אַנטשיידונג, פאַרשטייסטו דאָך מסתמא, איז ניט זייער גרינג אָנגעקומען. מען האָט פריער געדאַרפט גיין מיט קלאַגן אין נידעריגערע געריכטן.

ווייזט זיך אָבער אַרויס, אַז כאָטש עס זיינען שוין אַוועק יאָרן זינט די אַנטשיידונג איז דאָ, איז פונדעסטוועגן דאָס געלט פאַר די „אָווערטאַים"-שטונדן נאָך אַלץ נישטאָ. מען גיט אויף דעם אָן פאַרשידענע תירוצים.

דערפאַר אָבער, זאָגט מיר מאָטל, זעען מיר איצט גאָר אַן אַנדער מזל, למשל, ביי אַ דעירי־קאָמפּאַני, וואָס האָט אירע קונדן געשפּייזט ניט נאָר מיט מילכיגס, נאָר אויך מיט פליגן, שפּינען און אַנדערע אינזעקטן.

— און וואו האָסטו דאָס געזען? — פרעג איך.

ווייזט מיר מאָטל אַן אויסשניט פון אַ צייטונג, וואָס דערציילט:

אַ מילך־פירמע אין טענעסי איז אין אַ פעדעראַלן געריכט געפּו־

נען געוואָרן שולדיג, אַז איר קרים (סמעטענע) און קאַטעדזש־קעז האָט אין זיך ניט נאָר קרים און קעז, נאָר מען דערלאַנגט דאָרט די קונדן אַ „גאַנצע דאַיעטע״.

אַן אָנקלאַגע האָט אין געריכט פעסטגעשטעלט, אַז אין דער קרים און אין דער קעז פון דער קאָמפּאַני זיינען אויך פאַראַן פאַרשידענע אינזעקטן, שטיקלעך פעדערן, האָר פון הינט, וועווערקעס און אַנדערע חיה׳לעך.

אָבער וואָס איז די שטראָף, וואָס די קאָמפּאַני האָט דערפאַר באַקומען?

דערציילט דער באַריכט, אַז פאַר די אַלע זאַכן איז די קאָמפּאַני באַשטראָפט געוואָרן בלויז מיט הונדערט דאָלאַר.

נו, זאָגט מיר מאָטל, ווייזט עס ניט, אַז דער מסחר מיט פליגן, שפינען און אַנדערע אַזוינע אינזעקטן איז אַ גוטע ביזנעס?

אָבער דאָס אַליין, זאָגט מאָטל, איז נאָך ניט דער איינציגער בייַשפּיל וואָס ווייזט, אַז די וואָס האַנדלען מיט שמוץ האָבן אַ סך מער מזל ווי די, וואָס אַרבעטן ביי סטאָליעריי.

מאָטל ווייזט מיר נאָך אַ ביישפּיל:

דריי גרויסע קאָמפּאַניס ביי וועלכע די רעגירונג קויפט תבואה און מעל אויף אַרויסצושיקן אַלס הילף קיין אויסלאַנד זיינען ביי דער סענאַט אַגריקולטור־קאָמיטע אָנגעקלאָגט געוואָרן פאַר אַזאַ שווינדל:

זיי האָבן אין קאַנאַדאַ אויפגעקויפט זייער אַ סך תבואה פון דעם סאָרט, וואָס טראָגט אויף זיך אַ צייכן, אַז „דאָס טויג ניט פאַר מענטשלעכן געברויך״.

פאַר דער דאָזיגער תבואה צאָלט מען געוויינלעך זייער אַ קליינעם פּרייז און מען דאַרף עס נוצן פאַר פאַרשיידענע אַנדערע זאַכן און ניט אַלס שפּייז פאַר מענטשן.

די דריי קאָמפּאַניס האָבן אָבער די דאָזיגע תבואה אויסגעמישט צוזאַמען מיט גוטער אַמעריקאַנער תבואה און דאָס פאַרקויפט צו דער רעגירונג פאַר דעם פּרייז ווי פאַר אינגאַנצן גוטער תבואה.

איינע פון די דריי קאָמפּאַניס, די „טרענזיט גרעין קאָמפּאַני״ פון פאָרט וואָרט, טעקסעס, האָט דורך אָט־דעם שווינדל געמאַכט אַ פּראָפיט פון 600 טויזנט דאָלאַר בלויז פון דעם אַליין, וואָס פאַר דער דאָזיגער תבואה האָט זי ביים שטייער־אָפּצאָל פאַר דעם אימפּאָרט פון

קאנאדא געדארפט צאָלן בלויז פינף סענט א בושעל אָנשטאָט 18 סענט ווי פאר גוטער תבואה.

ווען די דריי קאָמפּאַניס האָבן דערזען, אז מען האָט זיי געכאַפּט ביי די הענט, האָט איינע פון זיי, די קענזעס סיטי פירמע, די „פלאור מילס אָוו אמעריקע" געכאַפּט און אַליין צוריקגעצאָלט דער רעגירונג א סומע פון 112 טויזנט מיט 430 דאָלאר.

א צווייטע פירמע, די „קאמענדאָר־לאראבי מילינג קאָמפּאַני" פון מינעאַפּאָליס האָט געכאַפּט און צוריקגעצאָלט 82 טויזנט מיט 478 דאָלאר.

מען זאָגט אָבער, אז דאָס איז גאָרניט אין פארגלייך צו די ריזיגע סומען, וואָס די שווינדלען האָבן פאר זיי אריינגעבראַכט.

נו, זאָגט מיר מאָטל, איז דען זייער מזל ניט בעסער ווי מיין סטאָליארסקער מזל?

אַ פראַגע וועגן גנבה

וואָס מאָטל דער סטאָליער האָט איינמאָל ניט געקאָנט פאַרשטיין איז געווען אַ פראַגע וועגן גנבה.

קומט ער און גיט אַ זאָג:

— איך האָב צו דיר אַ קשה.

זאָג מיר, איך בעט דיך, וואָס מיינט גנבה?

ענטפער איך אים, אַז קיין אייגענע פּראַקטיק האָב איך אין די דאָזיגע ביזנעס ניט געהאַט. פון קיין אייגענער דערפאַרונג קאָן איך אים וועגן דעם קיין דערקלערונג ניט געבן. די איינציגע דערפאַרונג, וואָס איך האָב אין די ביזנעס פון גנבה געהאַט איז געווען אמאָל, ווען די פאַרוואַלטונג פון דער „מאָרגן-פרייהייט" האָט באַוויזן אַ „נס" און מיר פאַר עטלעכע וואָכן „מיטאמאָל" דערלאַנגט פערציג דאָלאַר אַלס שכירות איז נאָך איידער די פערציג דאָלאַר האָבן זיך אין מיין קעשענע אָנגעוואַרעמט האָט אויף מיר אַ קעשענע-שניידער ביי אַ קאָנצערט גע-מאַכט אַ „פּיקפּאָקעט דזשאָב" און זיי פון דאָרט אַרויסגענומען. אחוץ דעם איז מיין גאַנצע דערפאַרונג אין הלכות גנבה בלויז אַ טעאָרעטישע.

אָבער פאַרוואָס, פרעג איך ביי מאָטל'ען, איז דאָס איצט אים גאָר איינגעפאַלן צו שטעלן זיין פראַגע?

ענטפערט ער מיר, אַז דאָס איז דערפאַר ווייל ער האָט זיך איצט באַקענט מיט אַ געשיכטע וועגן אַזאַ מיאוס'ער שטיק אַרבעט, אַז ער הויבט גאָר ניט אָן צו וויסן ווי אַזוי דאָס צו באַצייכענען. ער ווייסט ניט צי זאָל ער דאָס רופן גנבה, צי גזלה, צי שווינדל, צי אפשר גאָר די אַלע זאַכן צוזאַמען.

אַ באַקאַנטער, זאָגט ער, האָט אים אַמאָל דערציילט אַזאַ מעשה:

אַ דאָקטאָר, וואָס האָט צוויי וואָכן כסדר באַהאַנדלט אַ שול-אינגל, וואָס האָט געליטן פון מאָזלען און פּאָקן האָט נאָך זיין לעצטן וויזיט דערלאַנגט דעם אינגל'ס מאַמע אַ ביל זי זאָל אים באַצאָלן פאַר זיין אַרבעט.

האָט זי אים אָבער גלייך דערלאַנגט נאָך אַ גרעסערן ביל און זיך גענומען מאָנען, אַז דער דאָקטאָר זאָל נאָך איר צוצאָלן. עס איז טאַקע

אמת, האט זי גע'טענה'ט, אז ער, דער דאָקטאָר, האט איר סעמעלען קורירט פון די מאָזלען און די פּאָקן. עס קומט אָבער סעמעלען א גרויסער אַפּצאָל, א „קאָמישאָן”, דערפאַר, ווייל ער האט פאַר אים פריער די גאַנצע סקול אָנגעשטעקט מיט די מאָזלען און די פּאָקן.

ווען ער, מאָטל, האט געהערט אָט־די מעשה, זאָגט ער מיר, האט זיך ביי אים פון מויל ארויסגעריסן א — „פע!” אמת, א דאָקטאָר איז טאקע ניט קיין סטאָליער. אָבער צו מאָנען, אז ער זאָל נאָך פאַר זיין ארבעט צוצאָלן, זאָגט מאָטל, האט ביי אים אויסגעזען זייער ניט יושר'דיג.

אָבער אין פאַרגלייך צו אָט־דער מעשה מיט וועלכער ער האט זיך איצט באַקענט, זאָגט מיר מאָטל ווייטער, איז דאָך אזא האַנדלונג ווי פון סעמעלע'ס מאַמע בלויז „פּינאַטס”.

און אויב די מעשה וועגן סעמעל'ען איז אפשר בלויז געווען א שפּאַס, שרייט מאָטל, איז דאָך די איצטיגע מעשה א טרויעריגע ווירקלעכקייט!

ווער איך שוין בייז און שריי:

— אָבער וואָס איז די מעשה?!

ענטפערט מאָטל, אָט הער:

— די „קאָמאָדיטי קרעדיט קאָרפּאָרעישאָן” פון דעם אַגריקולטור דעפּאַרטמענט פון דער רעגירונג, ווייסטו דאָך מסתמא, קויפט אָפּ יעדן יאָר ביי די פאַרמערס ריזיגע זאַפּאַסן פון תבואה און אַנדערע פאַרם פּראָדוקטן. דער צוועק דערפון, זאָגט מען, איז צו באַשיצן די פאַרמער, אז זיי זאָלן ניט דאַרפן שניידן די פּרייזן פון זייערע פּראָדוקטן.

פאַרשטייט זיך, אז פאַר דער אָפּגעקויפטער תבואה האט די רעגירונג אויך געדאַרפט האָבן גרויסע סקלאַדן, שפּייכלער, וואו דאָס אָפּצולייגן.

זיינען געווען אזוינע, וואָס האָבן געזאָגט, אז די רעגירונג זאָל פאַר דעם צוועק איינשטעלן און אָנהאַלטן אייגענע שפּייכלער.

פּאָליטישנס פון קאָנגרעס האָבן אָבער מיט עטלעכע יאָר צוריק געמאַכט א געשריי, אז די רעגירונג טאָר ניט אָנהאַלטן קיין אייגענע שפּייכלער. דאָס איז „קעגן דעם פּרינציפּ פון פּריוואַטער אונטערנעמונג”, האָבן זיי געשריגן.

דער קאָנגרעס האט דעריבער דעמאָלט אָנגענומען א באַשלוס, וואָס האט דעם אָנהאַלט פון אייגענע שפּייכלער פאַרבאָטן און דער אַגריקול־

טור־דעפּאַרטמענט האָט פאַר דער אָפּגעקויפטער תבואה געמוזט אָפּדינ־גען שפּייכלער ביי פּריוואַטע ווערהויז־קאָמפּאַניס.

נו, האָט זיך אָבער ניט לאַנג צוריק אַרויסגעוויזן איין קלייניקייט:

די אייגנטימער פון די ווערהייזער האָבן גרויסע טיילן פון דער תבואה אין דער שטיל פאַרקויפט, איינגעקאַסירט פאַר זיך דערפאַר רי־זיגע סומען געלט, און פון דער רעגירונג האָבן זיי געקראָגן אַ גאַנץ פעטן אָפּצאָל אַלס רענט פאַר דער תבואה, וואָס זיי האָבן גע'גנב'עט און פאַרקויפט.

נו, פרעגט מיך מאָטל, האָסטו שוין אַמאָל געהערט פון אַזוינע „פּרי־וואַטע ענטערפּראַיז" געשעפטן?

און אדרבא, אַנו, זאָג מיר, ווי אַזוי רופט מען דאָס?

הער אַ געשיכטע: אַ גנב גנב'עט, פאַרקויפט די גנבה, און קומט נאָך נאָכדעם צום באַ'גנב'עטן מאַנען מען זאָל אים באַצאָלן פאַר זיין „טירחה".

און נאָך מער:

דאָ, אין דעם פאַל, האָבן די גנבים גאָרניט געדאַרפט מאַנען. זיי האָבן געקראָגן באַצאָלט אָן וועלכע עס איז שוועריגקייטן. איייניגע פון זיי זיינען שוין דערפאַר אפילו אויך (אַדאַנק דעם טאַטן אין הימל) אָנגע־קלאָגט געוואָרן אין געריכט.

וואָס־זשע מיינט דאָס? איז דאָס גנבה?

שווער צו זיין אַ „קרבן"

ווען טשאַרלס ע. ווילסאָן, דער פּרעזידענט פון דער דזשענעראַל מאָטאָרס, איז געוואָרן דער סעקרעטאַר אָוו דעפענס, אָדער ווי אַנדערע רופן עס, דער מיניסטער פון פאַרטיידיגונג, איז מאָטל אַריין צו מיר מיט אַ געשריי:

— גוואַלד, וואָס טוט מען?! איך וויל זיך מקריב זיין פאַר דעם לאַנד, פאַר די אינסטיטוציעס פון לאַנד, נאָר מען לאָזט ניט.

דיך, זאָגט מיר מאָטל, לאָזט מען ניט ווערן קיין בירגער, אָבער מיך לאָזט מען דאָך שוין אפילו ניט צאָלן קיין אינקאַם־טעקס. שוין עט־לעכע וואָכן, אַז איך צאָל ניט.

— און פאַרוואָס צאָלסטו ניט? ווער שטערט דיר? — פרעג איך.

גיט מיר מאָטל אַן ענטפער, וואָס קלינגט ווי די מעשה, וואָס איך האָב אַמאָל אין מאַקאַרעוו (קיעווער גובערניע) געהערט וועגן אַ קלאָג מיט וועלכער אַן אָרעמער חסיד איז געקומען צו אַ דאָרטיגן רבי'ן.

די קלאָג פון דעם חסיד איז געווען:

— גוואַלד, שוין צוויי טעג, אַז ער קומט ניט נאָך די מצוות פון וואַשן זיך צום עסן און פון בענטשן נאָכ'ן עסן.

— אָבער פאַרוואָס קומסטו זיי ניט נאָך? — האָט אים דער רבי געפרעגט.

איז דער ענטפער פון חסיד געווען:

— ווייל איך עס ניט און ווייל איך האָב ניט וואָס צו עסן.

מאָטל'ס ענטפער צו מיר איז געווען:

— איך צאָל ניט קיין אינקאַם־טעקס, ווייל שוין עטלעכע וואָכן, אַז איך האָב ניט קיין אַרבעט און ניט קיין אינקאַם...

— אָבער פאַרוואָס, — פרעג איך ביי מאָטל'ען, — איז עס דיר איצט איינגעפאַלן צו נעמען זיך קלאָגן וועגן דעם? איז עס דען אַ נייעס פאַר דיר ניט צו האָבן קיין אינקאַם און ניט צו צאָלן קיין אינקאַם־טעקס?

ווייזט מיר מאָטל אַן אויסשניט פון אַ ציימונג און שרייט:

— ווייל אָט זע, למשל, ווי אַזוי אונזער סעקרעטערי אָוו דעפענס, טשאַרלס ע. ווילסאָן איז זיך (נעבעך) „מקריב" און וואָס פאַר „קרבנות" ער ברענגט פאַר דעם לאַנד.

ער, ווילסאָן, ווייזט מיר מאָטל, האָט איצט, צוליב זיין „פּאַטריאָ־טיזם", און כדי צו קאָנען זיין סעקרעטערי אָוו דעפענס, פאַרקויפט פאַר צוויי מיליאָן און 700 טויזנט דאָלאַר שערס, וואָס ער האָט געהאַט ביי דער דזשענעראַל מאָטאָרס קאָרפּאָרעישאָן. אָבער וואָס האָב איך, מאָטל דער סטאָליער, צו פאַרקויפן? דענקסטו, אַז פאַר דער „שאַרעמאַנקע", וואָס איך טראָג אָפּט אויף די אַקסלען וועט מען מיר אויך געבן צוויי מיליאָן מיט 700 טויזנט דאָלאַר?

— מילא, — זאָג איך צו מאָטלען, — זיינט איר דאָך שוין איצט ביידע אָן שערס. נישט דו ביסט אַ מאַכער ביי דער דזשענעראַל מאָטאָרס און ניט ווילסאָן איז דאָרט אַ מאַכער.

שרייט מאָטל: טאַקע? אַזוי דענקסטו! אָבער אָט זע וואָס מען שרייבט וועגן דעם אין דעם אויסשניט פון דער צייטונג.

דאָרט זאָגט זיך: יאָ, די שערס האָט ער טאַקע פאַרקויפט, אָפּגע־נומען פאַר זיי נאָענט צו צוויי מיט דריי פערטל מיליאָן דאָלאַר, קיין אמט ביי דער דזשענעראַל מאָטאָרס האָט ער טאַקע אויך ניט. אָבער מיט דער קאָרפּאָרעישאָן און מיט אירע געשעפטן און פּראָפיטן האָט ער נאָך איצט אויך גאָר אַ גרויסן שייכות.

זיינע פאַרבינדונגען מיט דער קאָרפּאָרעישאָן זיינען אַזעלכע, אַז זי דאַרף אים נאָך צאָלן זיין גאַנצן לעבן אַ פּענסיע פון פערציג טויזנט דאָלאַר אַ יאָר. זי דאַרף אים נאָך ביז 1957 אויסצאָלן אַ קעש באָנוס פון 679 טויזנט מיט 678 דאָלאַר. זי דאַרף אים אחוץ דעם אַלם באָנוס אויך געבן נאָך 1,737 שערס פון איר סטאָק. די קאָרפּאָרעישאָן דאַרף נאָך אויך צאָלן פאַר זיינער אַן אינשורענס פּאָליסי, וואָס באַטרעפט הונדערט טויזנט דאָלאַר.

— נו, — זאָגט מאָטל, — דענקסטו, אַז דערמיט האָט ער שוין זיינע פאַרבינדונגען מיט דער קאָרפּאָרעישאָן טאַקע אינגאַנצן איבער־געריסן?

— אָבער ער, ווילסאָן, זאָג איך, האָט דאָך אויפגעגעבן אַן אמט פאַר וועלכן די דזשענעראַל מאָטאָרס האָט אים חוץ די אַלע דערמאָנטע זאַכן געצאָלט 200 טויזנט דאָלאַר אַ יאָר און ער האָט אָנגענומען אַ רעגירונגס אמט, פאַר וועלכן מען צאָלט בלויז 22 און אַ האַלב טויזנט דאָלאַר אַ יאָר.

ענטפערט מאָטל: יאָ, אמת, אָבער צום מסחר וועט ער נאָך גאָר

ניט צוליינן, נאָר פאַרקערט. ער וועט נאָך דערפון מאַכן אַ פּראָפיט.

אַט זע איך אין דעם אויסשניט פון דער צייטונג, אַז ווי צוויי טעקס־עקספערטן האָבן אויסגערעכנט וועט נאָך ווילסאָן אויף זיין נייעם דזשאָב דעם קומענדיגן יאָר אויסמאַכן מיט 22 טויזנט און 850 דאָלאַר מער ווי ביי דער דזשענעראַל מאָטאָרס. אַזוי, זאָגן זיי, וועט באַטרעפן זיין „טעיק האָום פּעי" (זיין ריינער איינקונפט) נאָכדעם ווי ער וועט איצט דאָס געלט פון זיינע פאַרקויפטע שערס אינוועסטירן אין מוניציפּאַלע באָנדס, וואָס זיינען פריי פון שטייערן.

דער חשבון פון די טעקס־עקספּערטן, ווייזט מיר מאָטל, איז אַזוי:

ווען ווילסאָן וואָלט אָנגעהאַלטן זיין פּרעזידענט־אַמט ביי דער דזשענעראַל מאָטאָרס וואָלט זיין איינקונפט (די „טעיק האָום פּעי") נאָכ'ן אָפּצאָל פון אַלע שטייערן באַטראָפן 122 טויזנט מיט 750 דאָלאַר.

איצט, ווען ער וועט דאָס געלט פון זיינע שערס אינוועסטירן אין די מוניציפּאַלע באָנדס וועט זיין איינקונפט נאָכן אָפּצאָל פון שטייערן באַטרעפן 145 טויזנט מיט 600 דאָלאַר אַ יאָר.

דאָס וועט מיינען מיט 22 טויזנט און 850 דאָלאַר אַ יאָר מער ווי ווען ער וואָלט געבליבן ביים אַמט און ביי די שערס פון דער דזשענע־ראַל מאָטאָרס.

נו, זעסטו שוין וואָס דאָ טוט זיך? — זאָגט מאָטל. איך, מאָטל, דער סטאָליער, קאָן אַפילו קיין אינקאָם־טעקס ניט צאָלן. אָבער ווילסאָן איז „זיך מקריב" און מאַכט נאָך דערביי אַ פּראָפיט. דענקסטו ניט, אַז מיר וואָלט אויך געלוינט זיך אַזוי „מקריב צו זיין"?

***

מיט חדשים שפּעטער האָט שוין מאָטל וועגן ווילסאָנ'ען און וועגן דער דזשענעראַל מאָטאָרס געקראָגן גאָר אַן אַנדער טענה.

ער איז געקומען און אָנגעהויבן מאַנען:

— אפשר ווייסטו וואו מען קריגט אַ גוטן בוכהאַלטער?

— און אויף וואָס דאַרפסטו אַ בוכהאַלטער? — פרעג איך. — קאָנסטו דען אַליין ניט צוזאַמענרעכענען די לעבער פון דיינע תחתונים און די חובות פון דיין שרה־דבורה'ן צום גראָסערימאַן און צום בוטשער?

— ניין, אויף דעם דאַרף איך ניט קיין בוכהאַלטער, — זאָגט מאָטל. — אויף די לעבער גיט אַכטונג מיין שרה־דבורה און קיין חובות צום

גראסערימאן און צום בוטשער האט זי ניט. זיי ווילן איר גארניט בארגן און עס קאנען ניט זיין קיין חובות.

— טא צו וואס דארפסטו דאך דעם בוכהאלטער?

— אט געדענקסטו, פרעגט ער, וואס טשארלי ווילסאן האט געזאגט, בשעת ער, דער פרעזידענט פון דער דזשענעראל מאטארס, איז געווארן דער דעפענס־סעקרעטאר?

זיינע א דערקלערונג איז דעמאלט געווען, אז „וואס עס איז גוט פאר דזשענעראל מאטארס איז גוט פאר אמעריקע".

— פארשטיי איך, — זאגט מאטל, — אז אין פשוט'ע ווערטער מיינט עס, אז אויב די דזשענעראל מאטארס מאכט גרויסע פראפיטן, גייט עס ניט נאר פאר איר אליין, נאר אז איך און מיין שרה־דבורה דארפן דערפון אויך קריגן א חלק. נו, וויל איך קריגן א בוכהאלטער, וואס זאל אויסרעכענען וויפיל אונז קומט.

— און דו ווילסט עס טאקע באמת קריגן? — פרעג איך ביי מאטל'ען.

ענטפערט ער מיר:

— און פארוואס דען ניט?

אויב אלץ, „וואס איז גוט פאר דער דזשענעראל מאטארס איז גוט פאר אמעריקע", טא פארוואס זאל עס ניט זיין גוט אויך פאר אונז? זיינען מיר דען ניט קיין אמעריקאנער?

— מילא, וועגן דיר, זאגט מען, אז דו ביסט א „פרעמדער". אבער איך מיט מיין שרה־דבורה'ן זיינען דאך גאנצע אמעריקאנער! פארוואס־זשע זאלן מיר אויך פון דער דזשענעראל מאטארס קיין חלק ניט קריגן?

פרואוו איך מיין פריינט מאטל'ען איינריידן, אז אין דער ווירקלעכקייט האט טשארלי ווילסאנ'ס דערקלערונג גארניט געמיינט.

ווייזט ער מיר, אז אין דער ווירקלעכקייט מיינט עס שוין דווקא גאר א סך.

— ווארים אט, זע, — זאגט ער:

ווייסטו ווי גרויס עס איז דער חלק, וואס די דזשענעראל מאטארס קריגט פון די רעגירונגס־באשטעלונגען אויף דער דעפענס־פראדוקציע?

— ס'איז טאקע אמת, — זאגט מאטל, — אז קיין בוכהאלטער, וואס זאל פאר מיר מאכן מיינע חשבונות, האב איך נאך ניט. איך ווייס אבער, אז אפילו נאך איידער ווילסאן איז געווארן דער דעפענס־

סעקרעטאר האט די דזשענעראל מאטארס אליין געקראגן פולע זעכציג פראצענט פון אלע רעגירונגס־באשטעלונגען אויף די אלערליי געווערן, וואס דער דעפענס־דעפארטמענט האט געוואלט האבן.

פארוואס־זשע האט זי געקראגן אזא גרויסן חלק?

— פארשטייט זיך, — זאגט מאטל, — אז דאס איז געווען דער־פאר, ווייל ניט נאר ווילסאן, נאר אויך אנדערע האלטן מסתמא, אז „אלץ וואס איז גוט פאר דער דזשענעראל מאטארס איז גוט פאר אמעריקע".

מאטל ווייזט מיר ווייטער, אז זינט ווילסאן איז געווארן דער דעפענס־סעקרעטאר קאן מען אוודאי זען, אז זיין לאזונג איז ניט קיין פוסטער.

— אט, זע, — טענה'ט מאטל:

צו די אלע גרויסע דעפענס־באשטעלונגען, וואס די דזשענעראל מא־טארס האט פריער געקראגן, האט זי ערשט אין לעצטן חודש צוגעקראגן נאך אן עקסטרא גרויסע באשטעלונג.

אחוץ דעם, וואס זי האט אין אירע הענט איבער א העלפט פון אלע פריערדיגע רעגירונגס־באשטעלונגען, האט זי איצט צוגעקראגן נאך א ניי באשטעלונגל, וואס באטרעפט 200 מיליאן דאלאר.

א באריכט דערציילט, אז די דאזיגע באשטעלונג איז דערהויפט אויף טאנקען.

דזשענעראל מאטארס האט אין דער זעלביגער צייט ווידער אריינ־געקראגן א באשטעלונג פון 85 מיליאן דאלאר אויף ארמיי־טראקס.

— און ווייסטו וואס נאך? — זאגט מיר מאטל.

אין א דערקלערונג, וואס דער ארמיי־סעקרעטאר האט ארויסגעגעבן וועגן די דאזיגע נייע באשטעלונגען, זאגט ער, אז דאס וואס די דזשענעראל מאטארס האט זיי געקראגן איז „אין דהי פאבליק אינטערעסט". עס איז, הייסט עס, „אין אונזער אלעמענס אינטערעסן".

— פרעגט זיך: אויב עס איז „אין די פאבליק אינטערעסט", טא וואו בין איך? פארוואס זאל איך, מאטל דער סטאליער, דערפון גאר־ניט קריגן?

זיינען דען מיר, איך און מיין שרה־דבורה, ניט קיין טייל פון „פאבליק"?

— נו, זאגט מאטל, — ווייסטו שוין צו וואס איך דארף א בוכ־האלטער?...

שווער צו זיין אַ פּרעזידענט

— ווייסטו וואָס איך וועל דיר זאָגן, — טענה'ט צו מיר איינמאָל מיין פריינט מאָטל דער סטאָליער, — איך וואָלט איצט ניט געוואָלט זיין קיין פּרעזידענט פון לאַנד.

— און ווער, פרעג איך אים, וואָלט עס יאָ געוואָלט, אַז דו זאָלסט איצט זיין אַ פּרעזידענט? אפילו דיין אייגענע שרה דבורה וואָלט עס דאָך אויך ניט געוואָלט.

— זאָג איך דיר, — טענה'ט ווידער מאָטל, — אַז אפילו ווען זי וואָלט עס געוואָלט, וואָלט איך אַליין דאָס אויך ניט געוואָלט.

— און פאַרוואָס ניט? איז דען די מלאכה פון סטאָליעריי אַ בעסערע ווי די מלאכה פון אַ פּרעזידענט?

ענטפערט מאָטל:

— איך וועל דיר זאָגן דעם אמת, די מלאכה פון סטאָליעריי איז פאַר מיר איצט טאַקע זייער שווער, אָבער מיר דאַכט זיך, אַז איצט איז נאָך שווערער צו זיין אַ פּרעזידענט.

— פאַרוואָס דענקסטו אַזוי? — פרעג איך אים.

— אָט, זאָגט ער, — וועל איך דיר קודם כל געבן אַ קליינינקן ביישפּיל:

ווען איך בין נעכטן געקומען אַהיים, האָט זיך פאַר מיר מיין לענדלאָרד באַקלאָגט, אַז איבער דעם וואָס אין קאָרייע האָט מען דערקלערט אַ וואָפן־שטילשטאַנד האָט ער געהאַט אַ גרויסן פאַרלוסט אויפן סטאָקמאַרקעט. שרה דבורה האָט מיר אָבער אין דער זעלבער צייט דערלאַנגט אַ קלאָג, אַז אירע פאַרלוסטן שטייגן איצט יעדן טאָג אין סופּער־מאַרקעט. נו, פרעג איך ביי דיר: איז דען עפּעס גרינג צו באַפרידיקן אי מיין לענדלאָרד אויפן סטאָק־מאַרקעט און אי מיין שרה־דבורה'ן אין דעם סופּער־מאַרקעט?

— אָבער דאָס אַליין, — זאָגט מיר ווייטער מאָטל, — איז נאָך אַ קליניקייט. פאַראַן איצט נאָך גרעסערע, עפּעס אַזוינע מגושמ'דיגע געשעענישן, וואָס ווייזן, אַז די מלאכה פון אַ פּרעזידענט איז איצט זייער שווער.

— דהיינו, וואָס?

— אָט, נאַדיר, — זאָגט מאָטל, — אַן אַנדער ביישפּיל:

ווי דו ווייסט איז ביי אונז אין אַמעריקע פאַראַן אַ מעכטיגער טראַסט פון אויל קאָמפּאַניס.

און זיי אַלע, זאָגט מען, זיינען ביים פּרעזידענט זייער טייער. ער איז אַוודאי אויך זייער שטאַרק פאַראינטערעסירט, אַז זיי אַלע זאָלן טאָן גוטע ביזנעס.

דערפאַר טאַקע האָט מען נישט לאַנג צוריק, ווי דו אַליין האָסט געשריבן, צונישט געמאַכט אַן אָנקלאַגע, וואָס האָט באַוויזן, אַז זיי האַנדלען ווי אַ טראַסט און אַז זיי פאַרברעכן דערמיט געגן דעם אַנטי־טראַסט געזעץ.

איז אָבער צווישן זיי לעצטנס אין איין פּרט פאַראַן אַ צעטיילונג.

איין טייל, אַ גרעסערער, וויל, אַז אחוץ די אויל, וואָס אַמעריקע פּראָדוצירט זאָל מען אויך אָנהאַלטן אַן אויל־אימפּאָרט פון אויסלאַנד. אַ צווייטער טייל וויל, אַז דעם אויסלענדישן אימפּאָרט זאָל מען אָפּשטעלן.

נו, זאָגט מאָטל, דענקסטו, אַז עס איז עפּעס גוט ווען איין גרופּע פּריינט פּאָדערט איין זאַך און אַ צווייטע פּאָדערט גאָר אַן אַנדער זאַך?

— און דו ווייסט דאָך מסתמא, — זאָגט מיר ווייטער מאָטל, — אַז די צוויי פאַרשידנאַרטיגע פּאָדערונגען פון די צוויי דערמאָנטע גרופּן זיינען ניט צוליב פינאַטס.

דער טייל, וואָס וויל, אַז דער אויל־אימפּאָרט זאָל אָנגעהאַלטן ווערן באַשטייט פון אַזוינע קאָמפּאַניס, וואָס פּראָדוצירן אויל סיי דאָ און סיי אין אויסלאַנד.

דער אויל־אימפּאָרט, וואָס קומט פון אויסלאַנד איז מערסטנס פון זייער אייגענער פּראָדוקציע. די פּראָדוקציע דאָרט קאָסט זיי אַ סך ביליגער ווי דאָ און פּרייזן נעמען זיי פאַר דעם דאָ גאַנץ הויכע.

דער צווייטער טייל באַשטייט פון קאָמפּאַניס וואָס האָבן ניט קיין אויסלענדישע אויל־פּראָדוקציע. פאַר זייערע ביזנעס איז דער אימפּאָרט שעדלעך.

פאַר די גרויסע קוילן־קאָמפּאַניס איז דאָס אויך שעדלעך. דער פאַרגרעסערטער אימפּאָרט און געברויך פון אויל שעדיגט די פּראָדוקציע און די ביזנעס פון קוילן.

און ווי אזוי, זאָג מיר, זאָל מען באַפרידיגן די צוויי פאַרשידענע צדדים פון די אויל און קוילן־קאָמפּאַניס? דענקסטו, אז דאָס איז עפּעס א גרינגע מלאכה?

נו, זאָגט מאָטל, וואָלט איך טאַקע דעריבער איצט ניט געוואָלט זיין קיין פּרעזידענט.

מאָטל דערציילט מיר, אז ווען ער האָט וועגן דער אויל־געשיכטע געשמועסט מיט זיין שרה דבורה'ן, האָט זי אים געוואָרנט, אז אויב ער וויל מען זאָל אים ניט דערקלערן פאַר א „סובוואוירסיוו" טאָר ער וועגן אזוינע זאַכן גאָר ניט טראַכטן.

שרה דבורה, זאָגט ער, האָט מיר דערביי דערמאָנט אזא מעשה:

א רב פון א שול האָט זיך גענומען צו מוסר'ן אַן אַפּיקורס הלמאי ער „זינדיגט" און גייט ניט אין שול.

האָט אים דער אַפּיקורס דערלאַנגט א טשאַלענדזש און א זאָג געטאָן:

אויב איר, רבי, וועט מיר דערקלערן ווער עס איז געוועזן קין'ס (קאַיִנ'ס) ווייב וועל איך אויפהערן זינדיגן.

האָט אים דער רב געענטפערט:

„אויב מען וויל אויפהערן זינדיגן, טאָר מען וועגן פרעמדע ווייבער גאָר ניט טראַכטן"...

די אויל־קאָמפּאַניס, האָט מיר מיין שרה דבורה ווייטער געזאָגט, זיינען דעם פּרעזידענט'ס פריינט און ניט דיינע, ניט מאָטל דעם סטאָליער'ס. איז אויב דו ווילסט ניט זיין קיין „סובוואוירסיוו", דאַרפסטו וועגן זייערע געשעפטן גאָרניט טראַכטן.

— נו, זאָגט מיר מאָטל, — קאָן זיין, אז מיין שרה דבורה איז טאַקע גערעכט, אָבער דער פאַקט בלייבט דאָך, אז די מלאכה פון א פּרעזידענט איז איצט זייער א שווערע.

אַלץ הייסט „סקעבאַטשעס"

ווען די ניו־יאָרקער פּאַריערס האָבן אין 1951 דורכגעפירט זייער סטרייק האָט זיך מיין פריינט מאָטל ביי מיר צעבייזערט:

איך האָב געלייענט, זאָגט ער, דעם באַריכט פון דעם פּאַריערס דזשאָינט קאָונסיל, וואָס ווייזט, אַז די דריי וואָכן סטרייק, וואָס די פּאַריערס האָבן אָנגעפירט האָבן אַרום און געקאָסט בלויז 38 טויזנט מיט 417 דאָלאַר און 84 סענט.

איך האָב אויך געלייענט, זאָגט ער, די דערקלערונג, וואָס דערמאָנט ווי אַזוי די אַמאָליגע באַאַמטע פון דער פּאַריערס יוניאָן פלעגן אַ סטרייק פאַרוואַנדלען אין אַ רעקעט, וואָס איז געווען אַ קוואַל פון כאַבאַר, גנבה און גזלה פאַר די באַאַמטע, זייערע מאַשין־משרתים פון דער יוניאָן און פאַר מענטשן פון דער אונטערוועלט, וואָס האָבן צוזאַמען מיט זיי געאַרבעט.

— אָבער מיינסטו, זאָגט מיר מאָטל, אַז מיינע סימפּאַטיעס זיינען אינגאַנצן דווקא נאָר פאַר די איצטיגע פּאַריערס־באַאַמטע? קאָן איך דיר זאָגן, אַז מיין רחמנות גייט דווקא צו אָט די מענטשן, וואָס די פּאַריערס האָבן פאַרטריבן.

הער אַ מעשה, טענה'ט מאָטל: מענטשן פירן אַ סטרייק ביי וועלכן מען קאָן מאַכן אַ גאַנץ פיינעם „טולער". אָט טאַקע ווי דער „פאַרווערטס" זאָגט עס: „אין צייט פון אַ סטרייק קאָן געלט רינען דורך די פינגער". גייען די איצטיגע פירער און ווייזן אַזאַ בריה'שאַפט, אַז ניט זיי מאַכן דאָס אַליין און זיי לאָזן דאָס די אַנדערע אויך ניט. איז דאָס יושר?

אָט זע, זאָגט מיר מאָטל, וואָס מיינער אַ ביזנעס־אַגענט פון דער קאַרפּענטערס יוניאָן דענקט וועגן אַזוינע מענטשן, ווי די איצטיקע פֿי־רער פון די פאַריערס:

געוועזן אַמאָל ביי אונזערע סטאָליאַרעס, דערציילט מאָטל, אַזאַ פאַל:

מיר האָבן געאַרבעט ביים אויפבוי פון אַ גרויסער געביידע אויף פאַרט וואַשינגטאָן עוועניו.

איז פונקט דעמאָלט, ווען מען האָט געהאַלטן ביים פּיטן (אַריינפּאַסן) און הענגען די טירן איז געקומען מיין ביזנעס־אַגענט און געהייסן אָפּ־שטעלן די אַרבעט.

פאַרוואָס? ער האָט אויסגעפונען, אַז די טירן, וואָס זיינען געקומען פון אַ יוניאָן־פאַבריק האָבן אין זיך געהאַט אייניגע אַזוינע בלאַנקען, וואָס זיינען אין דער פאַבריק געבליבן נאָך פון יענער צייט ווען די פאַבריק האָט נאָך געהאַט אָנגעהאַלטן אַ ניט־יוניאָן שאַפּ.

נו, האָט מען אָפּגעשטעלט די אַרבעט און זיך גענומען קלייבן צו גיין אַהיים. נאָר איידער די אַרבעטער האָבן צוזאַמענגעלייגט זייערע געצייגן און אויסגעטאָן די אַרבעט־קליידער האָט מען זיי שוין געהייסן גיין צוריק.

און פאַרוואָס אַזוי שנעל צוריק? פאַרוואָס זיינען עס די טירן ערשט מיט פופצן מינוט פריער געווען טריף און איצט שוין כשר געוואָרן?

האָט מיר, זאָגט מאָטל, אַן „אַטענדענט" פון דזשאָב (דער וואָס דערלאַנגט די מאַטעריאַלן) איינגערוימט אַ סוד אין אויער, אַז „אַ הונ־דערטער האָט די טירן גע׳כשר׳ט".

האָב איך זיך ניט געפוילט, זאָגט מאָטל, און בין צוגעגאַנגען צום ביזנעס־אַגענט און אים אויף אַ זייער פשוט׳ן אופן געפרעגט:

— איז דאָס אמת, אַז אַ הונדערטער האָט אַלץ גע׳כשר׳ט?

האָט ער זיך ניט געשעמט און אָן צערעמאָניעס מיר געענטפערט:

— ווי דען? ווילסט איך זאָל זיין אַזוי ווי דיינע פריינט די לינקע? זיי זיינען דאָך אַ באַנדע „סקעבאַטשעס". ווען מען לאָזט זיי צו צו דער שיסל איז ניט זיי מאַכן אַליין אַ „טולער" און ניט זיי לאָזן דאָס אַנדערע.

נו, זאָגט מיר מאָטל, זעסטו שוין וואָס מען דענקט וועגן אַזוינע מענטשן ווי די איצטיקע פירער פון די פאַריער?

און די געשיכטע וועגן דעם ביזנעס־אַגענט פון מיין קאַרפּענטערס יוניאָן, זאָגט מיר ווייטער מאָטל, איז דאָך ניט דער איינציגער פאַל, וואָס

ווייזט פאַרוואָס די לינקע ווערן אָנגערופן „סקעבּאַטשעס".

אַט ליגט פאַר מיר אַ בוך, וואָס איז אַ קאָלעקציע פון אַרטיקלען, וואָס לואיס היימאַן האָט געשריבן אין די צייטן ווען ער איז נאָך געגאַנגען, ווי דער בוך רופט עס אָן, „אויף די וועגן פון קאַמף".

דערציילט ער דאָרטן ווי אַזוי פירער פון דער קלאָוקמאַכער יוניאָן האָבן אין זיגמאַנ'ס צייט אַפילו צעטרענצלט הונדערטער טויזנטער דאָלאַר, וואָס מען האָט געדאַרפט אויסצאָלן אַלס אינשורענס צו אַרבעטלאָזע.

ער פרעגט דאָרט (אויף זייט 121):

„קאָנען דען די אַרבעטער האָבן צוטרוי צו אַ קליקע, וועלכע דערלויבט זיך צוצונעמען די געלטער פון הונגעריגע קלאָוקמאַכער, די אינשורענס פאַר וועלכע די אַרבעטער האָבן געצאָלט, און אויסגעבן עס אויף גאַרילעס?"

וועגן די סטרייקס, וואָס די קליקע־מענטשן האָבן געפירט שרייבט ער (אויף זייט 145) און ער זאָגט:

„אין צייט פון אַ גענעראַל־סטרייק מאַכן די גענגסטערס געלט פון אַלע זייטן. חוץ דעם, וואָס זיי זיינען אין דער פיקעט־קאָמיטע, קריגן באַצאָלט, פאַרקויפן זיי סעטלמענטס צו באַלעבאַטים און טוען אַנדערע טובות. אַ באַלעבאָס וואָס באַצאָלט זיי דאַרף ניט איינלייגן קיין סעקיוריטי, ניט אָפּהיטן קיין יוניאָן־באַדינגונגען.

„די אַרבעטער", שרייבט ער דאָרט ווייטער, „ווייסן דאָס, נאָר זייער פּראָטעסט ווערט דערשטיקט פון דער קליקע מיט דער הילף פון די שטאַרקע".

נו, פרעגט ביי מיר מאָטל: איז דען אַ וואונדער פאַרוואָס אַט־די מענטשן זיינען אין כעס אויף אַזוינע פירער ווי די פאַריערס האָבן איצט?

איז דען ניט ריכטיג ווי מיין ביזנעס־אַגענט האָט מיר אַמאָל געזאָגט, אַז „ווען מען לאָזט די לינקע צו צו דער שיסל איז ניט זיי מאַכן אַליין אַ „טולער" און ניט זיי לאָזן דאָס אַנדערע טאָן?"

די קרוינונג פון „קעניג מאָריס
דעם ערשטן"

געווען איז עס ווען מען האָט געדאַרפט קרוינען די קעניגין עליזאַבעט די צווייטע.

מיין פריינט מאָטל דער סטאָליער איז דעמאָלט אַריין צו מיר מיט אַ געשריי:

— נישטאָ קיין יושר!

אַלע ציימונגען האָבן זיך צעבאַרעבאַנעוועט וועגן דער קעניגין עליזאַבעט די צווייטע און מען האָט גאָר פאַרגעסן די קרוינונג פון מיין „קעניג מאָריס דער ערשטער".

קוק איך אים אָן און וואונדער זיך:

— וואָס דרייסטו אַ ספּאָדיק מיט אַ „קעניג מאָריס דער ערשטער"?

ווערט מאָטל אין כעס און שרייט נאָך שטאַרקער:

— הער אַ מעשה, דו אַליין האָסט ניט לאַנג צוריק אויף די נייעס־זייטן פון דער „מאָרגן־פרייהייט" דערציילט, אַז מיין קאַרפּענטערס־פּרעזידענט, „קעניג בול האָטשעסאָן דער ערשטער" האָט זיך צוריקגעצויגן פון זיין טראָן און זיין קרוין האָט ער איבערגעגעבן צו זיין יורש־עצר, זיין זון מאָריס, און אים דערקלערט אַלס „קעניג מאָריס דער ערשטער". איצט האָסטו אַליין שוין גאָר פאַרגעסן די דאָזיגע נייעס און — אַהאַ! — ביי דיר אַליין איז שוין דער קאָפּ מסתמא אויך אַזוי צעטומלט פון דעם טאַראַראַם וועגן קעניגין עליזאַבעט די צווייטע, אַז דו האָסט שוין גאָר אינגאַנצן אַרויסגעלאָזט פון זינען מיין „קעניג מאָריס דער ערשטער".

אמת, זאָגט מאָטל, איך ווייס, אַז אַ סך מענטשן, אָט־די וואָס צאַצקען זיך נאָך מיט קעניגעריי, האַלטן פון אַ קעניגין בעסער ווי פון אַ קעניג. און עס קאָן זיין, זאָגט ער ווייטער, אַז ווען איך אַליין וואָלט צווישן

א קעניג און א קעניגין געמוזט באשטימען וואס עס איז בעסער, וואלט איך אפשר אויך אנגענומען, אז בעסער איז א קעניגין. עס זעט עפּעס אוים מער ראמאנטישער. אבער מיינט עס דען, אז דערפאר דארף מען שוין איצט אינגאנצן איגנארירן די קרוינונג פון מיין „קעניג"?

פּרואוו איך מיין מאטל'ען דערקלערן, אז דעם קעניגרייך פון דער „האטשעסאן־דינאסטיע ביי די קארפּענטערס קאן מען נאך ניט פאר־גלייכן צו דעם קעניגרייך פון דער בריטישער אימפּעריע. דער יחוס פון דעם בריטישן קעניגרייך איז דאך א גרעסערער.

ווערט מאטל אין כעס און שרייט:

— און פארוואס איז דיר דער יחוס פון מיין האטשעסאן'ס קעניג־רייך אזוי קליין?

אנו, לאמיר זען, אט זאג:

ווער האט מער דעה, די קעניגין אין ענגלאנד, צי דער „קעניג" אין מיין קארפּענטערס יוניאן?

קעניגין עליזאבעט די צווייטע האט די קרוין פון איר טאטן גע־קראגן ערשט נאכדעם ווען דער טאטע איז געשטארבן. אבער מיין „קעניג מארים דער ערשטער" איז געקרוינט געווארן פון זיין טאטן אליין, בעת ער, דער טאטע, איז נאך דערוויילי קיין עין־הרע (געוועזן) זייער לעבעדיג. ער האט נאך אפילו געהאט כוח אויסצורעכענען, אז עס לוינט זיך בעסער איצט צו קרוינען זיין מארים'ן און ניט ווארטן אויף נאכ'ן טויט...

ווען קעניג דזשראדזש דער זעקסטער איז פון זיין טראן אראפּ איז ער קיין „קעניג עמעריטום" ניט געבליבן. אבער ווען „בול" האטשע־סאן האט זיין יורש עצר געקרוינט פאר אונזער „קעניג" האט ער זיך אליין נאך אויך באשטימט פאר א „קעניג עמעריטום".

יא, מען זאגט, טענה'ט ווייטער מאטל, אז א קעניג אין ענגלאנד איז זייער רייך.

נו, און מיט אונזער האטשעסאן'ען, דענקסטו, דארף מען זאגן עניוּ?

ווייסטו דאך, אז ווען די קיפאווער־קאמיטע האט אנגעפירט איר אונטערזוכונג וועגן רעקעטירינג האט מען דערביי אויסגעפונען, אז אונ־זער „קעניג" האטשעסאן (דער „דעדי", מיין איך) האט א גאנץ רייכן פארמעגן אין א רעים־טרעק. דעיוויד ס. וועסטקאט, א פּארוואלטער פון

דער ווילסאָן פליש קאָמפּאַני אין טאַמפּאַ, פלאָרידאַ, האָט ביי אַ פּאַר־הער פון דער קיפּאָווער־קאָמיטע אויפגעדעקט דעם סוד, אַז מיין „קעניג" האָטשעסאָן איז דער הויפּט־אייגנטימער פון דער גאָלף סטרים פּאַרק רעיס טרעק. די שערס וואָס ער האָט דאָרט באַטרעפן 330 טויזנט דאָלאַר.

דו וויסט, טענה׳ט צו מיר ווייטער מאָטל, אַז מיין „קעניג" „דעדי" האָטשעסאָן האָט גרויסע פּלאַנטאַציעס אין פלאָרידאַ, וואו מען באַשעפ־טיגט דווקא ניט קיין יוניאָן־אַרבעטער. אַ סטרייק פאַר יוניאָן־אַנערקע־נונג האָט מען דאָרט געבראָכן. ער האָט דאָרט אויך אַ רייכן פּאַלאַץ. ער פאַרמאָגט גאָלף־קאָרסעס און גרויסע שטרעקעס לאַנד.

מיינסטו מיר צו זאָגן, אַז מיט אַזאַ פאַרמעגן איז מען אַ קאַב־צעניוק?

אָ, ניין. מען קאָן אוודאי שטעלן אַ פראַגע וואו ער האָט אַט־דעם ריזיגן פאַרמעגן גענומען. אָבער אויב רייכקייט איז אַ מאָס פון יחוס איז אַט דער יחוס גרויס ניט נאָר ביים קעניגרייך פון דער בריטישער אימפּעריע, נאָר אויך ביי אונזער האָטשעסאָן־דינאַסטיע.

מאָטל ברענגט מיר דערביי אויך אַזאַ באַווייז:

די אָפיציעלע קאָראָנאַציע פאַר קעניגין עליזאַבעט די צווייטע האָט מען, לויט באַריכטן אויף דער ראַדיאָ, באַשטימט אויף די זומער־חדשים. אַ באַריכט זאָגט, אַז דאָס איז דערפאַר, ווייל דעמאָלט האָט מען אין ענגלאַנד געקאָנט דערוואַרטן מער טוריסטן און דאָס קאָן אַריינברענגען מער ביזנעס.

אָבער די קאָראָנאַציע פאַר אונזער „קעניג מאָרים דעם ערשטן" האָט מען באַלד דורכגעפירט. די האָטשעסאָן־דינאַסטיע איז רייך גענוג און האָט עס צוליב ביזנעס נישט געדאַרפט באַשטימען אויף ווען עס איז שפּעטער.

נו, פרעגט מאָטל, איז עס דען ניט קיין פאַרברעכן ווען די דאָזיגע קאָראָנאַציע ווערט אין די צייטונגען אינגאַנצן פאַרשוויגן?

***

אָבער ווייסטו וואָס איך וועל דיר זאָגן, טענה׳ט ער צו מיר דע־מאָלט ווייטער:

פאַראַן אַזוינע מענטשן, וואָס זיינען דווקא זייער מקנא סיי מיין געוועזענעם „קעניג" ביל האָטשעסאָן, סיי מיין איצטיגן „קעניג" מאָרים האָטשעסאָן, כאָטש זיין קאָראָנאַציע ווערט פאַרשוויגן.

— למשל, ווער איז דאס זיי אזוי מקנא? — פרעג איך.

— אט דערציילט מיר מיינער א שכן, א טראקדראיווער, זאגט מאטל, אז דער פרעזידענט פון זיין טימסטערס יוניאן, דען טאבין, וואלט איצט זייער שטארק געוואלט טאן דאס זעלביגע, וואס זיין קאלעגע ביל האטשעסאן האט געטאן, נאר ער קאן דאס ניט.

און דו ווייסט דאך, זאגט ווייטער מאטל, אז „אנקל דען", ווי דאס אלטווארג פון דער א. פ. און ל. רופט דעם „קעניג" פון די טימסטערס, איז שוין קיין עין הרע אזוי אריין אין די יארן, אז אויך ער דארף אראפ פון טראן.

און אין דער ווירקלעכקייט איז ער שוין טאקע כמעט ווי א „ריי־טאיערטער". ער זיצט שוין מער אין פלארידא ווי אויף זיין שטול אין אפיס פון דער טימסטערס יוניאן. ער איז אבער אין אזא לאגע, אז צו קיין נאסלעדניק קאן ער זיין קרוין ניט איבערגעבן.

— פארוואס ניט? פעלט אים דען א נאסלעדניק?

ענטפערט מאטל:

— ניין, די צרה איז, וואס ער האט ניט נאר איינעם נאר צוויי. יא, צוויי „פרינצן" האט ער.

און ביידע זיינען טאקע שוין יארן לאנג אויך אויפן „פעיראל" פון דער יוניאן, ביידע קריגן שכירות.

איינער פון זיי, „פרינץ" פרענק טאבין, איז דער באס פון דער יו־ניאנ'ס ריסווירטש דעפארטמענט. א צווייטער, „פרינץ" פרעדי טאבין, איז דער יוניאנ'ס א פארטרעטער אין וואשינגטאן. אבער איבערגעבן זיי זיין קרוין קאן ער ניט.

— ווער שטערט אים דען? — פרעג איך.

— ווייל פאראן זיינען, זאגט מיר מאטל, דריי אורזאכן:

ערשטנס, ווייל קיין צוויי פרינצן קאן מען פאר קיין קעניג ניט קרוינען. מען דארף אויף דעם האבן בלויז איינעם.

צווייטנס, ווייל אויב דער טאטע טאבין זאל קרוינען בלויז איינעם פון זיי האט ער מורא, אז דער צווייטער וועט זיך פילן געקריוודעט.

דריטנס, ווייל אחוץ דעם איז די פאקטישע הערשאפט איבער דער טימסטערס יוניאן שוין לאנג צוריק איבערגענומען געווארן פון דעיוו בעק.

ער, דער דאזיגער בעק, איז דווקא ניט דעם „קעניג" דענ'ס א נאס־לעדניק. ער איז אבער דער „באטיסטא" פון די טימסטערס. האט ער

ניט געוואָרט ביז עמיצער וועט אים קרוינען, נאָר ער האָט זיך אריינגע־ריסן און געקרוינט זיך אַליין.

אַנקל דען איז טאַקע געגאַנגען דעם דאָזיגן בעק זייער אָפּט בייז, אָבער ער קאָן זיך גאָר ניט העלפן.

מאָטל דערציילט מיר ווייטער, אַז ווי ער האָט געהערט האָט דער „פרינץ" פרענק טאָבין ניט לאַנג צוריק געמאַכט אַ פאַרזוך צו טאָן דאָס זעלביגע, וואָס בעק האָט געטאָן. ער האָט געפּרואווט זיך אַנטאָן אַ קרוין אָן דעם טאַטן און אָן דער צושטימונג פון בעק'ן.

און געפּרואווט האָט ער דאָס דעמאָלט ווען בעק האָט זיך גראָדע געהאַט אָפּגעקערט אַביסל אָן אַ זייט.

האָט מען אים אָבער זייער שנעל דערלאַנגט ניט אַזוי „פון פראָנט", נאָר טאַקע „פון בעק", און דער פאַרזוך איז דורכגעפאַלן.

דער דאָזיגער פאַרזוך, דערציילט מיר מאָטל, איז פון פרענק'ן גע־מאַכט געוואָרן אויף אַזאַ אופן:

אין אינדיאַנאַפּאָליס, וואָס איז דער „קעפּיטל" פון טאָבינ'ס קע־ניגרייך, איז פאַראַן אַ גרויסער טימסטערס לאָקאַל 135, וואָס איז פון „פּאַפּאַ" טאָבין מיט איינציגע יאָר צוריק געשטעלט געוואָרן אונטער אַ „רעסיווערשיפ". בעק איז אָבער געווען דער, וואָס האָט באַשטימט ווער עס זאָל זיין דער „רעסיווער", וואָס זאָל פאַרוואַלטן דעם לאָקאַל. זיין אויסוואַל איז געווען ריטשארד קאָווענער, אַ געוועזענער אָרגאַנאַיזער פון דעם סי־אַי־אָ.

האָט פרענק געכאַפּט, פּונקט דעמאָלט ווען בעק איז געווען אַוועק פון שטאָט, און ער האָט קאָווענער'ן אַראָפּגעזעצט און אויף זיין אָרט באַשטימט אַן אַנדער רעסיווער.

זיין ווילן איז געווען צו ווייזן דערביי בעק'ן, אַז אַ „קרוינפּרינץ" איז ניט קיין קלייניגקייט.

איז אָבער בעק געקומען און באַשטימט, אַז דער לאָקאַל זאָל בכלל זיך נאָר אַליין דערוויילן באַאַמטע און עס זאָל דאָרט אינגאַנצן ווערן אויס רעסיווערשיפּ.

אָט אַזוי, זאָגט מאָטל, איז דער פאַרזוך צעקלאַפּט געוואָרן און די טאָבין־דינאַסטיע איז נעבעך ווידער געבליבן אויף צרות: פּאַפּאַ טאָבין קאָן ניט טאָן דאָס זעלביגע וואָס זיין קאָלעגע, געוועזענער פּרעזידענט האָטשעסאָן האָט געטאָן. ער קאָן קיין יורש פאַר זיין קרוין ניט באַשטימען.

ואחרי מות האַטשעסאָן

דעם 20טן אָקטאָבער, 1953, האָבן צייטונגען אָנגעזאָגט די נייעס, אַז עס איז געשטאָרבן ביל האַטשעסאָן, דער „פּרעזידענט עמעריטוס" פון דער קאַרפּענטערס יוניאָן.

לעבן מיר איז אָבער אין דער זעלביגער צייט רואיג געזעסן מיין פריינט מאָטל דער סטאָליער, אַקוראַט ווי מיט אים וואָלט ער גאָר קיין שייכות ניט געהאַט.

פרעג איך ביי אים:

— מאָטל, וואָס איז דאָס? דו זיצט גאָרניט קיין שבעה?

— וואָס פאַר א שבעה? — פרעגט ער.

— וואָס־זשע, דו ווייסט גאָרניט? — זאָג איך, — דער „פּרעזידענט עמע־ריטוס" פון דיין יוניאָן, ביל האַטשע־סאָן, איז דאָך געשטאָרבן!

ענטפערט מאָטל:

— נו, טאָ זאָל זיך זיין זון מאָ־רים פרייען.

— וואָס איז דאָ די שמחה?

— ווייל פאַר אים, פאַר זיין זון מאָרים'ן, — זאָגט מאָטל, — האָט דער טאַטע איבערגעלאָזט א גאַנץ פעטע ירושה.

מאָטל דערמאָנט מיר, וואָס די ירושה איז.

— דו געדענקסט דאָך, זאָגט ער, אַז ערשטנס, האָט ער דעם זון איבערגעגעבן אַלס ירושה דעם אמט פון פּרעזידענט; צווייטנס האָט ער פאַר אים איבערגעלאָזט די „גאָלף סטרים פּאַרק רעיס־טרעק", וואָס געפינט זיך אין פלאָרידאַ; דריטנס, האָט ער פאַר אים איבערגעלאָזט גאָלף קאָרסעס, גרויסע פּלאַנטאַציעס, גרויסע שטרעקעס לאַנד. בכלל, א גאַנץ פיינע עשירות.

נו, זאָגט מאָטל, טאָ זאָל זיך טאַקע זיין זון, מיין איצטיגער פּרע־זידענט מאָרים פריען. אָבער פאַרוואָס זאָל איך זיצן שבעה?

— דו, — זאָג איך צו מאָטל'ען, — ביסט, הייסט עס, ברוגז דער־פאַר, וואָס ער האָט דיר קיין ירושה ניט איבערגעלאָזט.

שרייט מאָטל:

— אַ, ניין. פאַרקערט, איך בין בייז דערפאַר, וואָס ער האָט מיר יאָ איבערגעלאָזט אַ ירושה. ער האָט מיר אַלס ירושה איבערגעלאָזט זיין זון, אַז ער זאָל זיין מיין פּרעזידענט. נו, דענקסטו ניט, אַז איך, מאָטל דער סטאָליער, וואָלט זיך זייער גרינג געקאָנט באַגיין אָן דער דאָזיגער ירושה?

— וואָס־זשע, האָסט געוואָלט, אַז ער זאָל דיר לאָזן די „רעים־טרעק"?

שרייט ווידער מאָטל:

— אַ, ניין, דאָס אוודאי ניט.

— און פאַרוואָס געפעלט דיר עפּעס ניט די רעים־טרעק? — פרעג איך.

ענטפערט מאָטל:

— ערשטנס, ווייל מיין שרה דבורה האָט עס פיינט, זי איז זייער אין כעס, באַזונדערס אויף די פענצטערלעך פון די רעים־טרעק. זי איז געוואוינט צו „קלינען" פענצטער, אָבער ביי די פענצטערלעך פון די רעים־טרעק, זאָגט זי, איז פונקט פאַרקערט. דאָרט „קלינט" מען ניט די פענצטערלעך, נאָר די פענצטערלעך „קלינען" די מענטשן.

צווייטנס, זאָגט ווייטער מאָטל, האָבן מיר דען איצט ווייניג צרות פון די יאַנקערס רעים טרעק? צו וואָס דאַרף איך נאָך האָבן די „גאָלף סטרים פּאַרק רעים טרעק"?

— אָבער זע, וואָס מען זאָגט פונדעסטוועגן וועגן דיין פאַרשטאָר־בענעם פּרעזידענט, — זאָג איך צו מאָטל'ען.

איך ווייז אים, אַז אפילו דזשאָן ל. לואיס, אַט־דער וואָס האָט האָטשע־סאָנ'ען אין 1935 ביי אַ קאָנווענשאָן דערלאַנגט אַ זעץ, אַז עס האָט זיך פון אים געלאָזט דאָס בלוט, — אפילו ער האָט איצט אין אַ מע־סעדזש צו האָטשעסאָנ'ס יורשים באַזונגען האָטשעסאָנ'ען.

— אָט זע, זאָג איך אים, אַז אפילו דזשאָרדזש מיני, אָט־דער וואָס האָט זיך מיט האָטשעסאָנ'ען ערשט ניט לאַנג צוריק געקריגט, האָט

איצט אויך אין א מעסעדזש צו די יורשים „באַדויערט זייער פאַרלוסט״ און באַזונגען האַטשעסאַנ׳ען.

פרעגט מיך מאַטל:

— האָסטו געהערט די מעשה וועגן דעם פאַרמער און זיין אייזל?

— די מעשה, — צי עס איז א וויץ, אָדער ניט, — איז געווען גע־דרוקט אין א קליינינקער פאַרמער־צייטונג און איז אַזוי:

ביי איינעם פון די פאַרמערס האָט אַן אייזל דערלאַנגט א בריק דעם פאַרמער׳ס שוויגער און זי איז געפאַלן א טויטע.

זיינען צו דער לוויה געקומען אַזוי פיל מענטשן, דערהויפּט מענער, אַז דער גלח האָט אין זיין „הספד״ דאָס גענוצט אַלס באַווייז, אַז די פאַרשטאָרבענע שוויגער איז געווען זייער באַליבט און אַז נאָר דערפאַר זיינען אַזוי פיל מענער געקומען צו איר לוויה.

האָט אָבער דער פאַרמער אים גלייך א זאָג געטאָן:

„ניין, פאַטערל, זיי זיינען אהער געקומען ניט צו איר לוויה, נאָר צו קויפן דעם אייזל, וואָס איז די אורזאַך פון דער לוויה״.

— איך האָב א חשד, זאָגט מיר מאַטל, אַז צווישן די, וואָס האָבן דעם טויט פון מיין געוועזענעם פּרעזידענט פאַרמעל באַדויערט זיינען אויך געווען אַזוינע, וואָס האָבן דערביי אינזינען געהאַט „דעם אייזל״ מער ווי דעם פאַרשטאָרבענעם.

אָבער דאָס אַליין, זאָגט ער מיר ווייטער, איז דאָך אויך ניט קיין באַווייז, אַז איך, מאַטל דער סטאָליער, דאַרף זיך איצט זעצן שבעה....

*
**

עטלעכע טעג נאָכן טויט פון ביל האַטשעסאַן פּאַקט מיך מיין פריינט מאַטל און ער לייגט פאַר מיר אַוועק א קלאָג:

— ווען דו האָסט דערהערט וועגן טויט פון מיין יוניאָן־פּרעזידענט האָסטו מיר גענומען דרייען א ספּאָדיק הלמאי איך זיץ ניט קיין שבעה. איצט דרייט מיר א ספּאָדיק מיין שרה־דבורה.

— וואָס וויל שרה־דבורה? — פרעג איך ביי מאַטלען.

— זי האָט דערזען, זאָגט ער, א שטיקל נייעס וועגן דער ירושה, וואָס מיין פּרעזידענט האָט איבערגעלאָזט.

די נייעס זאָגט, אַז אחוץ דער גאַנץ פיינער ירושה, וואָס ער האָט איבערגעלאָזט פאַר זיין זון, מיין איצטיגן פּרעזידענט מאָריס האַטשעסאַן,

האָט ער אויך גאַנץ פיין באַזאָרגט זיין פרוי מעדעלין ווילסאָן האָטשעסאָן.

פאַר איר האָט ער אָפּגעשריבן די רייכע הויז, וואָס ער האָט גע־האַט אין אינדיאַנאַפּאָליס און דעם פּאַלאַץ, וואָס ער האָט געהאַט אין פלאָרידאַ.

אחוץ דעם האָט ער זי באַזאָרגט מיט אַן אַנזאָג, אַז אַזוי לאַנג ווי זי וועט לעבן זאָל זי פון זיין פאַרמעגן קריגן אַן אָפּצאָל פון טויזנט דאָלאַר אַ חודש.

און אַזאַ צוואה האָט ער פאַר איר איבערגעלאָזט ניט געקוקט אויף דעם, וואָס זי איז שוין געווען זיין דריטע פרוי. מיט איר האָט ער חתונה געהאַט ערשט אין 1948 און געלעבט מיט איר בלויז עטלעכע יאָר.

נו, זאָגט מאָטל, האָט מיין שרה דבורה זיך גענומען צו טענה'ן:

זע, מאָטל ליבער, מיט דיין פּרעזידענט האָט זיין מעדעלין זיך גע־מוטשעט בלויז פינף יאָר. האָט ער זי באַזאָרגט מיט צוויי פּאַלאַצן און מיט אַ „סטעדי פּעי", אַ שטענדיגן איינקונפט פון טויזנט דאָלאַר אַ חודש. איך, שרה דבורה, מוטשע זיך מיט דיר שוין צענדליגער יאָרן, איז וואָס האָב איך?

זי טענה'ט צו מיר:

מאָטל טייערער! איך בין דיר ניט קיין שונא, חלילה. לעב דיר ביז הונדערט מיט צוואַנציג יאָר. זאָל עס זיין מיר, וואָס איך ווינטש דיר. אָבער שטעק כאָטש אָפּ אַ טויזנטער אַ חודש ביי דיין לעבן! דיין פּרעזידענט טוט דאָס אפילו ווען ער איז שוין טויט. טאָ ווייז כאָטש דו, אַז דו טוסט אַזוינס, דיר צו לאַנגע יאָרן, ווען דו לעבסט נאָך!

כדי אָפּצושלאָגן די טענות פון מיין שרה דבורה'ן, זאָגט מאָטל, דערצייל איך איר, אַז איידער מעדעלין ווילסאָן האָט חתונה געהאַט פאַר מיין פּרעזידענט „בול" האָטשעסאָן איז זי געווען אַן אויפזעערין אין דער היים פאַר אַלטע סטאָליאַרעס, אין לעיקלענד, פלאָרידאַ, וואו עס גע־פינט זיך אַ בוהאַי, וועלכן די דאָרטיגע סטאָליאַרעס רופן אויך „בול האָטשעסאָן".

האָט האָטשעסאָן אין 1948 מיט איר איינגע'טענה'ט, אַז זי זאָל זיך בעסער נעמען אים אַליין צו באַדינען, און אָט דערפאַר, זאָג איך, האָט ער מסתמא זי איצט באַזאָרגט מיט די צוויי פּאַלאַצן און מיט די טויזנטער יעדן חודש.

שרייט אָבער מיין שרה דבורה:

נו, און דיך באדין איך ניט?

טאַ פאַרוואָס זאָל איך אויך ניט קריגן אַ טויזנטער יעדן חודש?

און מיין שרה דבורה ווייזט מיר, זאָגט מאָטל, אז דאָס געלט וואָלט איר איצט זייער גוט צוניץ געקומען.

דער יקרות אויף שפייז און אויף אנדערע זאכן, דערמאָנט זי מיר, איז הויך און שטייגט נאָך העכער.

און מעדעלין ווילסאָן, זאָגט זי מיר, האָט ניט געדאַרפט זאָרגן וואו צו נעמען אויף עסן פאַר האָטשעסאָנ׳ען. אָבער איך, שרה דבורה, דאַרף יאָ זאָרגן וואו צו נעמען אויף עסן פאַר מיין מאָטלען.

— נו, זאָגט שוין ווייטער מאָטל צו מיר אליין:

דענקסטו, אז איך האָב עס געדאַרפט? וואָלט איך דען אַזוינע טענות געהערט ווען מיין פרעזידענט ביל האָטשעסאָן וואָלט נאָך גע־לעבט?

טענה איך שוין צו מאָטלען:

— נו, און מיט מיר דענקסטו ביסטו שוין פאַרטיג?

— וואָס־זשע, פרעגט ער, דו ווילסט אויך אַ טויזנטער אַ חודש?

— ניין מיין טענה, זאָג איך אים, איז גאָר אַן אנדערע.

דו, מאָטל, האָסט מיר ניט לאַנג צוריק פאַרזיכערט, אז דיין פאַר־שטאָרבענער „פרעזידענט עמעריטוס" האָט געהאַט אַ רעיס־טרעק וואו זיינע שערס האָבן באַטראָפן 330 טויזנט דאָלאַר.

האָסט מיר פאַרזיכערט, אז אין זיין פאַרמעגן געפינען זיך גרויסע פּלאַנטאַציעס, גרויסע שטרעקעס לאַנד, אויך „גאָלף קאָרסעס" און אַנ־דערע זאכן, וואָס האָבן אַ גרויסן ווערט.

ווערן אָבער אָט־די אַלע זאכן אין באַריכט וועגן זיין צוואה גאָר ניט דערמאָנט. זיין לאָיער, וואָס האָט דעם באַריכט פאַרעפנטלעכט, זאָגט נאָר, אז דער פאַרמעגן, וואָס דיין „פרעזידענט עמעריטוס" האָט איבער־געלאָזט, באַטרעפט „עטלעכע הונדערט טויזנט" דאָלאַר.

נו, שטימט עס דען מיט דעם חשבון, וואָס דו האָסט פאַר מיר גע־מאַכט?

ענטפערט מאָטל:

— און פאַרוואָס דען ניט?

אָט זאָג: וויפיל זיינען עס „עטלעכע הונדערט טויזנט" דאָלאַר? פאַרשטייט זיך, אז דאָס קאָן זיין פינף הונדערט טויזנט און עס

קאָן אויך זיין פינף מאָל פינף הונדערט טויזנט. די ירושה איז יעדנ־פאַלס ניט קיין קלייניקייט...

אונ ווייסטו וואָס איך וועל דיר זאָגן, טענה'ט ווייטער מאָטל:

מיר געפעלן זייער ניט די טענות פון מיין שרה דבורה'ן. אָבער הלוואי וואָלט זי דאָך געהאַט ביים לעבן דאָס וואָס מיין פּרעזידענט ביל האָטשעסאָן האָט איבערגעלאָזט נאָך זיין טויט...

„קעניג" ראַיען און זיינע פריינט

אין אַפּריל 1953 איז „קעניג" דזשאָ ראַיען פון דער האַפן־יוניאָן אַרעסטירט געוואָרן פאַר זיינע רעקעטירונג־געשעפטן און מען האָט אים געשטעלט אונטער בעיל. אין צייטונגען האָט מען געשריבן, אַז אויף זיינע פריינט איז „אַנגעפאַלן אַ שרעק און זיי האָבן זיך גענומען צו אַנטלויפן פון ניו יאָרק".

פאַלט אויף מיר אָן מיין פריינט מאָטל דער סטאָליער מיט אַ טענה:

— זאָג מיר נאָר, איך בעט דיך, וואו האָבן עס די צייטונגען גע־נומען די נייעס, אַז ווען „קעניג" ראַיען איז אַרעסטירט געוואָרן האָבן זיינע פריינט זיך דערשראָקן און זיך גענומען צו אַנטלויפן? ווער לויפט עס און וואוהין לויפן זיי?

אָט האָב איך ערשט געזען יאַנקל רייכ'ן, אָט־דעם, וואָס האָט דעם „קעניג" ראַיען זייער שטאַרק באַזונגען אין „פאָרווערטס". איז ער ניט געלאָפן. ער איז דווקא געגאַנגען זייער פּאַמעלעך.

און איז ער דען ניט ראַיען'ס אַ גוטער פריינט?

— דו אַליין, — זאָגט מיר מאָטל, — האָסט דאָך ניט לאַנג צוריק ציטירט, וואָס דער דאָזיגער יאַנקל האָט וועגן ראַיען'ען געשריבן.

די סטעיט קראַים קאָמישאָן האָט שוין דעמאָלט טאַקע געהאַט אויפ־געדעקט, אַז ראַיען איז אַ „קעניג" פון גנבה, גזלה און שווינדל. ער אַליין האָט ביי דער קאָמישאָן געהאַט צוגעגעבן, אַז ער קריגט פאַר זיך פון שיף־קאָמפּאַניס אַ יערלעכן אָפּצאָל פון ריזיגע סומען געלט אַלס גרעפט.

ביי יאַנקל'ען איז ער אָבער אַרויסגעקומען אַ מלאך. אומזיסט טשעפּעט מען זיך נעבעך צו ראַיען'ען, האָט ער גע'טענה'ט.

„געגן ראַיענ'ען גופא", — האָט ער געשריבן אין „פאָרווערטס", — „איז ווייניג וואָס אַרויסגעבראַכט געוואָרן".

פאַר די האַפן־אַרבעטער, האָט דאָרט יאַנקל גע'טענה'ט, איז ראַיען נאָר אַ משיח. מיט זיין כוח „האָבן זיך די לאָנגשאָרמען פיין אַרויפ־געאַרבעט".

פונדעסטוועגן גייט זיך איצט דער דאָזיגער יאַנקל אַרום זייער פּאַ־מעלעך און — ער לויפט ניט.

טאָ וואו, פרעגט מאָטל, האָבן עס „דיינע קאָלעגן", די צייטונגס־רעפּאָרטערס, גענומען די נייעס, אַז ראַיען'ס פריינט „צעלויפן זיך"?

אָט, זאָגט מאָטל, האָב איך ערשט געזען אויך ראַיען'ס „סאָציאַליס־טישן" אַדוואָקאַט, לואי וואַלדמאַן, וואָס איז דער שטענדיגער פּאַרטיי־דינער פון דעם „קעניג" און פון זיין גרעפּט־און מאָרד־באַנדע.

נו, איז ער דען „געלאָפן"?

אַ נעכטיגער טאָג. אויך ער איז דווקא געגאַנגען זייער פּאַמעלעך און מען האָט געקאָנט זען, אַז ער טראַכט גאָרנישט וועגן „לויפן".

איז וואו האָט מען עס פּאַרט גענומען די נייעס, אַז די ראַיען־פריינט „אַנטלויפן"?

און צו וואָס, זאָגט ווייטער מאָטל, דאַרפן זיי עס גאָר לויפן? ווערן זיי דען פון עמיצן געיאָגט?

אַפילו ראַיען אַליין האָט דאָך נאָך איצט אויך מער פרייהייט פון דיר. דו, „שלומיאל", טענה'ט צו מיר מאָטל, באַריימסט זיך, אַז דו האָסט קיינמאָל ביי קיינעם גאָרניט גע'גנב'עט, און ערגיץ נישט גע־שווינדלט, פונדעסטוועגן וויל מען דיך פאַר קיין בירגער ניט מאַכן און מען וויל דיך גאָר איינגאַנצן ניט האָבן.

אָבער „קעניג" ראַיען איז דאָך זייער אַ חשוב'ער בירגער, נאָך איצט אויך אַ יחסן ביי גרויסע פּאָליטישנס.

פאַר דיר, וואָס דו ביסט קיין פאַרברעכן ניט באַגאַנגען, האָבן לאָיערס ביז איצט שוין עטלעכע מאָל געדאַרפט אַרבעטן זייער שטאַרק, כדי צו פועל'ן מען זאָל דיך כאָטש אַרויסלאָזן אויף פינף טויזנט דאָלאַר בעיל. אָבער ווען ראַיען איז אַרעסטירט געוואָרן, איז דער אַרעסט בלויז געווען אַ פּאַרמעלער. נאָך איידער ער האָט אַ טיר פון טורמע דערזען איז ער שוין געווען פריי אונטער דריי און האַלב טויזנט דאָלאַר בעיל.

טאָ צו וואָס דאַרף ער „לויפן"?

און פאַרוואָס דאַרפן עס זיינע קאָלעגן און פריינט אַנטלויפן?

מיין פריינט, מאָטל דער סטאָליער, האָט צו מיר אַליין נאָכדעם אויך גאָר אַן אַנדער טענה:

— איך האָב געזען, — זאָגט ער, — ווי דו מאַכסט „פאַן" דערפון, וואָס ראַיען זאָגט, אַז מיט די טויזנטער דאָלאַר, וואָס ער האָט פאַר זיך גענוצט אויף רייכע קאָסטיומען, „הופּי"־הוליאַנקעס און פריילעכע יאַז־דעס, האָט ער באַקעמפט קאָמוניזם.

אָבער איז עס דען ניט אמת?

אַט זע: די קאָמוניסטן, שטעל איך זיך פאָר, וואָלטן געוויס גע־וואָלט, אַז אַזאַ מענטש, ווי ראַיען זאָל ניט לעבן אין קיין לוקסוס. זיי וואָלטן מסתמא בעסער געוואָלט, אַז ראַיען זאָל גיין נאַקעט און באָרוועס.

די קאָמוניסטן וואָלטן דאָך אוודאי געוואָלט, אַז ראַיען זאָל קיין פערציג דאָלאַרדיגע העמדער און קיין הונדערט דאָלאַרדיגע קאַפּעליושן ניט טראָגן. זיי וואָלט אפשר גאַרניט געאַרט ווען ראַיען גייט אָן אַ העמד און אָן אַ קאַפּעליוש.

זיי וואָלטן געוויס געוואָלט, אַז אויב אים גלוסטן זיך יאַזדעס, זאָל ער זיי פּראַוועט אין די „ראַש האָוערס" אויף די ניו־יאָרקער סאָבוועיס, אָדער אויף די אייגענע רגלים.

וואָס־זשע טוט ראַיען?

שאַפט ער אַ פאָנד אויף „באַקעמפן די קאָמוניסטן" און זיי צו־להכעיס פּראַוועט ער דערמיט פאַר זיך און זיין באַנדע „הופּי־פּאַרטיס". זיי צו להכעיס קויפט ער פאַר זיך רייכע קאָסטיומען, הונדערט־דאָלאַר־דיגע קאַפּעליושן, פערציג־דאָלאַרדיגע העמדער. זיי צו להכעיס פּראַוועט ער פאַר זיך לוסט־רייזעס קיין גוואַטעמאַלאַ. זיי צו להכעיס קויפט ער זיך גרויסאַרטיגע אויטאָמאָבילן. זיי צו להכעיס פאַרברענגט ער מיט דעם געלט בייטאָג אין די גאָלף־קלובן און ביינאַכט אין די נאַכט־קלובן.

נו, מיינט עס דען ניט: „געקעמפט געגן די קאָמוניסטן"?

האָט ער טאַקע דערפאַר צו רעפּאָרטערס נאָך זיין אַרעסט גע־טענה'ט:

„ווי העוו דאָן עי גוד דזשאָב עגענסט דהי קאָמיס". ער האָט אויפ־געטאָן זייער אַ סך געגן די קאָמוניסטן...

פאַרוואָס־זשע, טענה'ט צו מיר מאָטל, מאַכסטו „פּאָן" פון דעם דאָזיגן עסק?

„קעניג" ראַיען און זיין „רעפאָרם־סקול"

— געדענקסטו דעם אָנפאַל, וואָס לעפקע'ס „אונעקספּיריענדס" (אומדערפאַרענע) גענגסטערם האָבן אין 1933 געמאַכט אויף דער פּאָר־ריערס יוניאָן?

מיט אַט־די ווערטער האָט מיך מיין פריינט מאָטל דער סטאָליער אין איין פרימאָרגן אַ כאַפּ געטאָן אַזוי שנעל ווי איך בין אריין אין מיין צימער פון רעדאַקציע.

ענטפער איך אים:

— אוודאי געדענק איך יענעם אָנפאַל. איך האָב געזען ווי יענע גענגסטערם זיינען ווי גרויסע, האַלב־געקוילעטע קעץ געלעגן אויפ'ן טראָ־טואַר און נעבעך פיין געבלוטיגט פון דעם „קבלת פנים", וואָס זיי האָבן ביי די פּאָריערס געקראָגן, ווען זיי האָבן געמאַכט זייער אָנפאַל.

— שוין אַזוי לאַנג, זאָגט מיר מאָטל, — און ביז איצט האָב איך ניט געקאָנט פאַרשטיין פאַרוואָס יענע גענגסטערם זיינען אין „פאָרווערטס" באַשריבן געוואָרן אַלס „אונעקספּיריענסד" גענגסטערס. אָבער איצט ווייס איך שוין פאַרוואָס זיי האָבן געהייסן „אונעקספּיריענסד".

— און טאַקע פאַרוואָס? — פרעג איך.

— ווייל זיי האָבן ניט דורכגעמאַכט „קעניג" ראַיען'ס „רעפאָרם סקול".

— וואָרום אַט זע, — זאָגט מיר מאָטל, — וואָס „קעניג" ראַיען האָט ווען זיינע גענגסטערס גע'טענה'ט ביי אַ פאַרהער פון דער טאָבי סענאַט־קאָמיטע.

מען האָט ביי אים געפרעגט פאַרוואָס ער באַשעפטיגט אַלס יוניאָן־אָרגאַנאַיזערס גנבים, רויבער און גאָרגל־שניידער.

האָט ער געענטפערט, אַז דאָס איז דערפאַר, ווייל ביי אים אויפ׳ן וואַסער־פראָנט איז אַ פּלאַץ וואו זיי „קאָנען זיך רעהאַביליטירן״.

און דעריבער, האָט ער דאָרט ווייטער געזאָגט, זיינען אָט־די „באָיעס״ זייער „הענדי״, זיי טויגן זיך אויס.

„עס איז זייער נוצלעך צו האָבן אַרום זיך אַזוינע שטאַרקע מיט טורמע־רעקאָרדס״, האָט דאָרט ראַיען גע׳טענה׳ט.

אָבער יענע געגנסטערס, אָט־די וואָס האָבן אין 1933 געמאַכט דעם אָנפאַל אויף דער פּאַריערס־יוניאָן, זאָגט מאָטל, האָבן קיין ראַיען־סקול ניט דורכגעמאַכט. נו, האָבן זיי טאַקע ניט געקאָנט זיין זייער „הענדי״ און זיינען געבליבן „אונעקספּיריענסד״.

ווער איך שוין אָביסל בייז און טענה צו מאָטל׳ען:

— יענע „באָיעס״ האָבן דאָך אָבער יאָ דורכגעמאַכט אַ לעפּקע־סקול!

— און געדענקסטו ווער לעפּקע איז געווען? ער אַליין איז דאָך אַ היבשע צייט געווען איינער פון די סאַמע הויפּט־לערער פון דער ראַיען־סקול, אַ נאָענטער מחותן מיט די אַנאַסטעישיאַס, אַן אָנפירער פון דעם מערדער־סינדיקאַט, „מוירדער אינקאָרפּאָרעיטעד״.

טענה׳ט צו מיר מאָטל:

— גיי שוין, גיי! ווי קומט די לעפּקע־סקול צו דער ראַיען־סקול?

— ווייסטו וואָס איך וועל דיר זאָגן, — טענה׳ט ער ווייטער, — ווען איך זע דעם בוליגאַניזם, וואָס מען נוצט אין די געפּעיקטע נייעס־„סטאָרים״ און אין די עדיטאָריעלס פון „פאָרווערטס״, דענק איך, אַז יענע מענטשן האָבן מסתמא אויך דורכגעמאַכט די ראַיען־סקול.

ניט אומזיסט האָט מען דאָרט דעם „קעניג״ ראַיען׳ען באַזונגען, אַז ער איז גאָר אַ גרויסער צדיק. ניט אומזיסט האָט מען דאָרט גע־שריבן, אַז אונטער זיין יוניאָן־פירערשאַפט זיינען די מיטגלידער פון זיין האַפן אַרבעטער יוניאָן די סאַמע גליקלעכסטע אין דער וועלט.

— און ווייסטו וואָס נאָך? — זאָגט מיר מאָטל:

עס קאָן זיין, אַז איצט, ווען „קעניג״ ראַיען וועט טאַקע אפשר אַוועק פון דער יוניאָן, וועט מען אים נאָך מאַכן פאַר אַ לעיבאָר־עדיטאָר (אַן אַרבעטער־רעדאַקטאָר) פון „פאָרווערטס״.

און פאַרוואָס דען נישט?

אויב אַ ביליג נפש׳ל, אַ ליגנערל און מסור׳ל, קאָן דאָרט זיין אַ

סיטי עדיטאָר, טאָ פאַרוואָס זאָל דאָרט „קעניג" ראַיען נישט טאָרן זיין קיין לעיבאָר־עדיטאָר?

— דו זאָגסט, — טענה'ט צו מיר ווייטער מאָטל, — אַז ראַיען וועט אויף דעם נישט טויגן, ווייל ער קאָן ניט קיין אידיש?

דענק איך, אַז דאָס איז אויך אַ טעות.

אין „פאָרווערטס" איז עס אַ שטאָלץ ווען מען קאָן ניט קיין אידיש.

— איך געדענק, — זאָגט מאָטל, — אַז אמאָל, מיט יאָרן צוריק, איז „קעניג" ראַיענ'ס איצטיגער אַדוואָקאַט, לואיס וואַלדמאַן, געווען אַ סיטי־עדיטאָר אין „פאָרווערטס". וואַלדמאַן האָט טאַקע געקאָנט אידיש כמעט אַזוי פיל ווי „קעניג" ראַיען, אָבער טאַקע דערפאַר, ווייל ער האָט קיין אידיש ניט געקאָנט, האָט אים דער דעמאָלטדיקער רעדאַקטאָר, אב. קאַהאַן, באַשטימט צו זיין אין „פאָרווערטס" אַ סיטי־עדיטאָר.

נו, טאָ פאַרוואָס זאָל דאָרט איצט ראַיען ניט קאָנען זיין קיין לעי־באָר־עדיטאָר?

איז ער דען איינער פון די „אונעקספּיריענסד"? איז ער דען פאַר דעם „פאָרווערטס" ווייניג „הענדי"?

קאָן מען דען אויף אים זאָגן, אַז ער האָט קיין ראַיען־סקול גאָר ניט דורכגעמאַכט?

יעדנפאַלס, זאָגט מאָטל: אַ זאַך, וואָס איז פאַר מיר צענדליגער יאָרן געווען אומפאַרשטענדלעך איז פאַר מיר איצט אויפגעדעקט גע־וואָרן. איך ווייס שוין פאַרוואָס די גענגסטערס, וואָס האָבן אין 1933 געמאַכט זייער אָנפאַל אויף די פאַריערס האָבן ביים „פאָרווערטס" גע־הייסן „אונעקספּיריענסד" גענגסטערס.

„קעניג" ראַיען און זיינע אַדוואָקאַטן

איינציגע וואָכן נאָך דעם ארעסט פון „קעניג" ראַיען איז מיין פריינט מאָטל אריינגעפאַלן צו מיר מיט אַזאַ טענה:

— זאָג מיר נאַר, ברודערקע, צו וואָס האָב איך, מאָטל, געדאַרפט ווערן אַ סטאָליער? וואָלט דען ניט בעסער געווען ווען איך וואָלט זיין אַן אַדוואָקאַט?

— און וואָס איז עס דיר פלוצלינג געפעלן געוואָרן די מלאכה פון אַן אַדוואָקאַט? — פרעג איך, — זיינען דען פאַראַן ווייניג אַדוואָקאַטן?

גיט מאָטל אַ מאַך מיט דער האַנט:

— אָ, אויך מיר אַדוואָקאַטן!

אַט נעם אַלס ביישפּיל, זאָגט ער, לואיס וואַלדמאַן, וואָס איז דער אַדוואָקאַט פון דעם „קעניג" דזשאָ ראַיען.

איז ווי אַזוי פירט ער ראַיענ'ס פאַרטיידיגונג?

קומט ער אין געריכט מיט אַ טענה, אַז דער באַשולדיגונגס־אַקט פון דער גרענד דזשורי, וואָס באַשולדיגט ראַיענ'ען אין דרייסיג קלאַגן פון גנבה, דאַרף ארויסגעוואָרפן ווערן.

און פאַרוואָס זאָל מען עס ארויסוואַרפן?

לייקנט ער ניט די גנבות, נאָר ער שטעלט זיך אוועק אויף אַ טעכנישן פונקט און טענה'ט, אַז לויט געזעץ האָט מען אין דעם באַשולדיגונגס־אַקט פאַרפעלט אָנצוגעבן דעם נאָמען, אָדער די נעמען פון די מענטשן ביי וועלכע ער האָט גע'גנב'עט.

פאַרשטייסטו די טענה?

מען באַשולדיגט ראַיענ'ען, אַז צענדליגער טויזנטער דאָלאַר, וואָס ער האָט ביי שיף־קאָמפּאַניס געמאָנט און געקראָגן אויף „קאַמף געגן קאָמוניסטן" האָט ער פאַרנוצט אויף לוסט־רייזעס, הולטאַיסקע הוליאַנקעס און נאָך אַזוינע זאַכן. טענה'ט וואַלדמאַן, אַז נאָר דערפאַר, וואָס אויפן פּאַפּיר פון דעם באַשולדיגונגס־אַקט זיינען ניט אָנגעגעבן די נעמען פון די שיף־קאָמפּאַניס ביי וועלכע מען האָט דאָס געלט געקראָגן, איז שוין דער אַקט אינגאַנצן פּסול.

נו, פרעג איך ביי דיר, זאָגט מאָטל:

איז דאָס אַ פּאַרטיידיגונג?

פּאַרוואָס ניט אָנווייזן, אַז אין אמת'ן האָט ראַיען גאָר ניט גע־גנב'עט? פּאַרוואָס ניט אָנווייזן, אַז דאָס געלט, וואָס ער האָט גענומען אויף „קאַמף געגן קאָמוניסטן" האָט ער טאַקע אויף דעם פאַרנוצט?

אַט זאָג אַליין: איז דען ניט ריכטיג, ווי איך האָב עס דיר שוין איינמאָל דערקלערט?

האָבן דען די קאָמוניסטן געוואָלט, אַז ראַיען זאָל פאַר זיך פּראָווען לוסט־רייזעס? געוויס ניין. האָט ער זיי אָבער געהערט ווי דעם קאָטער און האָט יאָ געפּראָוועט לוסט־רייזעס.

האָבן קאָמוניסטן געוואָלט ער זאָל פאַר זיך און זיין גענג פּראָווען „הופּי"־הוליאַנקעס אין די נאַכט־קלובן? געוויס ניין. האָט ער אָבער זיי צו להכעיס דאָס יאָ געטאָן.

נו, הייסט עס דען ניט „קאַמף געגן קאָמוניסטן"?

נאָר אָט, זאָגט מאָטל, נאַ דיר אַנדערע ביישפּילן פון שלעכטער פּאַרטיידיגונג:

ווי דו ווייסט, האָבן ראַיען מיט זיין געגג מיט אַ צייט צוריק גע־קראָגן אַן אולטימאַטום פון דער א. פ. אָוו ל., אַז זיי זאָלן אין זייער יוניאָן אָראָפּזעצן די אַלע באַאַמטע, וואָס האָבן גענומען גרעפט אָדער מתנות ביי באָסעס.

טענה'ט וועגן דעם זייער אַדוואָקאַט גענאָסע וואַלדמאַן אין אַן ענטפער צו דער א. פ. אָוו ל., אַז וואָס אָנבאַלאַנגט „מתנות", וויים ער, אַז דאָס איז אַזאַ פּראַקטיק, וואָס איז „זייער כשר" ניט נאָר אין זיין, ראַיענ'ס יוניאָן, נאָר אויך אין אַנדערע אָרגאַניזאַציעס. ער זעט דע־ריבער ניט איין פאַרוואָס מ'זאָל עס פּסל'ענען דווקא נאָר ביי זיין ראַיענ'ען.

אָבער וועגן גרעפט שטימט ער איין, אַז דאָס איז טאַקע ניט כשר. נאָר ער וויל, אַז מען זאָל זיך פריער נעמען אונטערזוכן און באַשטימען, וועלכע ראַיען־באַאַמטע עס האָבן גענומען גרעפט און וועלכע ניט.

נו, פרעג איך ווידער, זאָגט מאָטל: איז דאָס אַ פּאַרטיידיגונג?

אויב „מתנות" זיינען „כשר" איז צו וואָס דאַרף מען גאָר ריידן וועגן גרעפט?

ווער איז דאָס מחויב צו זאָגן, אַז באַאַמטע פון ראַיענ'ס און אַנאַס־טעישיאָ'ס יוניאָן נעמען גרעפט?

זאָל עס הייסן „מתנות" און פאַרטיג!

און ווען איך וואָלט געווען ראַיענ׳ס אַן אַדוואָקאַט, זאָגט מיר ווייטער מאָטל, וואָלט איך געקאָנט אָנווייזן, אַז די פאָדערונג צו באַזייטיגן אַלע רעקעטירס פון זיין יוניאָן איז אויך גאָר ניט אַזאַ נערעכטע.

ראַיענ׳ס אַדוואָקאַט וואַלדמאַן, דערמאָנט מיר מאָטל, טענה׳ט אין זיין ענטפער צו דער א. פ. אָוו ל., אַז זיין פריינט, „קעניג״ ראַיען, איז מסכים, אַז קיין רעקעטירס און קיין מענטשן מיט קרימינעלע רעקאָרדס זאָלן ניט זיין קיין באַאמטע אין אַ יוניאָן. נאָר ער מיט זיינע מענטשן האַלטן, אַז אויב אַזאַ זאַך ווערט באַשטימט דאַרף דאָס אין דער א. פ. אָוו ל., ווערן אַ געזעץ פאַר אַלע יוניאָנס און ניט דווקא נאָר פאַר ראַיענ׳ס יוניאָן.

אָבער, זאָגט מיר מאָטל, איז דאָס אַן ענטפער?

— און וואָס וואָלסטו געענטפערט, פרעג איך, ווען דו, מאָטל, וואָלסט געווען ראַיענ׳ס אַדוואָקאַט?

— וואָס איך וואָלט געענטפערט, ווילסטו וויסן? אָט הער:

קודם כל, וואָלט איך די פירער פון דער א. פ. אָוו ל., געפרעגט:

וואָס מאַכט איר זיך נאַריש? ווילט איר, אַז ראַיען און זיין גאַנצע יוניאָן־גענג זאָלן זיך אַליין אַרויסוואַרפן? ווייסט איר דען ניט, אַז זיי זיינען גאָר ניט אַזוינע יאָלדן?

צווייטנס, זאָגט מאָטל, וואָלט איך אַלס אַ ראַיען־אַדוואָקאַט זיך ניט באַנוגנט מיט אַ טענה, אַז ראַיענ׳ס יוניאָן איז ניט די איינציגע וואו מען דאַרף פאַרבאַטן רעקעטירס, נאָר איך וואָלט אויך געוויזן וואו מען דולדעט און וואו מען פאַרשוויינט די בושעוואַניע פון רעקעטירס.

***

— ווי אַזוי וואָלסטו דאָס באַווייזן? — פרעג איך ביי מאָטל׳ען.

ענטפערט ער מיר:

— פאַר מיין סאַמע ערשטן באַווייז וואָלט איך געבראַכט אַלס עדות אונזער פריינט דוד דובינסקי׳ן.

דובינסקי, זאָגט מיר מאָטל, ווייסטו דאָך, איז איינער פון די, וואָס האָבן אין דער א. פ. אָ. ל. זיך דווקא ניט זייער פיל גערעכנט מיט יאַנקל רייב׳ס „פּאַרוועטס״־געזאַנג פאַר ראַיענ׳ען. ער איז איינער פון די וואָס האָבן אַרויסגעגעבן דעם פסק געגן ראַיענ׳ען.

ער האָט בכלל זייער אָפּט אין טענה'ן, אַז ער איז געגן רעקעטירם.

ביי דער 1953 קאָנוועגשאָן פון דער אינטערנעשאָנאַל לעידים גאַר־מענט וואָירקעם יוניאָן איז שיקאַגאָ האָט ער אין זיין דערעפענונגס־רעדע אויך אָפּגעשפּילט אַ שטיק טעאַטער מיט אַ ליאַרם, אַז מען טאָר ניט דולדן קיין רעקעטירם.

איך זע, זאָגט מאָטל, אַז אין „פאָרווערטס" האָט מען זיך דערמיט צעשפּרייט אויף אַ ברייטן שטייגער און מען דערציילט, אַז דובינסקי האָט אין זיין אַרויסטריט געגן רעקעטירינג געזאָגט:

„יעדער יוניאָן־באַאַמטער, וואָס פירט זיך אויף ניט אין די ראַ־מען פון יוניאָן־מאָראַל מוז באַזייטיגט ווערן". און „יעדער יוניאָן־לאָקאַל, וואָס טאָלערירט אַ באַאַמטן, וואָס האָט אַ קרימינעלן רעקעט, אָדער וועלכער האָט פאַרבינדונגען מיט דער אונטערוועלט מוז אויסגע־שלאָסן ווערן פון דער א. פ. אָוו. ל."

ער האָט אויך געשטורעמט געגן דעם, וואָס מען גיט יוניאָן־טשאַר־טערס צו מענטשן, וואָס זיינען רעקעטירם?

אָבער ווי אַזוי האָט ער אָט פּונקט וועגן אַזאַ מענטשן געהאַנדלט אין זיין אייגענער יוניאָן?

וויסן מיר דאָך, זאָגט מיר מאָטל, אַז אין זיין אייגענעם לאָקאַל 102 איז פאַראַן אַ מענעדזשער, וועגן וועלכן די ניו־יאָרקער סיטי אַנטי־קראַים קאָמישאָן האָט שוין לאַנג צוריק אויפגעדעקט דעם פאַקט, אַז ער איז געווען דער, וואָס האָט געהאָלפן קריגן אַ טשאַרטער פאַר דעם רעקעטיר און געוועזענעם קרימינעלן אַרעסטאַנט דזשאָני דיאָ.

און דורך וועמען האָט ער פאַר אים דעם טשאַרטער געקראָגן? דורך מענטשן פון דער שיקאַגער אונטערוועלט.

אין דער זעלביגער צייט, וואָס דער רעקעטיר דיאָ האָט געהאַלטן אונטער זיין פּראָטעקציע ניט־יוניאָן דרעס־שעפּער האָט דער מענעדזשער פון דובינסקי'ס לאָקאַל זיך באַמיט ביי איינינגע „פּני" פון שיקאַגער רע־קעטירם, אַז מען זאָל פאַר דיאָ'ן קריגן אַ טשאַרטער פאַר אַ לאָקאַל פון דער א. פ. אָוו ל., אויטאָ־יוניאָן אין ניו־יאָרק.

דאָס זעלביגע איז איצט אויך אַרויסגעבראַכט געוואָרן אין אַ דער־קלערונג פון דעם ניו יאָרקער דיסטריקט אַטוירני פרענק האָגאַן, וואָס האָט דיאָ'ן געשטעלט אונטער אַ קלאָגע.

וואָס־זשע טוט וועגן דעם דובינסקי?

האט ער דען וועגן דעם דאזיגן מענעדזשער געהאנדלט אט פונקט ווי ער האט גערעדט ביי דער קאנוועגשאן?

ניין, חלילה. אין זיין באריכט פון דער גענעראל עקזעקוטיוו באארד צו דער קאנווענשאן דערמאנט מען די האנדלונג פון דעם דאזיגן מענעדזשער. אבער וואס האט מען אים געטאן?

דערציילט מען אין באריכט, אז מען האט אים דערפאר „שארף קריטיקירט".

און נאך עפעס:

פאר דער „שארפער קריטיק", זאגט מיר מאטל, האט מען דעם זעלביגן מענעדזשער אויך צוגעגעבן נאך א מלוכה'לע.

ביז איצט איז ער געווען דער מענעדזשער פון די קלאוק און דרעס־דראיווערס. איצט וועט ער אויך האבן די יורידיסקציע איבער די קלאוק און דרעס שיפינג קלוירקס.

נו, זאגט מיר מאטל, אויב מען קאן אים „באשטראפן" בלויז מיט „שארפער קריטיק" און מיט נאך א יורידיקציע, טא פארוואס דאס זעלבע ניט געגן ראיענ'ען?

און אויב מען באשטימט, אז יוניאן־באאמטע וואס זיינען מחותנים מיט מענטשן פון דער אונטערוועלט מוזן באזייטיגט ווערן, טא פארוואס מוז מען עס טאן בלויז אין ראיענ'ס יוניאן? פארוואס ניט אויך אין אונזער פריינט דובינסקי'ס יוניאן?

⁂

איך האב אבער, זאגט מאטל, נאך אנדערע אזוינע עדות ווי דובינסקי.

— ווער זיינען עס דיינע אנדערע עדות? — פרעג איך ביי מאטל'ען.

ענטפערט ער:

— ווי דו אליין האסט שוין ניט איינמאל דערציילט, קאן מען איצט א סך אזוינע „עדות" געפינען באזונדערס אין סט. לואיס וואו די א. פ. און ל. האט אין סעפטעמבער אפגעהאלטן א קאנווענשאן.

און האסטו גארניט געהערט דעם שפאס, וואס מען זאגט וועגן דעם?

מען זאגט, אז ווען די א. פ. און ל. וואלט, חלילה, ביי איר קאנווענשאן אין סט. לואיס געוואלט ערן יעדן דארטיגן פארשטארבענעם יוניאן־באאמטן דורך שטיין א מינוט און שווייגן, וואלטן די דעלעגאטן די גאנצע

צייט געדארפט שטיין אויף די פיס און קיין מויל ניט עפענען.

אין די לעצטע איניגע יאר זיינען אין סט. לואיס פארגעקומען צענדליגער שיסערייען אין וועלכע א סך רעקעטירס, וואס האבן געשפילט די ראלן פון יוניאן־באאמטע זיינען דערמארדעט געווארן.

אט אזוינע לעיבאר־רעקעטירס, זאגט מיר מאטל, זיינען דאך — צום באדויערן — פאראן אויך אין אנדערע שטעט.

טא פארוואס ווערן זיי „געקריוודעט"? פארוואס גיט מען זייערע יוניאנס אויך ניט קיין אולטימאטומס, אז זיי זאלן גלייך באזייטיגט ווערן?

***

מאטל פרעגט מיך נאכדעם:

— האסטו געהערט דעם שפאס, וואס א לאיער האט אמאל דער־ציילט וועגן איינעם פון זיינע קליענטן? אט הער:

דער קליענט האט געדארפט קומען אין געריכט וואו ער איז אנגע־קלאגט געווארן פון א גרויסער צאל קרעדיטארן, אז ער האט ביי זיי אננעבארגט א סך געלט און זיך דערקלערט באנקראט.

איז ער צום געריכט געקומען מיט א טעקסי. נאר אנשטאט צו באצאלן דעם דראייווער זיין פיר־געלט האט ער אים „איינגעלאדן" ער זאל אויך אריין אין געריכט און דארט זיין איינער פון זיינע קרעדיטארן...

דער תירוץ זיינער איז געווען, אז ער וויל דעם טעקסי־דראייווער „ניט קריוודען". זאל ער אויך זיין איינער פון די „געהויבענע" מענטשן, וואס קלאגן אים פאר באנקראט.

אבער אין דער פאדערונג, וואס די א. פ. און ל. האט געשטעלט צום „קעניג" דזשאו ראיען, זאגט ווייטער מאטל, איז עס פונקט פאר־קערט.

דא האט מען דעם גאנצן „קרעדיט" איינגעטיילט בלויז ראיענ'ען, בלויז זיין יוניאן האט מען געשטעלט א פאדערונג, אז אלע גרעפטערס און רעקעטירס, וואס זיינען דארט פאראן זאלן גלייך באזייטיגט ווערן.

נו, דענקסטו, פרעגט ער מיך, אז ראיען איז אומגערעכט ווען ער זאגט, אז פאר זיך אליין וויל ער דעם גאנצן „קרעדיט" ניט האבן?

„קעניגיי ראַיענס „בעיבי סיטערס"

— ברוך הבא, אַט בין איך שוין ווידער דאָ.

מיט אָט־די ווערטער האָט מיין פריינט מאָטל דער סטאָליער מיך באַגעגנט ווען ער האָט ווידער אויפגענומען אַ טענה וועגן „קעניג" ראַיען׳ען.

— און וואָס איז ווידער? — פרעג איך ביי אים.

איך וויל נאָך אַלץ זיין אַן אַדוואָקאַט, ענטפערט ער מיר.

און דאָס מאָל, זאָגט ער, וויל איך עס זיין ניט נאָר פאַר דעם „קעניג" ראַיען, נאָר אויך פאַר דעם „פאָרווערטס".

— וואָס האָסטו צו זאָגן וועגן „פאָרווערטס"?

— אין דער „מאָרגן פרייהייט", זאָגט ער מיר, האַלט מען אָפט אין באַשולדיגן דעם „פאָרווערטס", אַז דאָס איז אַ צייטונג פון בלאָף. האָט מיר אָבער זיינער אַן עדיטאָריעל וועגן דער ראַיען־גענג ערשט די טעג באַוויזן, אַז ער קאָן דווקא אַמאָל אויך זאָגן אַן אמת.

— וואָס האָסטו דערטאַפּט אין דעם עדיטאָריעל? — פרעג איך.

— אָט זע, מען שרייבט דאָרט:

„די אונטערזוכונג וועגן פאַרברעכן אויף דעם וואַסער־פראָנט האָט באַוויזן אַ שוידערלעך בילד פון קאָרופּציע, דעמאָראַליזאַציע און קרימינעלע פאַרברעכנס צווישן די יוניאָנס, וואָס זיינען פאַקטיש די באַלעבאַטים פון די האַפן־אַרבעטער אין ניו יאָרק און ניו דזשוירזי. — די אָרגאַניזירטע אַרבעטערשאַפט פון דער וועלט, פּונקט אַזוי ווי די פּראָגרעסיווע עפנטלעכקייט אין אַמעריקע גופא איז אויפגערודערט געוואָרן דורך אָט־די אַנטפּלעקונגען".

פרעגט זיך: סטייטש, איז דען דער „פאָרווערטס" אויך דערפון „אויפגערודערט געוואָרן"? האָט מען דען אין „פאָרווערטס" אין אַר־טיקלען פון יאַנקל רייך און פון ראַבערטס׳ן ניט גע׳טענה׳ט, אַז מען טשעפּעט זיך אומזיסט, נעבעך, צו ראַיען׳ען? האָט מען דען אין „פאָר־ווערטס" ניט געשריבן, אַז „געגן ראַיען׳ען גופא איז (פון דער אונטער־זוכונג) ווייניג וואָס ארויסגעבראַכט געוואָרן"?

וואָס־זשע מיינט איצט זיין עדיטאָריעל, אַז „די אָרגאַניזירטע אַר־בעטערשאַפט" און „די פּראָגרעסיווע עפנטלעכקייט" איז אויפגערודערט געוואָרן דורך די אַנטפּלעקונגען"?

פאַרשטייט זיך, זאָגט מאָטל, אַז דערמיט האָט דער „פאָרווערטס" אליין צוגעגעבן, אַז ער געהערט ניט צו דער „פּראָגרעסיווער עפנטלעכ־קייט". נו, פאַרוואָס־זשע דערלויבט מען זיך ווענן אים אין דער „מאָרגן־פרייהייט" צו טענה׳ן, אַז ער איז שטענדיג אַ צייטונג פון בלאָף?

אָבער דער עיקר, זאָגט מאָטל, בין איך נאָך אַלץ פאַראינטערעסירט אין דער אַדוואָקאַטור פאַר ראַיען׳ען.

האָסטו געזען, וואָס ראַבערט פּעטערסאָן, געוועזענער געהילף־קאָונ־סיל פון דער סטעיט קראַים קאָמישאָן דערציילט וועגן דעם ראַיען־פּלאַן פאַר „בעיבי־סיטערס", וואָס מיינט ניאַנקעס פאַר קינדער?

ווי פּעטערסאָן זאָגט, איז דער פּלאַן צעשטערט געוואָרן, בעת די קראַים־קאָמישאָן האָט זיך גענומען אויספאָרשן, וואָס עס טוט זיך אויפן וואָסער־פראָנט. אָבער די פאַרמאַכטע פאַרהערן פון דער קאָמישאָן האָבן געוויזן, אַז ראַיען און זיין רעכטע האַנט דזשאָני (איק) געגנאָן האָבן שוין געהאַט אַ פּלאַן, אַז פּונקט ווי זייער יוניאָן האָט אַ לאָקאַל פון האַפן־וואַכ־לייט אַזוי זאָלן זיי זיך אויך נעמען צו אָרגאַניזירן אַ לאָקאַל פון „בעיבי־סיטערס".

מיין פריינט מאָטל דערציילט מיר, אַז ווי פּעטערסאָן גיט איבער, איז דער פּלאַן געווען מען זאָל אָפּדינגען עטלעכע „לאָפּטס", אַ צאָל פּלאָרס אין גרויסע געביידעס, אריינשטעלן אין זיי קינדערשע בעטלעך און אַדווערטאַיזן, אַז מאַמעס און טאַטעס, וואָס ווילן אין געוויסע אָוונטן, אָדער אפילו אויך אויף גאַנצע טעג פּטור ווערן פון זייערע בעיבים, זאָלן זיי די בעיבים ברענגען (און זיי „דאָמפּן") אין איינעם פון די דאָ־זיגע לאָפּטס.

— און די אַנאַסטעישיאַ׳ס, זאָג איך, וואָלטן דאָרט, הייסט עס, גע־

ווען די ניאַנקעס און די „בעיבי־סיטערס״?

זאָגט מאַטל: אַ, ניין. זיי וואָלטן נאָר געווען די אויפזעער איבער די ניאַנקעס.

פאַר ניאַנקעס און „בעיבי־סיטערס״ האָט מען געפּלאַנעוועט צו אָרגאַניזירן יונגע מיידלעך און בחורים, אויך עלטערע פרויען און מענער, וואָס וואָלטן אַזוינע דזשאָבס געוואָלט אָננעמען.

דער פּלאַן איז געווען, אַז דזשאַני גענאַן אַליין זאָל זיין דער הויפּט־משגיח איבער די ניאַנקעס און „בעיבי־סיטערס״.

און פאַרוואָס דען ניט? זאָגט מיר מאַטל.

ער, דזשאַני גענאַן, האָט איצט אויך אַזוינע דזשאָבס:

ער איז פּרעזידענט פון דעם האַפן וואַטשמענס לאָקאַל 1456. ער איז סעקרעטאַר פון דעם סענד באַלאַסט קאַרנאַמענס לאָקאַל 1־824. ער איז סעקרעטאַר פון דעם מארין קאַרפּענטערס לאָקאַל 1־901. ער איז וויים־פּרעזידענט פון דעם עקזעקוטיוו קאָונסיל פון דעם אַטלאַנטיק קאָוסט דיסטריקט פון דער האַפן־יוניאָן. ער איז פּרעזידענט פון דעם ניו יאָרקער קאָונסיל פון דער האַפן־יוניאָן.

נו, טאָ פאַרוואָס זאָל ער שוין אויך ניט זיין דער משגיח איבער אַ ניאַנקע און „בעיבי־סיטערס״ יוניאָן?

און באַגרייפּסטו כאָטש, פרעגט מיך מאַטל, וואָס דאָס וואָלט געמיינט?

אָט גיב אַ טראַכט וואָס עס האָט פּאַסירט ערשט ניט לאַנג צוריק:

מרס. באַרבאַראַ לי גרום, וואָס איז אין וואַשינגטאָן אָוועקגעזעצט געוואָרן צו זיין די „בעיבי־סיטערין״ פאַר די קינדער פון קליפטאָן ברעדפאָרד, איז פון דאָרט פאַרשוואונדן צוזאַמען מיט די קינדער און זי איז נאָכדעם אָנגעקלאָגט געוואָרן אין קידנעפּינג.

און פאַרוואָס האָט זי די קינדער געקידנעפּט?

זאָגט זי, אַז זי האָט עס געטאָן דערפאַר, ווייל זי האָט געזען, אַז די קינדער האָבן „זייער אַ שלעכטע היים״.

אָבער דענקסטו, פרעגט מיך מאַטל, אַז ביי די ראַיען־ניאַנקעס וואָלטן די קינדער אויך געהאַט אַ שלעכטע היים?

און וואָלט דען דאָרט אַ מרס. גרום אויך געקאָנט מאַכן אַ קידנעפּינג דזשאָב?